מחזור

D03767441W
Duke University Libraries

ספר

קרובות
והוא

מחזור

עם פירוש ע"ט בשם

בית ישראל

ילקוט

פנינים יקרים, ומעשה אלפם

ועוד מעלות והוספות רבות המבוארות בשער השני

ווילנא

מחזור

עם פירוש ע״ט בשם

בֵּית יִשְׂרָאֵל

וילקוט

פְּנִינִים יְקָרִים, וּמַעֲשֵׂה אַלְפַּס

מאת הר״ר בן־ציון בהרב הגדול ר׳ יו״מי׳ עקיבא זצ״ל אלפס מווילנא.

נוסח אשכנז

פֶּסַח

(ימים הראשונים)

די נַייֶע מַחֲזוֹרִים זַיינֶען מִיט הוּנְדֶערְט פִינְף אוּן זִיבֶּענְצִיג נַייֶע מַעֲלוֹת הוֹסָפוֹת (נַייֶע מְשָׁלִים), וֶועלְכֶע זַיינֶען אויסגֶערֶעכֶענְט אויף די צְוֵוייטֶע זַייט שַׁעַר. (אויסֶער אַלֶע מַעֲלוֹת וֶועלְכֶע גֶעפִינֶען זִיךְ אִין בִּיז יֶעצְט גֶעדְרוּקְטֶע מַחֲזוֹרִים.

אויךְ הָאבֶּען מִיר מוֹסִיף גֶעוֶועזֶען אִין דִיעזֶע נַייֶע אויסגַאבֶּע מַחֲזוֹרִים: דְגוּשִׁים. מְתָגִים, אוּן קָאמֶעס, דָאס יֶעדֶער זָאל רִיכְטִיג זָאגֶען די עִבְרִי אוּן ווִיסֶען יֶעדֶעס ווָארְט אָבְצוּזָעצֶען. די נְגִינָה צוּ אַלֶע קְרִיאוֹת אוּן הַפְטוֹרוֹת. פִיעל מְשָׁלִים אוּן הֵיילִיגֶע גֶעדַאנְקֶען פוּן סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים.

הוצאת בי״מס י. מ. אלתר ווארשא, נאלעווקי 33

ווילנא

Druk. G. PIMENT Warszawa, Sierakowska 4

דאס זיינען די נייע הונדערט פינף און זיבעציג מעלות (נייע משלים) וואס מיר האבען מוסף געווען. (אויסער די אלע מעלות וועלכע געפינען זיך אין אנדערע מחזורים), אין יעדען מהיל בעזונדער. ראש השנה

א) פנינים יקרים.
ב) התעוררות קודם התפלה
ג) מעשה הגדולים
ד) מעשה נסים
ה) א משל פאר שמו"ע
ו) מעשה אלפס
ז) בנין ציון
ח) משלי ישראל
ט) לקוטי יקרים
י) משלי מוסר
יא) משל ומליצה
יב) מוסר פאר תקיעות
יג) דברי חכמים
יד) אמרי נועם.
טו) משלי צדקה
טז) אמרי יושר
יז) צדקת ישראל
יח) שבחי ישראל
יט) משלי ישרים
כ) משלי חכמים
כא) משלי יעקב
כב) מגיד מישרים
כג) אמרות טהורות
כד) ברכת ישראל

ליום כפור

כה) סימני יום כפור.
כו) טעם צו מנחה
כז) התעוררות לתפלת יו"כ
כח) לסעודה המפסקת
כט) התעוררות קודם כל נדרי
ל) מוסר פאר כל נדרי
לא) רעיון יקר קודם כל נדרי
לב) מוסר לבעלי בני ישראל
לג) סימן מזוהר הקדוש
לד) התעוררות קודם התפלה
לה) מעשה הגדולים
לו) מעשה נסים
לז) פנינים יקרים
לח) משלי ישראל
לט) משלי חכמים
מ) משלי ישרים
מא) משלי חן
מב) משלי יעקב
מג) הנהגת ליל יו"כ.
מד) מעשה אלפס
מה) בנין ציון
מו) לקוטי יקרים
מז) משל ומליצה
מח) אמרי נועם
מט) אמרי קדושים
נ) מעשה מר' [illegible]
נא) צדקת ישראל
נב) אמרות טהורות
נג) משלי מוסר
נד) אמרי יושר
נה) דברי מוסר פאר נעילה
נו) משלי יהודה

לחג הסוכות

נז) מעשה אלפס
נח) תורת אמת
נט) פתח דבר למעשה אלפס
ס) פנינים יקרים
סא) בנין ציון
סב) משלי חכמים
סג) יין דוד
סד) אסון לששון נהפך
סה) גאון יעקב. סו) עץ אבות
סז) שמחת בית השואבה
סח) מבשר טוב
סט) ליקוטי יקרים
ע) גמול ושלם
עא) משלי מוסר
עב) ירננו עצי יער
עג) משלי יעקב
עד) משלי ישרים
עה) בגדיך לבנים
עו) מדרש חכמים
עז) דברים ישרים
עח) מנהגים פון הושענא רבה
עט) דס גאנצע דאווענען כסדר אויף הושענא רבה
פ) גשם נדבות.
פא) גלגל החוזר
פב) קרני ראם
פג) איתן האזרחי.
פד) קדוש השם
פה) בעל הנפלאות
פו) גן עדן
פז) פרחי עדנים
פח) נחלת אבות
פט) דיא הרננים אויף שמחת תורה
צ) משל ומליצה לחג"ל.
צא) לשמחת התורה [illegible]

לחג הפסח

צב) מעלת קרבן פסח ודיניו
צג) דיא פאראדע ביים דעם קרבן פסח
צד) מעשה אלפס
צה) א מעשה בימי המקדש
צו) ערבי פסחים אויף טייטש
צז) אכילת פסח בזמן המקדש
צח) משלי חכמים
צט) ספורי גאולת מצרים
ק) פנינים יקרים
קא) בנין ציון
קב) ישראל קדושים הם
קג) השיב אף כגמולו
קד) טעם יקר לתפלת טל
קה) דיני תפלת טל
קו) עגל שפתים
קז) אל אמת
קח) העתקת ע"ט מקציה"ע
קט) למרו היטב
קי) אתה בחרתנו
קיא) גמול רשע
קיב) גאון יעקב.
קיג) עלבונה של תורה
קיד) משלי יהושע
קטו) משלי יעקב
קטז) נסי הים
קיז) שירת הים
קיח) ענות צדק
קיט) שקר אין לו רגלים
קכ) וידום ר' חנינא
קכא) חכמת שלמה
קכב) נותן בכוס עינו:

לחג השבועות

קכג) מעשה נסים
קכד) משלים פון ענין תקון שבועות
קכה) ענינים יקרים
קכו) מעשה אלפס
קכז) בנין ציון
קכח) מעשה הגדולים
קכט) משלי חכמים
קל) שמע ישראל
קלא) צדקה תציל ממות
קלב) כבוד אם
קלג) השב בתשובה
קלד) חייתם עולפה
קלה) משפטי אמת
קלו) כבוד הורים
קלז) מה חדל אני
קלח) פיעל נייע משלים אויף אקדמות
קלט) משלי יעקב
קמ) אשר דבר ה' נעשה
קמא) ויתיצבו בתחתית ההר
קמב) נסים של מתן תורה
קמג) גדולת משה
קמד) באצבעותיך חקקת
קמה) כלי גבר
קמו) עשר בשביל שתתעשר
קמז) רשות הרבים
קמח) ברכה והודאה
קמט) פ' בכורים אויף ע"ט
קנ) עדותיך נאמנו
קנא) כבוד אב
קנב) ענין יוצר אור
קנג) הנחמדים מזהב ומפז
קנד) צדיק ונשגב
קנה) מר זוטרא
קנו) באמונתו יחיה
קנז) אריכת ימים
קנח) אשל נטע
קנט) מאה שערי
קס) שנות האדם
קסא) חכמת סוחר יהודי
קסב) תוכחה אהב מוסר יראים
קסג) תלמידו של הלל
קסד) מאשפות ירום אביון
קסה) א משל פאר כלה
קסו) שפוט השופטים
קסז) פקד ה'
קסח) לחכות תחת כנפיו
קסט) ואנה עשית
קע) מקצת תהלות דוד המלך ע"ה
קעא) משלי יעקב
קעב) אגילה ואשמחה בך
קעג) והנאנו בבנינו
קעד) מטעמי משלו
קעה) מאמרי מתן תורה

א) דרייצעהן טאג אין ניסן ביי נאכט דס הייסט די נאכט וואס געהער צו ערב פסח איז מען בודק חמץ. אונ א האלבע שעה דער פריער איידער עס ווערט נאכט. טאר מען ניט טוען קיין שום זאך ביז נאך בדיקת חמץ. אויסער וואס מען דאווינט פריער מנחה. אונ מעריב:

ב) פר בדיקת חמץ מוז זיין אויף יעדען ארט ריין. אונ דאס חמץ וואס מען דארף נאך עסען זאל ליגען אויף איין ארט אוועק גיליינגט. אונ עס זאל זיין פאר דעקט. דס ער זאל עס ניט זעהן בעת בדיקה. אויך דאס קיין עכברים זאלען עס ניט פאר שלעפען:

ג) עס איז גלייך בודק צו זיין ביא אוועקסען לעכטיל. נאר עס טאר ניט זיין מיט צוויי פלאמען. ווען ער האט ניט קיין וועקסענס. מעג ער אויך בודק זיין מיט אחלב'ען לעכטיל:

ד) דר מנהג איז דם בני בית ליינגט שטיקלעך חמץ פר דר בדיקה. באופן דאס דער בעל הבית וואס איז בודק זאל ניט זעהן ווי מען ליינגט עס. נאר אין מיטין די בדיקה זאל ער עס גיפינען. נאר מען זאל זיין גיווארינט אנידר צו ליינגען הארטע שטיקלעך חמץ. דאס מען זאל ניט אן ברעקלען קיין קרישקעס. אויך זאל מען ליינגען אויף אזעלכע ערטער ווי דר בודק זאל עס קענען געפינען. אונ ווי די קינדר אדער להבדיל עכברים וועלין עס ניט דער ווייל פר שלעפען. (דער האר״י הקדוש זאגט על פי סוד דס מען זאל ליינגען צעהן שטיקלעך. אונ דער (בית אהרן) זאגט אטעם דרוף ווייל די ספרים פאן המן וואס ער האט ארום געשיקט אין אלע מדינות. מען זאל חלילה די יודען פר טיליגן. זענען געשריבן גיווארן דעם דרייצעהן טאג פון ניסן. אונ די שרייבערס זענען גיוועזן די עשרת בני המן. אונ בזכות בדיקת ובעור חמץ. וואס די יודן האבען דענסטמאל מבער גיוועזן. הט דס גורם גיוועזן זייער מפלה. דס דר אייבערשטער האט זיי מבער גיוועזן פון די וועלט. דען אין צווייטען טאג פון פסח איז גיוועזן זייער שווארצער סוף. דם מען האט אויף גיהאנגען המן מיט די צעהן זיהן. די גוטע שרייבערס. איבער דעם מאכט מען אזכר צו ליינגען צעהן שטיקלעך חמץ):

ה) דער מנהג איז דער בודק האלט אין האנט אלעפיל אריין צו ליינגען דאס חמץ וואס ער וועט געפינען. אויך האלט ער אלעכטיל דאס ער זאל גוט זוכן אונ אכטונג געבען ווי עס ליינגט אשטיקעל חמץ. אויך האלט ער אפעדער אריין צו שארען אונ אפ צו קערען. באם ער וועט דר זעהן אקרישקע חמץ. אויך האלט ער אשטיקעל טוכעל מיט אפאדעם. דען דר דין איז דאס ער זאל נאך די בדיקה גוט פאר דעקין אונ פארבונדן. דעם חמץ וואס אין דעם לעפיל פון די בדיקה. אונ מען ליינגט דעם לעפיל אנידר אויף אזו א ארט ווי קיין עכברים זאלין ניט צו קומען. אונ ווי ער זאל עס אן זעהן דם ער זאל צו מארגענס ביי ביעור חמץ ניט חלילה פר געסען. צו פר ברענגען עס:

ו) אין אלע ערטער וואס מען גייט נאר אמאל אריין מיט חמץ. מוז מען בודק זיין. לכתחלה אקעלער. אקאמער פון האלטץ. אבוידעם. אונד אין שטוב אין אלע ווינקעלעך. אונ אין אלע שפארעם:

י) איידער מען הייבט אן בודק צו זיין. זאל ער מאכען די ברכה:

ברוך, אתה יי, אלהינו, מלך העולם, אשר קדשנו במצותיו, וצונו על בעור חמץ:

אונ מען טאר ניט אום ריידען ביז ער ענדיגט דיא בדיקה. נאך דעם ווי ער הט שון גענדיגט די בדיקה. זאל ער דם חמץ מבטל זיין. דס הייסט ער זאל זאגן די ווערטר וס דא שטייט:

כל חמירא וחמיעא, דאיכא ברשותי, דלא חמתיה ודלא בערתיה, לבטל, ולהוי הפקר, כעפרא דארעא:

אונ ווער עס פאר שטייט ניט אויף לשון קודש זאל ער זאגען אויף טייטש דעם נוסח וואס מיר האבען דא גישטעלט:

כל חמירא אלע זויער טייג וחמיעא אונ פאר האנדעט אין מיין רשות דלא חמיתה גיזיירט ברוט דאיכא ברשותי וואס עס איז וועלכעס איך האב ניט גיזעהן ודלא בערתיה

וועלכעס איך האב ניט אויס גיראמט לבטל זאל צו גישט זיין ולהוי הפקר און עס זאל זיין גיאכט כעפרא דארעא אזוי ווי דער שטויב פון דער ערד:

דיני מכירת חמץ

יעדער יוד דארף צו זיין נזהר בעצייטנס צו פר קויפען דאס חמץ. דען אום ערב פסח שפעטער ווי עלף אזייגער אין דער פריא. טאר מען שוין ניט פר קויפען. דער עולם זאל וויסען דס דר איסור חמץ איז זייער גרוס פר אמשהו חמץ בפסח איז מען חייב כרת ר"ל. און ביי דינים פון פסח. אוך פון חמץ פר קויפען. קען מען חלילה גרינג נכשל ווערען. דען עס איז דא זייער פיל דינים. וואס אפילו צווישען גרוסע לומדים איז אוך דא פיהל וואס זענען ניט קלאר אין אלע דינים. איבער דעם זאל זיך קיינער ניט אונטער שטיין צו פאר קויפען אליין דס חמץ. עס מוז דווקא פארקויפט ווערען דורך אמורה הוראה בפרט נאך מענטשען וואס האלטען בהמות. ועופות. מוזען געוויס גיין זיך פרעגען די דינים ווי זיך נוהג צו זיין. אוך דארף מען וויסען דס די אלע חמצ'דיגע כלים וואס מען קען זיי ניט גוט דר ריינקען פון חמץ. זאל מען פאר קויפען אין חמץ אריין. און די רעשט חמצ'דיגע כלים זאל מען ריין אום וואשען. און אוועק שטעלן אויף אפרשטעלט ארט. בכדי דס ער זאל חלילה ניט קומען צו קיין מכשול. ער וועט פארגעסען און וועט ניטצען אחמצ'דיגע כלי אום פסח. און בזכות זה וואס מיר וועלען זיין אפ געהיט פון חמץ. וועט דר אייבערשטער פון אונז מבער זיין דעם יצר הרע. וואס ווערט אוך אן גערופען חמץ. און מיר וועלען אויס גילייזט ווערען במהרה בימינו אמן:

צו מארגענס ערב פסח פריא תיכף נאך דעם אפ עסין דאס חמץ. זאל ער אויס רומין די אלע ערטער וואס איז נאך גילעגען אין זיי חמץ. אויך אויס טרייסלען אלע קעשינעס. דאס עס זאל זיך אין זיי ניט געפונען קיין ברעקלעך חמץ. און ער זאל פר ברענין דס חמץ. דעם לעפיל מיט דעם חמץ. וואס ער האט גענומען צו זאמען געקליבען בשעת בדיקה. און זאל אצונד בעת דעם פאר ברענען נאך אמאהל מבטל זיין דאס חמץ. און ער זאל זאגען די ווערטער:

כָּל חֲמִירָא וַחֲמִיעָא, דְּאִיכָּא בִרְשׁוּתִי, דַּחֲזִיתֵיהּ וּדְלָא חֲזִיתֵיהּ, דַּחֲמִיתֵיהּ וּדְלָא חֲמִיתֵיהּ, דְּבִעַרְתֵּיהּ וּדְלָא בִעַרְתֵּיהּ, לִבָּטֵל, וְלֶהֱוֵי הֶפְקֵר, כְּעַפְרָא דְאַרְעָא:

כל חמירא אלע חמץ וחמיעא און זויער טייג דאיכא ברשותי וואס איז דא אין מיין רשות דחזיתיה וואס איך האב גיזעהן ודלא חזיתיה און וואס איך האב ניט גיזעהן דבערתיה וואס איך האב אום גיראמט ודלא בערתיה און וואס איך האב ניט אויס גיראמט לבטל זאל עס זיין בטל ולהוי הפקר און עס זאל זיין הפקר כעפרא דארעא אזוי וויא דער שטויב פון דער ערד:

דינים והנהגות מערב פסח

א) ערב פסח זאגט מען ניט מזמור לתודה און ניט למנצח און תחנון זאגט מען ניט דעם גאנצען חודש ניסן:

ב) ביז אדריטעל טאג מעג מען עסין חמץ דס הייסט מען באערעכינט דיא צייט ווען עס ווערט אום דעם ערב פסח טאג און ווען עס וועט ווערען נאכט איז אדריטעל פון דעם שיעור מעג מען עסין חמץ. דער שיעור איז אבער ניט אויף אלע מקומות גלייך איבער דעם דארף מען נזהר זיין אבסול זיך מקדים צו זיין

געווייגליך אין אונזערע מקומות קומט אויס דער שיעור אין גיין אזייגער העכסטענס ביז האלב צעהן אין דער פריא א שעה צייט נאך דעם שיעור מעג מען נאך דס חמץ פר קויפען און אויך פאר ברענגען דס חמץ. אויך מעג ער נאך אין די שעה געבען צו עסין די בהמות מיט די עופות חמץ. נאר ער זאל שטיין דר ביי ווען ווי זיי עסין אויף דאס די רעשט וואס וועט איבער בלייבען זאל ער באלד קענען מבער זיין. נאך די שעה טאר מען שוין ניט פאר קויפען אדער אוועק שענקען צו א אינו יהודי אויך ניט געבען צו בהמות עופות אפילו פר ברענגען דס חמץ איז אויך ניט גלייך נאך דיא שעה הכלל מען טאר שוין דענסטמאל קיין שום הנאה האבען פון דעם חמץ נאר באם עס ווענד זיך אין אגרויסען שאדען און עס איז נאך פיל צייט פר צוועלף זאל מען פרעגען תיכף א שאלה:

ו) אבכור סאיי ביי דעם פאטער סאיי ער איז נאר אבכור ביי די מוטער אדר ער הט אזוי דעם נאמען בכור דס ער איז דס ערשטע קינד וואס איז גיבוירען געווארען לעבעדיג אפילו דס פר אים הט די מוטער גימפילת ר"ל זענען די אלע בכורים מחויב צו פאסטען אום ערב פסח און אויב דער בכור איז נאך אקינד איז דער דין דס דער פאטער דארף פאסטען פר זיינעט וועגען נאר אויב זיי האבען אסעודת מצוה דהיינו אברית מילה אדער אפדיון הבן אדער אסיום מסכת מעגען זייא עסען:

ז) די בכורים וואס פאסטען זאגען אין די שטילע שמונה עשרה פון מנחה עננו נאר אז זיי דאוונען מנחה בצבור זאל ניט קיין בכור וואס פאסט דאוונען פאר דעם עמוד בכדי דס מען זאל אין די הויכע שמונה עשרה ניט זאגען עננו:

ח) ערב פסח גאנצען טאג טאר מען ניט עסין קיין מצה אויך קינדער וואס פערשטייען נאר דעם ענין פון יציאת מצרים טאר מען זיי ניט געבען קיין מצה אבער מאכלים פון מצה מעהל למשל קניידליך אדער חרעמזלעך מעג מען עסען נאר עס איז ניט גלייך צו עסען קיין שום מאכל נאך זייגער צוויי סיידען דס ער שפירט דס ער איז שטארק הונגעריג מעג ער עפים געמען אין מויל אריין נאר זיך ניט אן עסען צו דער זעט בכדי דס ער זאל קענען ביי נאכט עסען די מצה מיט אפעטיט:

ט) ערב פסח פון זייגער צוועלף אן טאר מען ניט טוען קיין שום מלאכה וואס מען טאר ניט טוען אום חול המועד ווייל פערצייטענס ווען דס בית המקדש איז גישטאנען הט מען שוין נאך צוועלף מקריב גיוועזען דעם קרבן פסח הט עס שוין גיהייסען יום טוב דרום דארף מען מקדים זיין זיך אפ צו שערין. און אפ צו שניידען די נעגיל פר צוועלף. נאר באם ער הט פר געסען מעג ער די נעגיל שניידען אפילו נאך צוועלף נאר אפ שערין זיך טאר ער ניט סיידען דס א אינו יהודי זאל אים אפ שערען. מטהייל ערטער זענען זיי זיך נוהג דס זיי טוען ניט קיין מלאכה אגאנצען טאג:

י) ווען עס געפאלט שבת ערב פסח איז מען בודק חמץ די נאכט פון דאנערשטיג אויף פרייטאג און מען זאגט כל חמירא און אום פרייטאג פריא פארברענט מען דס חמץ אין די זעלבע צייט פון ערב פסח און מען זאגט ניט כל חמירא ביז שבת נאך דעם עסען זאגט מען ערשט כל חמירא פון דעם פאר ברענגען דאס חמץ און פרייטאג אגאנצען טאג איז צייט דס חמץ צו פר קויפען. די בכורים דארפען פאסטען דאנערשטיג און אין דעם פרייטאג דארף מען נאך מיין נזהר זיין מען זאל ניט פר געסען צו נעמין חלה פון די חלות וואס מען הט גיבאקין לכבוד שבת דען עס איז דא כמה חלוקי דינים אויף דעם וואס מען קען חלילה גרינג נכשל ווערען אויך זאל מען אויף דעם שבת ניט קאכען קיין מאכלים פון חמצדיג מעהל און גראפען דען אום שבת וועט ער דאך ניט קענען ריין מאכען די כלים פון דעם חמץ וואס וועט בלייבען קלעבין אויף זיי. מען דאווינט אום שבת ערב פסח בהשכמה בכדי דס מען זאל באצייטינה אפ עסין אויך טיילט מען דאס עסין אויף צווייען דס מען בענטשט אין מיטען עסין און מען רועט זיך אפ אקליינע ווילע נאך דעם וואשט מען זיך נאך אמאל יוצא צו זיין שלש סעודות נאר עס דארף אלס זיין בזריזות:

דינים פון ערב יום טוב

א) ערב יום טוב איז נוהג די זעלבע דינים פון ערב שבת. און די אלע זאכען וואס עס איז אסור אום ערב שבת צו זאגען צו א נכרי ער זאל זיי טוען

אִין שַׁבָּת. אַזוֹ אוֹיךְ אוּם עֶרֶב יוֹם טוֹב טָאר מֶען נִיט זָאגֶען צוּם נָכְרִי דָאס עֶר זָאל פַאר אִים טוּעֶן דִי מְלָאכָה אִין יוֹם טוֹב וֶועלְכֶע עֶר אַלֵיין טָאר זִי אוּם יוֹם טוֹב נִיט טוּעֶן. סַיידֶען עֶר גִיבְּט עֶס צוּ טוּעֶן דֶעם נָכְרִי בְּאוֹפֶן דָאס עֶר וֶואלְט נָאךְ גִיקֶענְט מַאכֶען פַר שַׁבָּת אָדֶר פַר יוֹם טוֹב. נָאר דֶר נָכְרִי אַלֵיין הָאט זִי בַּאהַאלְטֶען צוּ טוּעֶן אִין שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב דֶענְסְטְמָאל אִיז דִי זַאךְ מוּתָּר צוּם נָכְרִי צוּ גֶעבֶּען:

כ) יֶעדֶער יוּד דַארְף הָאבֶּען בְּזִכָּרוֹן דָם פֶּערְצַייטִינְס וֶוען דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גִישְׁטַאנֶען אוּנ אַלֶע יוּדִין פְלֶעגֶען אוֹיף פֶּסַח. שָׁבוּעוֹת. סוּכּוֹת. עוֹלֵי רֶגֶל זַיין. הָט זִיךְ יֶעדֶר יוּד אִין עֶרֶב יוֹם טוֹב מְקַדֵּשׁ וּמְטַהֵר גִיוֶועֶן כְּדֵי דָם עֶר זָאל אִין יוֹם טוֹב זַיין רֵיין צוּ קֶענִין קוּמֶען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ צוּ וֶוערִין גִיזֶעהְן פַר דֶעם כָּבוֹד פוּן דִי הֵיילִיגֶע שְׁכִינָה. אִיבֶּר דֶעם אִיז זֵייעֶר רֶעכְט צוּ מַאכֶען אַזֵכֶר מֶען זָאל זִיךְ גוּט אַרוּם וַואשֶׁען. אָפּ שֶׁערֶען דִי הָאר. אָפּ שְׁנַיידֶען דִי נֶעגִיל. אוֹךְ זִיךְ טוֹבְלֶען אִין אַמִקְוָה לִכְבוֹד יוֹם טוֹב. וֶועלֶען מִיר זוֹכֶה זַיין וַוייטֶער צוּ זֶעהֶען דֶעם כְּבוֹד הַשְּׁכִינָה:

סדר עירוב תבשילין

אם חל יו"ט בער"ש מכריזין עירוב תבשילין להזכיר כל מי שלא הניח פדיין:

יוֹם טוֹב טָאר מֶען נִיט קָאכֶען אוֹיף שַׁבָּת אוּנ וֶוען יוֹם טוֹב גִיפַאלְט פְרַייטָאג טָאר מֶען יוֹם טוֹב נִיט אַרְבֵּייטֶען, אָן צוּ גְרֵייטֶען עֶסִין וַוארְג אוֹיף שַׁבָּת, סַייֶדן מֶען מַאכְט עֶרֶב יו"ט אֵיין עֵירוּב תַּבְשִׁילִין, דְהַיְינוּ מֶען גֶעמְט עֶרֶב יו"ט אֵיין שְׁטִיק חַלָּה, אוֹדֶער בְּרוֹט, מֶער מִצְוָה אִיז צוּ נֶעמֶען אֵיין חַלָּה, וָוס אִיז אָן גִיגְרֵייט אוֹיף שַׁבָּת פְרִיא, אָדֶער אוֹיף סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, אוּנ דֶר צוּ נֶעמְט מֶען אֵיין כְּזַיִת גִיקָאכְטֶע פְלֵייש, אָדֶער פִישׁ, אָדֶר אֵיין אֵיי, אוּנ מֶען מַאכְט דִי בְּרָכָה:

בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו, וְצִוָּנוּ עַל מִצְוַת עֵרוּב:

בָּרוּךְ אַתָּה גִילוֹבְּט בִּיסְטוּ גָאט אוּנְזֶער גָאט קֵינִיג פוּן דֶער וֶועלְט וָואס עֶר הָאט אוּנְז גִיהֵיילִיגְט מִיט זַיינֶע מִצְוֹת אוּנ הָאט אוּנְז גִיבָּאטֶען דִי מִצְוָה פוּן עֵירוּב:

נָאךְ דֶעם מוּז מֶען זָאגֶען בְּדֵין. אוּנ וֶוער עֶס פַר שְׁטֵייט נִיט דֶעם פֵּירוּשׁ זָאל עֶר בֶּעסֶער זָאגֶען דִיא טַייטְשׁ פוּן בְּדֵין:

בְּדֵין יְהֵא שָׁרֵא לָנָא, לַאֲפוּיֵי, וּלְבַשּׁוּלֵי, וּלְאַטְמוּנֵי, וּלְאַדְלוּקֵי שְׁרָגָא, וּלְתַקָּנָא, וּלְמֶעְבַּד כָּל צָרְכָנָא, מִיּוֹמָא טָבָא לְשַׁבַּתָּא, לָנָא וּלְכָל יִשְׂרָאֵל הַדָּרִים בָּעִיר הַזֹּאת:

בְּדֵין יְהֵא שָׁרָא לָנָא דוּרְךְ דֶעם עֵירוּב זָאל אוּנְז זַיין עֶרְלוֹיבְּט צוּ בַּאקֶען אוּנ צוּ קָאכֶען אוּנ צוּ בַּאהַאלְטֶען עֶסִינְוַוארְג אִין וַוארִימְקֵייט אוּנ לִיכְט אָן צוּ צִינְדֶען אוּנ צוּ טָאהְן אַלֶע בַּאדֶערְפְנִישׁ פוּן יוֹם טוֹב אוֹיף שַׁבָּת פַאר אוּנְז אוּנ פַאר אַלֶע וָואס וואהְנֶען אִין דִיזֶע שְׁטָאט:

אוּנ מֶען בַּאהַאלְט דֶעם עֵירוּב אוֹיף שַׁבָּת. אוּנ שַׁבָּת עֶסְט מֶען אִים אוֹיף:

נָאךְ מֶער דִינִים פוּן עֵירוּב תַּבְשִׁילִין גֶעפִינְט מֶען אִין מַחְזוֹר פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה:

דיני עירובי הצרות

אַז צְוַויי יוּדִין אָדֶר מֶער וואוֹנֶען אִין אֵיין הויז. יֶעדֶער וואוֹהְנְט אִין אַבַּאזוּנְדֶער שְׁטִיבּ. אוּנ צְוִוישֶׁען דִי שְׁטִיבֶּען אִיז דָא אַפָּאדֶר הויז. וָואס פוּן פָאדֶער הויז גֵייט מֶען אַריין אִין דיא

שטיבען. טאר מען ניט שבת טראגען פון פאדער הויז אין די שטיבען. אונ ניט פון די שטיבען אין פאדער הויז. סיידען מען האט געמאכט פרייטאג א עירובי חצרות. אפילו עס איז ניט דא קיין פאדער הויז. נאר מען גייט פון איין שטוב אין די אנדערע. אונ אין יעדער שטוב וואהנט איין אנדער בעל הבית. טאר מען ניט טראגען פון איין שטוב אין דיא אנדערע אן אעירובי חצירות. דאס איז נאר נוען מען טאר ניט טראגען אין גאס. עס איז גיט דא קיין עירוב ארום שטאט. דער עירובי חצירות ווערט אזו געמאכט. איינער וועם וואוינט אין דעם הויף זאל נעמען פרייטאג א חלה אדער איברויט וועם דאס איז גרויס ניט ווייניגער ווי זעקס היגער אייער. אונ ער גיט דעם ברויט צו איינעם אין האנט (דער איינער זאל נאר נים זיין זיין ווייב אונ נים זיינער א קינד אונ ער דארף עלטער זיין פון דרייצעהן יאהר) אונ זאגט צו אים נעם דעם ברויט אונ זאיי אים זוכה פר די אלע יודין וואס וואהנען דא אין הויף. די חלה זאל גיהערען צו אלע אין וואהנער פון דעם הויף. דער מענטש זאל געמען די חלה אונ זאל זיא אויף הייבען הויך א טפח אונ ער האט אין זינען ער זאל די חלה זוכה זיין פר אלע מענטשען וועם וואהנען אין דעם הויף. נאך דעם נעמט דער בעל הבית די חלה צוריק פון דעם מענטש אונ זאגט דיא ברכה אונ בהדין עירובא. אונ לייגט די חלה אין א שטוב וואס האלט ניט ווייניגער וויא פיר איילען אויף פיר איילען. אונ די חלה דארף ליגען ביז א שעה אין שבת. אונ דער בעל הבית זאל ביי זיך טראכטען אויב איינער פון דעם הויף וועט וועלען עסען פון דיא חלה. זאל אים ניט פר דריסען וועם ער עסט:

וכתב האריז"ל נהג לעשותו בכל ער"ש אף לא יברך כ"א שהעירוב קיים כביתפ"נ:

בָּרוּךְ אַתָּה, יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל מִצְוַת עֵרוּב:

בְּדֵין יְהֵא שָׁרֵא לָנָא, לְהַכְנִיס וּלְהוֹצִיא וּלְהָבִיא, בְּכָל שַׁבְּתוֹת הַשָּׁנָה הַזֹּאת מִבַּיִת לְבַיִת, מֵחָצֵר לְחָצֵר, וּמִגַּג לְגַג, וּמִבָּתִּים לְחָצֵר, וּמֵחָצֵר לְבָתִּים, וּמֵחֲצֵרוֹת לְמָבוֹי, וּמִמָּבוֹי לַחֲצֵירוֹת. וּמֵחֶדֶר לְחֶדֶר, וּמִבַּיִת לְגַג, וּמִגַּג לְבַיִת, כָּל מַה דִּצְרִיךְ לָן בְּשַׁבַּת הַבָּאָה, וּבְכָל שַׁבְּתוֹת הַשָּׁנָה הַזֹּאת ואם ע"פ כפ"ם וכן מי שעושה עירוב בכל ערב שבת ותל כפי"ט אומר [ביו"ט זה] וּבְיָמִים טוֹבִים שֶׁל שָׁנָה זוֹ. לָנוּ, וּלְכָל יִשְׂרָאֵל, הַדָּרִים בָּעִיר הַזֹּאת, וּלְכָל מִי שֶׁיִּתּוֹסֵף בָּעִיר הַזֹּאת:

מיט דעם עירוב זאלן מיר מעגין אריין צו ברייגגן, אונ ארויס צו טראגן, פון איין שטוב, אין די אנדערע שטוב, פון איין שטוב, אין חצר, פון חצר אין שטוב, אונ פון איין חדר, צו דעם אנדערין חדר, וום מיר וועלין דארפן, אונ צו די אלע, וואס וואהנען אין דעם חצר:

עס איז גלייך מסדר צו זיין זיך דעם טיש מיט דעם סדר מיט אלע זאכען וואס מען ברויך צו דעם סדר ביי טאג דס ער זאל ביי נאכט צום סדר ניט דארפען צו זאמען פר קידוש כבדי דאס גאנצע בני בית זאל זיין אויף צום סדר:

תפלת מנחה לערב פסח

אַשְׁרֵי יוֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ עוֹד, יְהַלְלוּךָ סֶּלָה: אַשְׁרֵי הָעָם, שֶׁכָּכָה לּוֹ אַשְׁרֵי הָעָם, שֶׁיְיָ אֱלֹהָיו: תְּהִלָּה לְדָוִד, אֲרוֹמִמְךָ אֱלוֹהַי הַמֶּלֶךְ וַאֲבָרְכָה שִׁמְךָ, לְעוֹלָם וָעֶד: בְּכָל יוֹם, אֲבָרְכֶךָּ וַאֲהַלְלָה שִׁמְךָ, לְעוֹלָם וָעֶד: גָּדוֹל יְיָ, וּמְהֻלָּל מְאֹד וְלִגְדֻלָּתוֹ, אֵין חֵקֶר: דּוֹר לְדוֹר יְשַׁבַּח מַעֲשֶׂיךָ וּגְבוּרֹתֶיךָ

יַגִּידוּ: הֲדַר כְּבוֹד הוֹדֶךָ, וְדִבְרֵי נִפְלְאוֹתֶיךָ, אָשִׂיחָה: וֶעֱזוּז נוֹרְאוֹתֶיךָ יֹאמֵרוּ, וּגְדֻלָּתְךָ אֲסַפְּרֶנָּה: זֵכֶר רַב טוּבְךָ, יַבִּיעוּ, וְצִדְקָתְךָ יְרַנֵּנוּ: חַנּוּן וְרַחוּם יְיָ, אֶרֶךְ אַפַּיִם, וּגְדָל חָסֶד: טוֹב יְיָ לַכֹּל, וְרַחֲמָיו, עַל כָּל מַעֲשָׂיו: יוֹדוּךָ יְיָ, כָּל מַעֲשֶׂיךָ, וַחֲסִידֶיךָ, יְבָרְכוּכָה: כְּבוֹד מַלְכוּתְךָ, יֹאמֵרוּ, וּגְבוּרָתְךָ, יְדַבֵּרוּ: לְהוֹדִיעַ לִבְנֵי הָאָדָם, גְּבוּרֹתָיו, וּכְבוֹד, הֲדַר מַלְכוּתוֹ: מַלְכוּתְךָ, מַלְכוּת כָּל עֹלָמִים, וּמֶמְשַׁלְתְּךָ, בְּכָל דּוֹר וָדֹר: סוֹמֵךְ יְיָ, לְכָל הַנֹּפְלִים, וְזוֹקֵף, לְכָל הַכְּפוּפִים: עֵינֵי כֹל, אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ, וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם, אֶת אָכְלָם, בְּעִתּוֹ: פּוֹתֵחַ, אֶת יָדֶךָ, וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי, רָצוֹן: צַדִּיק יְיָ, בְּכָל דְּרָכָיו, וְחָסִיד, בְּכָל מַעֲשָׂיו: קָרוֹב יְיָ, לְכָל קֹרְאָיו, לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת: רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה, וְאֶת שַׁוְעָתָם יִשְׁמַע, וְיוֹשִׁיעֵם: שׁוֹמֵר יְיָ אֶת כָּל אֹהֲבָיו, וְאֵת כָּל הָרְשָׁעִים, יַשְׁמִיד: תְּהִלַּת יְיָ, יְדַבֶּר פִּי, וִיבָרֵךְ כָּל בָּשָׂר, שֵׁם קָדְשׁוֹ, לְעוֹלָם וָעֶד: וַאֲנַחְנוּ, נְבָרֵךְ יָהּ, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, הַלְלוּיָהּ:

חש״ץ אומר ח״ק ואח״כ מתפללין שמ״ע בלחש

כִּי, שֵׁם יְיָ, אֶקְרָא הָבוּ גֹדֶל, לֵאלֹהֵינוּ: אֲדֹנָי, שְׂפָתַי תִּפְתָּח וּפִי, יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ:

בָּרוּךְ, אַתָּה, יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, אֱלֹהֵי אַבְרָהָם, אֱלֹהֵי יִצְחָק, וֵאלֹהֵי יַעֲקֹב, הָאֵל, הַגָּדוֹל, הַגִּבּוֹר, וְהַנּוֹרָא. אֵל עֶלְיוֹן, גּוֹמֵל, חֲסָדִים טוֹבִים, וְקוֹנֵה הַכֹּל, וְזוֹכֵר, חַסְדֵי אָבוֹת. וּמֵבִיא גוֹאֵל, לִבְנֵי בְנֵיהֶם, לְמַעַן שְׁמוֹ, בְּאַהֲבָה:

מֶלֶךְ, עוֹזֵר, וּמוֹשִׁיעַ, וּמָגֵן: בָּרוּךְ, אַתָּה, יְיָ, מָגֵן אַבְרָהָם:

אַתָּה גִּבּוֹר, לְעוֹלָם, אֲדֹנָי, מְחַיֵּה מֵתִים, אַתָּה, רַב לְהוֹשִׁיעַ:

מַשִּׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם:

מְכַלְכֵּל חַיִּים, בְּחֶסֶד, מְחַיֵּה מֵתִים, בְּרַחֲמִים רַבִּים, סוֹמֵךְ נוֹפְלִים, וְרוֹפֵא חוֹלִים, וּמַתִּיר אֲסוּרִים, וּמְקַיֵּם אֱמוּנָתוֹ, לִישֵׁנֵי עָפָר: מִי כָמוֹךָ, בַּעַל גְּבוּרוֹת, וּמִי, דּוֹמֶה לָּךְ, מֶלֶךְ, מֵמִית וּמְחַיֶּה, וּמַצְמִיחַ יְשׁוּעָה:

וְנֶאֱמָן אַתָּה, לְהַחֲיוֹת מֵתִים: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, מְחַיֵּה הַמֵּתִים:

בחזרת הש״ץ אומרים כאן קדושה *)

---

*) קדושה בחזרת הש״ץ

נְקַדֵּשׁ, אֶת שִׁמְךָ, בָּעוֹלָם, כְּשֵׁם, שֶׁמַּקְדִּישִׁים אוֹתוֹ, בִּשְׁמֵי מָרוֹם; כַּכָּתוּב עַל יַד נְבִיאֶךָ, וְקָרָא, זֶה אֶל זֶה, וְאָמַר: קָדוֹשׁ, קָדוֹשׁ, קָדוֹשׁ, יְיָ צְבָאוֹת, מְלֹא כָל הָאָרֶץ, כְּבוֹדוֹ: לְעֻמָּתָם, בָּרוּךְ יֹאמֵרוּ: בָּרוּךְ, כְּבוֹד יְיָ, מִמְּקוֹמוֹ: וּבְדִבְרֵי קָדְשְׁךָ, כָּתוּב לֵאמֹר: יִמְלֹךְ יְיָ, לְעוֹלָם אֱלֹהַיִךְ צִיּוֹן, לְדֹר וָדֹר, הַלְלוּיָהּ:

חזן לְדוֹר וָדוֹר, נַגִּיד גָּדְלֶךָ, וּלְנֵצַח נְצָחִים, קְדֻשָּׁתְךָ נַקְדִּישׁ, וְשִׁבְחֲךָ אֱלֹהֵינוּ. מִפִּינוּ לֹא יָמוּשׁ, לְעוֹלָם וָעֶד, כִּי אֵל, מֶלֶךְ, גָּדוֹל וְקָדוֹשׁ, אָתָּה: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, הָאֵל הַקָּדוֹשׁ: אתה חונן גו׳

אַתָּה קָדוֹשׁ, וְשִׁמְךָ קָדוֹשׁ, וּקְדוֹשִׁים, בְּכָל יוֹם, יְהַלְלוּךָ סֶּלָה: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, הָאֵל הַקָּדוֹשׁ:

אַתָּה חוֹנֵן, לְאָדָם דַּעַת, וּמְלַמֵּד לֶאֱנוֹשׁ, בִּינָה: חָנֵּנוּ מֵאִתְּךָ, דֵּעָה, בִּינָה, וְהַשְׂכֵּל: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, חוֹנֵן הַדָּעַת:

הֲשִׁיבֵנוּ אָבִינוּ, לְתוֹרָתֶךָ, וְקָרְבֵנוּ מַלְכֵּנוּ, לַעֲבוֹדָתֶךָ, וְהַחֲזִירֵנוּ, בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה, לְפָנֶיךָ: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, הָרוֹצֶה, בִּתְשׁוּבָה:

סְלַח לָנוּ, אָבִינוּ, כִּי חָטָאנוּ, מְחַל לָנוּ, מַלְכֵּנוּ, כִּי פָשָׁעְנוּ. כִּי מוֹחֵל וְסוֹלֵחַ, אָתָּה: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, חַנּוּן, הַמַּרְבֶּה לִסְלוֹחַ:

רְאֵה בְעָנְיֵנוּ, וְרִיבָה רִיבֵנוּ, וּגְאָלֵנוּ מְהֵרָה, לְמַעַן שְׁמֶךָ. כִּי גוֹאֵל חָזָק, אָתָּה: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, גּוֹאֵל יִשְׂרָאֵל:

רְפָאֵנוּ יְיָ, וְנֵרָפֵא. הוֹשִׁיעֵנוּ וְנִוָּשֵׁעָה, כִּי תְהִלָּתֵנוּ, אָתָּה. וְהַעֲלֵה רְפוּאָה שְׁלֵמָה, לְכָל מַכּוֹתֵינוּ. כִּי אֵל, מֶלֶךְ, רוֹפֵא נֶאֱמָן וְרַחֲמָן, אָתָּה: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, רוֹפֵא, חוֹלֵי עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל:

בָּרֵךְ עָלֵינוּ, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, אֶת הַשָּׁנָה הַזֹּאת, וְאֶת כָּל מִינֵי תְבוּאָתָהּ, לְטוֹבָה. וְתֵן טַל וּמָטָר לִבְרָכָה, עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה, וְשַׂבְּעֵנוּ מִטּוּבָהּ, וּבָרֵךְ שְׁנָתֵנוּ כַּשָּׁנִים הַטּוֹבוֹת: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, מְבָרֵךְ הַשָּׁנִים:

תְּקַע, בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל, לְחֵרוּתֵנוּ, וְשָׂא נֵס, לְקַבֵּץ גָּלֻיּוֹתֵינוּ, וְקַבְּצֵנוּ יַחַד, מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, מְקַבֵּץ, נִדְחֵי עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל:

הָשִׁיבָה שׁוֹפְטֵינוּ, כְּבָרִאשׁוֹנָה, וְיוֹעֲצֵינוּ, כְּבַתְּחִלָּה, וְהָסֵר מִמֶּנּוּ, יָגוֹן וַאֲנָחָה, וּמְלוֹךְ עָלֵינוּ, אַתָּה יְיָ, לְבַדְּךָ, בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים, וְצַדְּקֵנוּ בַּמִּשְׁפָּט: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, מֶלֶךְ, אוֹהֵב צְדָקָה וּמִשְׁפָּט:

וְלַמַּלְשִׁינִים, אַל תְּהִי תִקְוָה, וְכָל הָרִשְׁעָה, כְּרֶגַע תֹּאבֵד. וְכָל אֹיְבֵי עַמְּךָ, מְהֵרָה יִכָּרֵתוּ. וְהַזֵּדִים, מְהֵרָה תְעַקֵּר, וּתְשַׁבֵּר, וּתְמַגֵּר, וְתַכְנִיעַ, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, שׁוֹבֵר אֹיְבִים וּמַכְנִיעַ זֵדִים:

עַל הַצַּדִּיקִים, וְעַל הַחֲסִידִים, וְעַל זִקְנֵי עַמְּךָ, בֵּית יִשְׂרָאֵל, וְעַל פְּלֵיטַת סוֹפְרֵיהֶם, וְעַל גֵּרֵי הַצֶּדֶק, וְעָלֵינוּ, יֶהֱמוּ נָא רַחֲמֶיךָ, יְיָ אֱלֹהֵינוּ. וְתֵן שָׂכָר טוֹב, לְכָל הַבּוֹטְחִים בְּשִׁמְךָ, בֶּאֱמֶת. וְשִׂים חֶלְקֵנוּ עִמָּהֶם לְעוֹלָם. וְלֹא נֵבוֹשׁ, כִּי בְךָ בָטָחְנוּ: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, מִשְׁעָן וּמִבְטָח לַצַּדִּיקִים:

וְלִירוּשָׁלַיִם עִירְךָ, בְּרַחֲמִים תָּשׁוּב, וְתִשְׁכּוֹן בְּתוֹכָהּ, כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ, וּבְנֵה אוֹתָהּ, בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ, בִּנְיַן עוֹלָם, וְכִסֵּא דָוִד, מְהֵרָה, לְתוֹכָהּ תָּכִין: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, בּוֹנֵה יְרוּשָׁלָיִם:

אֶת צֶמַח, דָּוִד עַבְדְּךָ, מְהֵרָה תַצְמִיחַ. וְקַרְנוֹ, תָּרוּם בִּישׁוּעָתֶךָ. כִּי לִישׁוּעָתְךָ, קִוִּינוּ כָּל הַיּוֹם: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, מַצְמִיחַ, קֶרֶן יְשׁוּעָה:

שְׁמַע קוֹלֵנוּ, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, חוּס וְרַחֵם, עָלֵינוּ, וְקַבֵּל, בְּרַחֲמִים וּבְרָצוֹן, אֶת תְּפִלָּתֵנוּ. כִּי אֵל, שׁוֹמֵעַ תְּפִלּוֹת וְתַחֲנוּנִים, אָתָּה. וּמִלְּפָנֶיךָ מַלְכֵּנוּ, רֵיקָם אַל תְּשִׁיבֵנוּ:

כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ, תְּפִלַּת עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל, בְּרַחֲמִים: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה:

רְצֵה יְיָ אֱלֹהֵינוּ, בְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל, וּבִתְפִלָּתָם. וְהָשֵׁב אֶת הָעֲבוֹדָה, לִדְבִיר בֵּיתֶךָ, וְאִשֵּׁי יִשְׂרָאֵל. וּתְפִלָּתָם, בְּאַהֲבָה תְקַבֵּל בְּרָצוֹן, וּתְהִי לְרָצוֹן תָּמִיד, עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ:

וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ, בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן, בְּרַחֲמִים: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ. הַמַּחֲזִיר שְׁכִינָתוֹ לְצִיּוֹן:

מוֹדִים אֲנַחְנוּ לָךְ, שָׁאַתָּה הוּא, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, לְעוֹלָם וָעֶד, צוּר חַיֵּינוּ, מָגֵן יִשְׁעֵנוּ, אַתָּה הוּא לְדוֹר וָדוֹר, נוֹדֶה לְּךָ, וּנְסַפֵּר תְּהִלָּתֶךָ, עַל חַיֵּינוּ הַמְּסוּרִים בְּיָדֶךָ, וְעַל נִשְׁמוֹתֵינוּ הַפְּקוּדוֹת לָךְ, וְעַל נִסֶּיךָ, שֶׁבְּכָל יוֹם, עִמָּנוּ, וְעַל נִפְלְאוֹתֶיךָ

מודים דרבנן

מוֹדִים אֲנַחְנוּ לָךְ, שָׁאַתָּה הוּא, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, אֱלֹהֵי כָל בָּשָׂר, יוֹצְרֵנוּ, יוֹצֵר בְּרֵאשִׁית, בְּרָכוֹת וְהוֹדָאוֹת, לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ, עַל שֶׁהֶחֱיִיתָנוּ וְקִיַּמְתָּנוּ, כֵּן, תְּחַיֵּנוּ וּתְקַיְּמֵנוּ, וְתֶאֱסוֹף גָּלֻיּוֹתֵינוּ, לְחַצְרוֹת קָדְשֶׁךָ. לִשְׁמוֹר חֻקֶּיךָ, וְלַעֲשׂוֹת רְצוֹנֶךָ, וּלְעָבְדְּךָ בְּלֵבָב שָׁלֵם, עַל שֶׁאֲנַחְנוּ מוֹדִים לָךְ: בָּרוּךְ אֵל הַהוֹדָאוֹת:

וְטוֹבוֹתֶיךָ, שֶׁבְּכָל עֵת, עֶרֶב וָבֹקֶר, וְצָהֳרָיִם. הַטּוֹב, כִּי לֹא כָלוּ רַחֲמֶיךָ, וְהַמְרַחֵם, כִּי לֹא תַמּוּ חֲסָדֶיךָ מֵעוֹלָם, קִוִּינוּ לָךְ:

וְעַל כֻּלָּם, יִתְבָּרַךְ, וְיִתְרוֹמַם, שִׁמְךָ, מַלְכֵּנוּ, תָּמִיד, לְעוֹלָם וָעֶד: וְכֹל הַחַיִּים, יוֹדוּךָ סֶּלָה, וִיהַלְלוּ אֶת שִׁמְךָ, בֶּאֱמֶת, הָאֵל יְשׁוּעָתֵנוּ, וְעֶזְרָתֵנוּ, סֶלָה: בָּרוּךְ, אַתָּה, יְיָ, הַטּוֹב שִׁמְךָ, וּלְךָ, נָאֶה לְהוֹדוֹת:

שָׁלוֹם רָב, עַל יִשְׂרָאֵל עַמְּךָ, תָּשִׂים לְעוֹלָם, כִּי אַתָּה הוּא, מֶלֶךְ אָדוֹן, לְכָל הַשָּׁלוֹם. וְטוֹב בְּעֵינֶיךָ, לְבָרֵךְ אֶת עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל, בְּכָל עֵת, וּבְכָל שָׁעָה, בִּשְׁלוֹמֶךָ:

בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, הַמְבָרֵךְ, אֶת עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל, בַּשָּׁלוֹם:

אֱלֹהַי, נְצוֹר לְשׁוֹנִי מֵרָע, וּשְׂפָתַי, מִדַּבֵּר מִרְמָה, וְלִמְקַלְלַי, נַפְשִׁי תִדּוֹם, וְנַפְשִׁי, כֶּעָפָר לַכֹּל תִּהְיֶה. פְּתַח לִבִּי, בְּתוֹרָתֶךָ, וּבְמִצְוֹתֶיךָ, תִּרְדּוֹף נַפְשִׁי. וְכֹל הַחוֹשְׁבִים עָלַי רָעָה, מְהֵרָה, הָפֵר עֲצָתָם, וְקַלְקֵל מַחֲשַׁבְתָּם: עֲשֵׂה, לְמַעַן שְׁמֶךָ. עֲשֵׂה, לְמַעַן יְמִינֶךָ. עֲשֵׂה, לְמַעַן קְדֻשָּׁתֶךָ. עֲשֵׂה, לְמַעַן תּוֹרָתֶךָ. לְמַעַן יֵחָלְצוּן, יְדִידֶיךָ, הוֹשִׁיעָה יְמִינְךָ, וַעֲנֵנִי: יִהְיוּ לְרָצוֹן, אִמְרֵי פִי, וְהֶגְיוֹן לִבִּי, לְפָנֶיךָ, יְיָ, צוּרִי וְגוֹאֲלִי: עֹשֶׂה שָׁלוֹם, בִּמְרוֹמָיו, הוּא יַעֲשֶׂה שָׁלוֹם, עָלֵינוּ, וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל, וְאִמְרוּ אָמֵן:

יְהִי רָצוֹן, מִלְּפָנֶיךָ, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, שֶׁיִּבָּנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, וְתֵן חֶלְקֵנוּ, בְּתוֹרָתֶךָ: וְשָׁם נַעֲבָדְךָ, בְּיִרְאָה, כִּימֵי עוֹלָם, וּכְשָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת: וְעָרְבָה לַיָי, מִנְחַת יְהוּדָה וִירוּשָׁלָיִם, כִּימֵי עוֹלָם, וּכְשָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת:

דער חזן זאגט קדיש שלם

יִתְגַּדַּל וְיִתְקַדַּשׁ, שְׁמֵיהּ רַבָּא. בְּעָלְמָא. דִּי בְרָא כִרְעוּתֵהּ, וְיַמְלִיךְ מַלְכוּתֵהּ, בְּחַיֵּיכוֹן, וּבְיוֹמֵיכוֹן, וּבְחַיֵּי דְכָל בֵּית יִשְׂרָאֵל, בַּעֲגָלָא, וּבִזְמַן קָרִיב. וְאִמְרוּ אָמֵן: יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא, מְבָרַךְ, לְעָלַם, וּלְעָלְמֵי עָלְמַיָּא: יִתְבָּרַךְ, וְיִשְׁתַּבַּח, וְיִתְפָּאַר, וְיִתְרוֹמַם, וְיִתְנַשֵּׂא, וְיִתְהַדָּר, וְיִתְעַלֶּה, וְיִתְהַלָּל, שְׁמֵיהּ, דְּקוּדְשָׁא. בְּרִיךְ הוּא, לְעֵלָּא מִן כָּל בִּרְכָתָא וְשִׁירָתָא, תֻּשְׁבְּחָתָא וְנֶחֱמָתָא, דַּאֲמִירָן בְּעָלְמָא, וְאִמְרוּ אָמֵן:

קהל קַבֵּל בְּרַחֲמִים וּבְרָצוֹן, אֶת תְּפִלָּתֵנוּ:

תִּתְקַבַּל, צְלוֹתְהוֹן וּבָעוּתְהוֹן, דְּכָל בֵּית יִשְׂרָאֵל, קֳדָם אֲבוּהוֹן דִּי בִשְׁמַיָּא, וְאִמְרוּ אָמֵן:

קהל יְהִי שֵׁם יְיָ מְבֹרָךְ, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם:

יְהֵא שְׁלָמָא רַבָּא, מִן שְׁמַיָּא, וְחַיִּים, עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל, וְאִמְרוּ אָמֵן:

קהל עֶזְרִי מֵעִם יְיָ, עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ:

עֹשֶׂה שָׁלוֹם, בִּמְרוֹמָיו, הוּא יַעֲשֶׂה שָׁלוֹם, עָלֵינוּ, וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל, וְאִמְרוּ אָמֵן:

עָלֵינוּ לְשַׁבֵּחַ, לַאֲדוֹן הַכֹּל, לָתֵת גְּדֻלָּה, לְיוֹצֵר בְּרֵאשִׁית, שֶׁלֹּא עָשָׂנוּ, כְּגוֹיֵי הָאֲרָצוֹת, וְלֹא שָׂמָנוּ, כְּמִשְׁפְּחוֹת הָאֲדָמָה, שֶׁלֹּא שָׂם חֶלְקֵנוּ, כָּהֶם, וְגוֹרָלֵנוּ, כְּכָל הֲמוֹנָם. וַאֲנַחְנוּ, כּוֹרְעִים, וּמִשְׁתַּחֲוִים, וּמוֹדִים, לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, הַקָּדוֹשׁ, בָּרוּךְ הוּא, שֶׁהוּא נוֹטֶה שָׁמַיִם, וְיוֹסֵד אָרֶץ, וּמוֹשַׁב יְקָרוֹ, בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל, וּשְׁכִינַת עֻזּוֹ, בְּגָבְהֵי מְרוֹמִים, הוּא אֱלֹהֵינוּ, אֵין עוֹד. אֱמֶת מַלְכֵּנוּ, אֶפֶס זוּלָתוֹ, כַּכָּתוּב בְּתוֹרָתוֹ, וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם, וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ, כִּי יְיָ, הוּא הָאֱלֹהִים, בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל, וְעַל הָאָרֶץ מִתָּחַת, אֵין עוֹד:

עַל כֵּן, נְקַוֶּה לְּךָ, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, לִרְאוֹת מְהֵרָה, בְּתִפְאֶרֶת עֻזֶּךָ, לְהַעֲבִיר גִּלּוּלִים, מִן הָאָרֶץ, וְהָאֱלִילִים, כָּרוֹת יִכָּרֵתוּן, לְתַקֵּן עוֹלָם, בְּמַלְכוּת שַׁדַּי, וְכָל בְּנֵי בָשָׂר, יִקְרְאוּ בִשְׁמֶךָ, לְהַפְנוֹת אֵלֶיךָ, כָּל רִשְׁעֵי אָרֶץ, יַכִּירוּ וְיֵדְעוּ, כָּל יוֹשְׁבֵי תֵבֵל, כִּי לְךָ, תִּכְרַע כָּל בֶּרֶךְ, תִּשָּׁבַע כָּל לָשׁוֹן, לְפָנֶיךָ, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, יִכְרְעוּ וְיִפֹּלוּ, וְלִכְבוֹד שִׁמְךָ, יְקָר יִתֵּנוּ, וִיקַבְּלוּ כֻלָּם, אֶת עוֹל מַלְכוּתֶךָ, וְתִמְלוֹךְ עֲלֵיהֶם, מְהֵרָה, לְעוֹלָם וָעֶד. כִּי הַמַּלְכוּת, שֶׁלְּךָ הִיא, וּלְעוֹלְמֵי עַד, תִּמְלוֹךְ בְּכָבוֹד. כַּכָּתוּב בְּתוֹרָתֶךָ, יְיָ יִמְלֹךְ, לְעוֹלָם וָעֶד: וְנֶאֱמַר, וְהָיָה יְיָ, לְמֶלֶךְ, עַל כָּל הָאָרֶץ, בַּיּוֹם הַהוּא, יִהְיֶה, יְיָ אֶחָד, וּשְׁמוֹ אֶחָד:

וּבְתוֹרָתְךָ כָּתוּב לֵאמֹר, שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, יְיָ אֶחָד:

תחנה פאר ליכט אן צינדען

רבונו של עולם מיין מצוה וואס איך גיי לכבוד יום טוב די ליכט אן צינדן זאל אזוי אן גענומען זיין ווי די מצוה פון דעם כהן גדול ווען ער האט די ליכט אין ליבען בית המקדש אן גיצונדען איז זיין מצוה אן גענומען גיווארן אזוי זאל מיין מצוה אויך אן גינומען ווערין (נר לרגלי דברך ואור לנתיבתי) דאס איז טייטש דיינע רייד איז ווי איין ליכט צו מיינע פיס אונ מיינע קינדער זאלן גיין אין גאטס וועג אונ די מצוה פון מיינע ליכט וואס איך גייא אן צינדין זאל אן גענומען ווערין אז מיינע קינדערס אויגן זאלן לייכטין אין דער ליבער היילינגער תורה אויך טוא איך דעם ליבען גאט ב"ה בעטין אז מיין מצוה פון די ליכט זאל שטענדיג לייכטען ווי דאס ליכט פון נר המערבי וואס האט גיברענט פון דעם בוים א"יל אין בית המקדש אונ איז ניט פר לאשין גיווארן ובזכות די ליכט פון דעם ליבן יום טוב ווס מיר אלע ווייבר טוהן דער לייכטין מיט דעם פייער פון די ליכט וואס מיר בענטשין אים יום טוב זאל מגין זיין אז אונזערע קינדערס ליכט זאל לייכטען אין דר תורה זייערע מזלות זאלין לייכטין אין הימל זיי זאלין קענען פרנסה געבין דעם ווייב אונ קינדער בעין יפה את אונזערע מצות זאלען אן גינומען ווערין וויא דיא מצות פון אונזערע אבות ואמהות אונ די שבטים הקדושים מיר זאלין זיין אזוי ריין וויא איין קינד וואס ווערט איצט גיבארין פון זיין מוטער אמן:

ברכות פון ליכט אן צינדען

ווען מען בענטשט ליכט זאגט מען דיא ברכה:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו, וְצִוָּנוּ, לְהַדְלִיק נֵר לשבת (שֶׁל שַׁבָּת וְ)שֶׁל **יוֹם טוֹב:**

דער נאך זאגט מען דיא ברכה שהחינו:

בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ, לַזְּמַן הַזֶּה:

לכבוד גאט לכבוד אונזער גיבאט לכבוד דעם ליבן יום טוב וואס אונזער הער גאט האט אונז גיגעבן אונ האט אונז גיבאטן די ליבע מצוה איך זאל זיא רעכט קענען מקיים זיין אונ זי זאל אזו גיוואוגין זיין ווי כל התרי"ג מצות אמן כן יהי רצון:

יְהִי רָצוֹן, מִלְּפָנֶיךָ, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, שֶׁיִּבָּנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, וְתֵן חֶלְקֵנוּ, בְּתוֹרָתֶךָ: וְשָׁם נַעֲבָדְךָ, בְּיִרְאָה, כִּימֵי עוֹלָם, וּכְשָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת: וְעָרְבָה לַיְיָ. מִנְחַת יְהוּדָה וִירוּשָׁלָיִם, כִּימֵי עוֹלָם, וּכְשָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת:

תחנה ליום א' וב' של פסח נאך ליכט צינדן

די תחנה זאגט מען די ערשטע טעג פסח נאך ליכט בענטשען מיט גרוס כוונה:

אתה הוא יי האלהים בורא שמים וארץ: דו ביסט גאט דער גאט וואס דו האסט באשאפען די הויכע הימלין מיט אלע באשעפענישׁ וואס גיפינען זיך אויף דער וועלט: האזינה מלכי וקדושך את שפיכת תפלתי: פאר נעם פון דיין היילינג וואוינונג מיין גיבעט ווס איך וויל אצונד פר דיר בעטען אונ זאלסט נייגען דיינע אויערען צו הערען די

שערטר וואס וועלען ארויס גיין פון מיין מויל:

כי אתה עושה נפלאות עמנו בכל עת:

דען דו גאט טוסט דאך מיט אונז וואונדער אונ נסים יעדער צייט דרום טוא מיט מיר אויך וואונדער פר געם מיינע רייד חאטשע איך מייס אז איך בין ניט ווערט דער צו:

הוצאתנו ממצרים להיות לך עם סגולה:

דו האסט אונז אוס גיצויגען פון מצרים אונ האסט גיבראכט אויף די מצרים גרויסע מכות אונ שלעק אונ אונז האכטו אוס דער ווייזט צו זיין צו דיר איין גיליבט פאלק:

לכן אבקש מלפניך שתערב לפניך עתירתנו:

דרום בעט איך דיך דר בארעמדיגער גאט אז עס זאל זיין פאר דיר זיס אונזערע תפלות ובקשות וואס מיר טאן בעטען פון דיין ליבען הייליגען גיאכפערטען נאמען:

ועלי אמתך הדופקת בשערי הרחמים יהמו רחמיך:

אונ אויף מיר דיין דינסט מוד (פלונית בת פלונית) וואס איך קום אצונד צו קלאפען אין די טויערין פון רחמים זאלען ברומען דיינע דער בארעמקייט צו דער בארומען זיך אויף מיר אונ אויף מיין מאן אונ אויף מיינע קינדער:

שתבער מעלינו כל מיני קשות ורעות:

אז דו זאלסט אוים רוימען פון אפ אונז אונ פון גאר דיין ליב פאלק ישראל אלדאס ביין אזוי ווי מיר האבען אוים גיראמט דעם חמץ פון אונזערע הייזער אזוי ווי דו האסט צו אונז גיבאטען:

ולא יבא עלינו כל מחלה וכל נגע:

אונ אזו ווי דו האסט גיהיט צו דיינע קינדער ישראל פון די שלעק וואס דו האסט גיבראכט אויף די מצרים אזו זאלסטו אונז היטען עס זאל ניט קומען אויף אונז קיין שום קראנקשאפט אונ קיין שום פלאג:

ובזכות אכילתנו המצות תשמרנו מלחם עוני:

אונ אין דעם זכות וואס מיר האלטען דיין הייליג גיבאט צו עסין מצות אגאנץ יום טוב וואס די מצות ווערין אן גירופען ארום ברוט דאס אונז אפ היטען גאר אונזער לעבען פון ארעמקייט אין אונזערע ברויט:

ותברכנו לפרנסה ולכלכלה לשובע ולא לרזון:

אונ זאלסט אונז בענטשען ליבער גאט מיר זאלען האבען אונזער פרנסה אונ אונזער שפייז צו זעט ניט קיין הונגער:

השקיפה משמים וראה עבודת עמך:

רבונו של עולם זעה פון דעם הימעל אראפ אונ זעה די פיל ארבעט אונ מיה וואס דיינע ליבע קינדער ישראל האבען לכבוד דעם פסח אונ ווי פיל געלט זיי ברענגען אוים פון וועגין דעם הייליגען יום טוב:

טורחים בכל יכלתם לקיים מצותיך:

זיי מיען זיך מיט גאר זייער פאר מעג צו האלטען דיין גיבאט וואס דו האסט זיי גבאטען צו פאר שטערין דעם חמץ פון זייער הייזער אונ צו עסין מצות אלע זיבען טאג:

ואתה יי חוסה על עמלינו:

אונ דו דער בארעמדיגער גאט בעטין מיר דיך דו זאלסט רחמנות האבען אויף אונזער מידיקייט אונ זאלסט אונז שיקען שפע ברכה והצלחה מיר זאלען מרויח זיין אויף דעם אורט וואס דער פסח הט אונז גיקאסט:

ברחמיך הרבים תשגיה עלינו לברכנו:

מיט דיין פיל דר בארימקייט זאלסטו אויף אונז השגחה געבין צו בענטשען אונז מיט אגוטע פרנסה פון דיין פולע האנט מיר זאלען ניט דארפען אן קומען צו קיין בשר ודם:

ותזכנו לספר נפלאותיך שתעשה עמנו:

אונ אזוי וויא מיר טאן היינטיגען יום טוב דער ציילען דיינע גרויסע וואונדער וואס דו האסט גיטאן צו די ישראל אזו זאלען מיר זוכה זיין צו דער ציילען די נסים ונפלאות וואס דו ביסט אן גיברייט צו טאן מיט אונז:

ותשמרנו מכל מיני משחיתים ומזיקים:

אונ זאלסט אונז היטען ליבער דער בארומדיגר גאט פון אלע בייזע מלאכים וואס זיי פאר דארבען אונ טוען שאדען אזוי וויא דו האסט גיהיט צו דיין פאלק ישראל אין מצרים:

ואל ישלוט אסברה בילדי עמך:

אונ אזו ווי עס האט ניט גיוועלטיגט קיין משחית אין די בכורים פון דיין פאלק ישראל ווען דו האסט גיטייט צו די בכורים פון די מצרים אזוי זאל ניט גיוועלטיגען אין אונזערע

קינדער דָס שְׁלֶעכְטִיקֵייט וָוס הֵייסְט אַסְכָּרָה אוּן אוֹיךְ קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְטִיקֵייט:

זְכוֹר זְכוּת דְּגָלֶיךָ הַבָּאִים בְּיַם סוּף:

גִידֶענְק אוּנְז לִיבֶּער גָאט דֶעם זְכוּת פוּן דַיינֶע חַיָילוֹת יִשְׂרָאֵל וָוס זֶענִין זֶעלְבְּסְט גִיגַאנְגֶען אִין דֶער טִיפֶענִישׁ פוּן דֶעם יַם אוּן הָאבֶּען בִּטָחוֹן גִיהַאט אוֹיף דִיר אַז דוּ וֶועסְט זֵיי מַצִיל זַיין זֵיי זָאלֶען נִיט דֶר טְרִינְקֶען וֶוערִין:

וְשָׁמְרֵנוּ שֶׁלֹּא נִטְבַּע בְּמַעֲמַקֵּי מַיִם:

אוּן הִיט אוּנְז אוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיר זָאלֶען חָלִילָה נִיט דֶער טְרֶענְקְט וֶוערִין אִין דִי טִיפֶענִישׁ פוּן וַואסֶער:

וְכָל יְמֵי הַקַּיִץ הַבָּא אַל יֶחֶרְבוּ הַנְּהָרוֹת:

אוּן הֶעלְף אוּנְז לִיבֶּער גָאט אַז עֶס זָאל גֵיין רֶעגִין אִין דֶער צַייט עֶס זָאל פוּן דִי הִיצֶען פוּן הַיינְטִיגֶען זוּמֶער וָוס קוּמְט אָן נִיט גִימִינֶערְט וֶוערִין דִיא וַואסֶערִין פוּן דִי טַייכֶען וָוס דָאס בְּרֶענְגְט מִיט עֶס זָאל זַיין אֵיין יַקְרוּת:

אָנָּא קַבֵּל בְּרָצוֹן אֶת בִּרְכָתִי עַל הַנֵּרוֹת:

אִיךְ בֶּעט דִיךְ לִיבֶּער דֶער בַּארוּמְדִיגֶער גָאט זָאלְסְט אָן נֶעמֶען מִיטֶען גוּטֶען ווִילֶען דִי בְּרָכָה וָוס אִיךְ הָאבּ גִיבֶּענְטְשְׁט אוֹיף דִי לִיכְט וָוס אִיךְ הָאבּ אָן גֶעצוּנְדֶען לְכָבוֹד דֶעם הֵיילִיגֶען יוֹם טוֹב:

וְתָאִיר אֶת מַזָּלִי שֶׁיִּרְאוּ שׂוֹנְאַי וְיֵבוֹשׁוּ:

אוּן אַזוֹ ווִיא אִיךְ הָאבּ גִיטָאן דֶער לַייכְטֶען גָאר מַיין הוֹיז מִיט דִי לִיכְט אַזוֹי זָאלְסְטוּ דֶער בַּארוּמְדִיגֶער פָאטֶער דֶער לַייכְטֶען מַיין מַזָל צוּ אַלֶעם גוּטֶען אַז מַיינֶע שׂוֹנְאִים זָאלֶען זֶעהֶען אוּן זָאלֶען זִיךְ שֶׁעמֶען אַזוֹ ווִי דִי מִצְרִים הָאבֶּען זִיךְ גִישֶׁעמְט אַקֶעגִין דִי יִשְׂרָאֵל:

וְאֶת עֵינֵי בַּעְלִי וְזַרְעִי תָּאִיר בְּתוֹרָתֶךָ הַקְּדוֹשָׁה:

אוּן דוּ זָאלְסְט דֶער לַייכְטֶען דִי אוֹיגֶען פוּן מַיין מאַן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער אִין דַיין הֵיילִיגֶער תּוֹרָה אִין דֶעם זְכוּת וָוס אִיךְ הָאבּ גִיטָאן דֶער לַייכְטֶען מַיין שְׁטוּבּ מִיט דִיא לִיכְט לְכָבוֹד יוֹם טוֹב:

וְתָאִיר אֶת חֶשְׁכַת יְרוּשָׁלַיִם וּבֵית מִקְדָּשְׁךָ:

אוּן זָאלְסְט דֶר לַייכְטֶען דָאס פִינְצְטֶערְנִישׁ פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס זַייא זֶענִין פִינְצְטֶער שׁוֹן פוּן אַזוֹ לַאנְגֶע צַייט:

וְנַקְרִיב קָרְבַּן הַפֶּסַח בְּמִזְבֵּחַ עַל הָאֵשׁ:

אוּן מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין צוּ מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח אוֹיף דֶעם פַייעֶר פוּן דֶעם מִזְבֵּחַ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן וְאָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן:

אַנַייעֶ שֵׁייגֶע תְּחִנָּה צוּ זָאגֶען נָאךְ לֶיכְט בֶּענְטְשֶׁען מִיט גְרוֹיס כַּוָּנָה:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ לוֹבּ אוּן דַאנְק דַיין לִיבֶּען נָאמֶען וָוס אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ טָאהְן דִי מִצְוָה וָוס דוּ הָאסְט גִיגֶעבֶּען פַר דִי נָשִׁים (הַדְלָקַת הַנֵּר) אַזוֹ ווִי דִי חֲכָמִים ז״ל שְׁרַייבֶּען אִין מס׳ שַׁבָּת אַז וַוייבֶּער זֶענֶען מְחוּיָב צוּ בֶּענְטְשִׁין לִיכְט. אוּן דַיין חֶסֶד זָאל זַיין מִיט מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טָאהְן דִי מִצְוָה בִּיז הוּנְדֶערְט יָאר. אוּן אִיךְ בֶּעט פוּן דַיין הֵיילִיגֶן נָאמֶען אַז מַיינֶע קִינְדֶער אוּן קִינְדֶס קִינְדֶער זָאלֶן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן (הַדְלָקַת הַנֵּר). וּבִזְכוּת דִי לִיכְט פוּן דֶר מִצְוָה זָאלֶן לַייכְטֶן דִי אוֹגִין פוּן מַיינֶע קִינְדֶער אוּן קִינְדֶס קִינְדֶער דִי זְכָרִים אִין דֶער לִיכְט פוּן דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אוּן זַייא זָאלֶען נִיט נִכְשַׁל וֶוערִין חָלִילָה אִין עֲבֵירוֹת. ווִי עֶס שְׁטֵייט גִישְׁרִיבֶּען וְאוֹרַח צַדִּיקִים כְּאוֹר נוֹגַהּ דָאס הֵייסְט דִיא צַדִּיקִים גֵייעֶן אִין רִיכְטִיגֶען וֶועג ווִי אֵיינֶער גֵייט פִיר דִי טָאג לִיכְטִיקֵייט (וְדֶרֶךְ רְשָׁעִים כָּאֲפֵלָה) אוּן דִי וָואס זֶענֶען נִיט פְרוּמֶע גֵייעֶן אִין דֶר פִינְצְטֶערְנִישׁ. וּבִזְכוּת זֶה (וָוס אִיךְ הָאבּ אָן גִינוּמֶען דֶעם לִיבֶּען יוֹם טוֹב אִין דֶער צַייט מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד אוּן אִים בַּאשֵׁיינְט מִיט שֵׁיינֶע לִיכְט) בֶּעט אִיךְ דִיךְ הקב״ה אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבֶּען קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אַז אִיךְ זָאל הָאבִּין נַחַת אוּן כָּבוֹד אִין בֵּיידֶע וֶועלְטִין מַיין פָּנִים זָאל נִיט פַר שֶׁעמְט וֶוערִין פוּן זֵיי אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט אָמֵן:

דיא ספרים הקדושים שרייבן דאס ערב פסח נאך תפלת המנחה וואס די תפלת המנחה איז אקעגן דעם קרבן תמיד של בין הערבים זאל מען עוסק זיין אין דעם סדר מיט די דינים וואס וואלטן פערצייטיגס ווען דס בית המקדש איז גשטאנן. די דעם קרבן פסח אונ היינט בעונותינו הרבים דס מיר האבן נים קיין בית המקדש אונ מיר קענען נים מקריב זיין דעם קרבן פסח וועט דס זאגן מיט דעם לערנען די דינים מיט דעם סדר פון דיא עבודה פון קרבן פסח ווערן גירעכינט ביי דעם אייבערשטן גליך ווי מיר וואלטן מקריב גווען דעם קרבן פסח, מיר האבן דס מעתיק גווען אוף עברי טייטש בכדי דס יעדר איד זאל פערשטיין וואס ער זאגט דס ער זאל קענען כוין זיין די הארטץ ביי דעם זאגן דען רחמנא דר אייבערשטר לבא בעי פערלאנגט נאר די כונה פון הארטץ זאל גוט זיין, אונ ווייל דיא אנדערע נוסחאות פון אנדערע ספרים זענען נים ריכטיג דרום האבן מיר מעתיק גווען דיא ריכטיגע נוסחא פון הגאון יעב״ץ ז״ל:

כך היתה עבודת קרבן פסח. אזוי וואר די עבודה פון דעם קרבן פסח פערצען טאג אין ניסן דאס הייסט ערב פסח סאיי אין דר וואכן סאיי ערב פסח איז גיפאלן אום שבת האט מען נים גישאכטען דעם קרבן פסח ביז נאך דעם קרבן תמיד של בין הערבים. דעם קרבן תמיד הט מען גישאכטען האלב צוויי נאך האלבען טאג אונ מען האט אים מקריב גיוועז אום האלב דריי אונ אזוי באלד ערב פסח איז אויס גיקומען אום פרייטאג הט מען דעם קרבן תמיד גישאכטן אום האלב איינס נאך מיטאג אונ אים מקריב גיוועז אום האלב צוויי. נאך דעם קרבן תמיד הט מען גישאכטן דעם קרבן פסח יעדער יוד סאיי א איש סאיי א אשה ווס האט גיקענט גרייכען צו קומען אין בית המקדש צו די צייט פון די שחיטה פון קרבן פסח איז ער חייב גיוועז בקרבן פסח אויך די גרויסע פון זיין בני בית האבען אויך געמוזט זיין ביי דעם קרבן פסח קיין ערל וואס איז נים גיוועז גימלת הט נים גיטארט מאכען אונ עסען דעם קרבן פסח אונ אויב ער האט גידארפט איינעם פון זיין בני בית זיינס אקליינעם זוהן אדער א עבד מלה צו זיין הט ער נים גיטארט מאכען דעם קרבן פסח ביז דס ער הט צום ערשטען מלה גיוועז אויך האבען אלע געמוזט זיין ריין צום קרבן פסח דער קרבן פסח איז גיוועז א שעפס אדער א ציג א זכר. פון אכטען טאג ווי ער איז גיבארן גיווארן ביז א יאר איז ער כשר צום קרבן פסח עלטער ווי א יאר איז ער פסול. אין יעדען ארט פון די עזרה הט מען גימעגט שעכטען דעם קרבן פסח נאך דעם ווי מען האט גיענדיגט די עבודה פון דעם קרבן תמיד אונ נאך דעם ווי מען הט אוים געפוצט אונ צו רעכט גימאכט די ליכט פון די מנורה. מען האט נים גיטארט שעכטן דעם קרבן פסח באם עס האט זיך ביי איינעם פון די חבורה גיפונען א כזית חמץ אין זיין רשות. שעכטען דעם קרבן פסח הט אפילו א ישראל אויך גימעגט שעכטען נאר צו נעמען דס בלוט צו שפרענגן אויף דעם מזבח דאס האט שוין געמוזט זיין דורך דעם כהן. די כהנים זענן גישטאנן שורות וייז פון דעם ארט וואס מען הט גישאכטן ביז צו דעם מזבח. יעדר כהן הט גיהאלטן אלעפיל. אשורה כהנים כסדר מיט זילבערנע לעפיל אונ אשורה כהנים כסדר מיט גאלדענע לעפיל אונ אזוי כסדר אלע שורות כהנים האבען זיך נים געמושט די וואס האבען גיהאלטן זילבערנע לעפיל איז די גאנצע שורה גיוועזן מיט זילבערנע. אונ די שורה וואס הט זיך אן גיהויבן מיט גאלדענע לעפיל הט די גאנצע שורה געמוזט זיין מיט גאלדענע לעפיל יעדער ערשטער כהן וואס איז גישטאנען אין עק פון די שורה אויף דעם ארט ווי מען הט גישאכטען הט צו גענומען דס בלוט אין דעם כלי שרת אין אזוי אלעפיל ער הט עס גיגעבן צום צווייטען כהן פון זיין שורה אונ הט פון אים צו גענומען זיין ליידיגען לעפיל דער צווייטער כהן הט אזוי גיטוהן מיט

דעם דריטען אזו כסדר ביז עס איז גיקומען צום לעצטן כהן פון די שורה וואס איז גישטאנען נעבן דעם מזבח. דר כהן הט אשפריטץ געטוהן פון דעם בלוט אויף דעם מזבח אקיינגען פידאמענט פון דעם מזבח וואס אונטער דעם פידאמענט איז גיוועז אקעלר ביז צום אפ גרונט. די לעפיל זענען גיוועז גימאכט אויף אזוי א אופן דאס מען הט זיי נים גיקענט אנידער שטעלן מיט דעם בלוט עס וואלט זיך תיכף דער לעפיל אים גיקערט מיט דיא בלוט דס איז גיוועז צו ליב דעם דס מען זאל נים קענן דערווייל אוועק שטעלן דעם לעפיל מיט דעם בלוט דען טאמער וועט דס בלוט פאר גליווערט ווערן דס מען וועט נים קענען שפרענגן די בלוט אויף דעם מזבח. אין די ווענט פון די עזרה איז גיוועז אריין גישלאגן אייזערנע האקעס. אזעלכע הענגערס ווי מען הט אויף גיהאנגן נאך די שחיטה דעם קרבן פסח אונ מען האט אים אפ גישינדען די פעהל. אויך איז דארט גילעגין פיל דינגע שטעקנס דר וואס הט נים גיהאט קיין ארט ווי אויף צו הענגען הט ער גינומן אשטעקען אונ הט געלייגט איין עק שטעקען אויף זיין אקסעל דעם אנדערען עק אויף זיין חבר'ס אקסעל אויף דעם שטעקן הט גיהאנגן דר שעפס אונ מען האט פון אים אראפ גיצויגען די פעהל מען הט פון דעם קרבן פסח אויף גישפאלטען דעם בויך ארויס גינומן די אימורים דס איז אזו אחלב. אונ ווען דר קרבן וואר אשעפס האט מען אויך גינומען די אליה. מען האט דאס געלייגט אין אכלי שרת אונ בצונאלצען אונ דס גידעמפט אויף דעם מזבח פון יעדען קרבן פסח בצוזונדער. אויב ערב פסח איז גיוועזן אין דער וואכען הט מען דס גידעמפט אויף דעם מזבח ביי טאג איידער עס איז גיווארען די נאכט פון יום טוב. אונ אויב ערב פסח איז גיוועזן אום שבת. האט מען דיא אימורים מקריב גיוועזן ביי נאכט כסדר אפילו דאס הייסט די ערשטע נאכט פסח אויך נאך דעם ווי ער האט ארויס גינומען די אימורים פון קרבן פסח הט מען ארויס גינומען אלע קישקעס מיט די גידערים זיי גוט אויס גיריינגט דאס ער זאל זיי קענען צו זאמען בראטן מיט דעם קרבן פסח. די שחיטה מיט דעם שפרענגן די בלוט אויף דעם מזבח אויך דס ריין מאכן די קישקעס מיט דאס דעמפן די חלבים אויף דעם מזבח הט דוחה גיוועזן דעם שבת. די רעשט ענינים דאס בראטען אונ נאך פיל זאכן האט שוין נים דוחה גיוועזן דעם שבת. אין דריי כתות איז דר קרבן פסח גישאכטן גיווארן. דס הייסט די לייט וואס זענען גישטאנען ביי די טיר פון די עזרה האבן כבוין גיוועזן דס די אלע יודען זאלן זיך איין טיילען אין דריי טייל דאס נים אלע מיט איין מאל זאלען אריין אין די עזרה מיט דעם קרבן פסח זיי האבען גיזעהן דאס די עזרה איז שוין פיל גיווארן מיט יודען האבען זיי אפ גישלאסן די טירען נים אריין גילאזט מיין ביז זיי האבן זיך אפ גיפארטיגט האט מען ערשט זיי ארויס גילאזן

און אריין גילאזט די צווייטע כתה. און אזוי וואר דער סדר פון די צווייטע כתה ביז די דריטע כתה יעדערע פיל האט ניט געטארט זיין ווייניגער ווי דרייסיג יודען דס מיינט מען ווייל יעדער יוד הט זיך גיאיילט מקיים צו זיין דיא מצוה פון קרבן פסח איז חאטשע עס איז גיוועזן מיליאנען יודען האבען זיי זיך אלס גיאיילט צו זיין פון דיא ערשטע כתות הט מען מכוין גיוועזן דם עס זאל חאטשע בלייבען צו די דריטע כתה ניט ווייניגער ווי דרייסיג מענטשען. ביי יעדערע כתה בעת זיי האבען גישאכטן און מקריב גיוועזן דעם קרבן פסח האבען די לוים פאהרו גיזאגט הלל באם זיי האבען גומר גיוועזן דעם הלל איידער די כתה הט זיך אפ גיפארטיגט האבען זיי נאך א מאל אן גיהויבען צו זאגען הלל באם זיי זענען נאך ניט פארטיג גיווארן האבען זיי אן גיהויבן אדריט מאל צו זאגען הלל. נאר די משנה זאגט דאס עס איז גיוועזן אזוי פיל כהנים און זיי זענען גיוועזן אזוי געשיקט דאס עס איז קיין איין מאל ניט אויס גיקומען עס זאל לאנג דויערן ביז דם די לוים זאלן דארפן אן הייבען צו זאגן אדריט מאל הלל האט גימיינט זיין אין די כתה יודען ווי פיל מיליאן זענען זיי גישווינד אפ גיפארטיגט גיווארן אין בית המקדש מיט זייערע פסחים. רבי יהודה זאגט דם ביי די דריטע כתה הט זיך קיין איין מאל ניט גיטראפען דאס די לוים זאלין האלטען אפילו ביי דעם ערשטען מאל זאגן דעם הלל זיי זאלן האבן אפ גיזאגט ביז אהבתי כי ישמע דען ווייל ביי די דריטע כתה איז שוין גיוועזן ווייניג מענטשען, זענען זיי אזוי גישווינד פארטיג גיווארען דען עס איז אלע עבודות גיגאנגען גישיקט דם מען הט עס מיט דעם אויג ניט גיקענט דר זעהן. ביי יעדען מאל הלל זאגען האט מען גיבלאזען תקיעה תרועה תקיעה. נאך דעם ווי אלע יודען זענען שוין ארויס גיגאנגען פון די עזרה מיט זייערע פסחים הט מען דיא עזרה תיכף אפ גיוואשען און ריין גימאכט פון דעם בלוט אפילו ערב פסח איז גיוועזן אום שבת. א קנאל מיט וואסר איז דורך גיגאנגען דורך די עזרה האט מען פערשטאפט דם ארט ווי דם וואסער פלעגט ארויס גיין פון דיא עזרה און די פאדלאגע פון דיא עזרה איז פול גיווארן מיט וואסר דם עס הט אפ גישווענקט און אפ גיריינגט אלע בלוטען מיט אלעס אום ריינע. נאך דעם הט מען צוריק גיעפינט דם פערשטאפעכץ איז עס אלס ארויס און די עזרה איז גיבליבען ריין. נאך דעם ווי אלע יודען זענען ארויס גיגאנגען פון די עזרה. דאס יעדערע חבורתה זיך גיבראטען דעם קרבן פסח מען הט ניט גיטארט בראטען אין קיין כלי נאר מען הט גימאכט אזוי אשפיז פון האלץ וום הט גיהייסען רמון מען הט דיא שפיז אריין גישטעקט אין דעם מויל פון קרבן פסח ביז דורך דעם פי הטבעת. די פיס מיט די קישקעס מיט די לונג און לעבער הט מען אויף גיהאנגען אויף דיא זייט שפיז וואס נעבען מויל פון קרבן פסח. דער אויבן איז גיוועזן גימאכט ווי אפאס אינטען איז גיוועזן דאס פייער מען האט די שפיז אריין גיהאנגען אין דעם אויבן און דער קרבן פסח הט זיך ניט אפ גיבראטן פון דעם פלאם דעם קרבן פסח האט מען ניט גיטרייבערט ווי אנדערע פליישען. אז ערב פסח איז גיפאלען אום שבת זענען די יודען ניט גיגאנגען א היים אויף זייערע סטאנציעס בראטען זייא האבען גיווארט מיט זייערע פסחים ביז עס איז גיווארען נאכט. די ערשטע כתה הט גיווארט אין הר הבית די צווייטע כתה האט גיווארט אין דעם ארט וואו עס האט גיהייסען חיל די דריטע כתה האט גיווארט אויף זייער ארט און ווען עס איז גיווארען פינסטער זענען זייא ע"ש יעדער גיגאנגען אויף זייערע סטאנציעס בראטען דעם קרבן פסח ווען ערב פסח איז גיוועזן אין דער וואכען פלעגט מען מקריב צו זיין מיט דעם קרבן פסח שלמי חגיגה דאס איז גיווארען גירופען חגיגת ארבעה עשר דאס פלייש פון דיא חגיגה האט מען צום ערשטע' גיגעסען נאך דעם האט מען גיגעסען דעם קרבן פסח בכדי דאס דער קרבן פסח זאל ווערען גיגעסען צו דער זעט. דאס וואר דער סדר מיט די עבודה פון דעם קרבן פסח מיט חגיגת ארבעה עשר וואס וואר אין בית המקדש שיבנת במהרה בימינו אמן:

דיא פאראדע מיט דעם כבוד וואס וואר ביי דעם קרבן פסח:

מיר האבען מעתיק גיוועזן פון כפר שבט יהודה א מעשה וום ארומישער פערשט הט ערציילט דם ער איז גיוועזן ע"פ פסח אין ירושלים און הט די פאראדע מיט דעם סדר פון קרבן פסח אליין גיזעהן מיט זיינע אויגן פון דיא גשיכטע ווילען מיר נאר אביסעל פערשטיין ווי וויים וואר דם שיינקייט מיט דעם כבוד פון אונזר בית המקדש, און וום פאר א שאטץ מיר האבען פערלוירען דורך אונזערע זינד, מיר דארפן וויינען און בעטען צו השם יתברך דם אונזער שפלות זאל דר הייבט ווערען און אונזר כבוד מיט אונזער בית המקדש זאל גבויעט ווערען במהרה בימינו אמן:

געשמגיע ראש החודש הנקרא אצלם ניסן. אז עס איז גיווארן ראש החודש ניסן הט דר מלך מיט די סנהדרין ארויס געשיקט שטאפעטען מיט שלוחים צו די אלע סביבות וום ארום ירושלים אן זאגן דאס ווער עס הט שעפסען ציגען און רינדער זאל זיך איילען אויף די נאשטמטע צייט צו ברענגן קיין ירושלים צו פר קויפען. בכדי דם די אידן וואס ווערין עולי רגל זיין אויף פסח קיין ירושלים זאלען האבן גינוג בהמות צו קויפען אויף דעם קרבן פסח און שלמים און עולות און אלעם וואס זיא ווערין דארפען. דען דער נאראד וואר דענסטמאל זייער פיל. און ווער פון די סביבות וום הט ניט גברענגט זיינע בהמות קיין ירושלים צו דיא אוים גיזעצטע צייט האט מען מחרים גיוועזן נאר זיין פארמעגין צום בית המקדש. נאך דעם אן זאגין זענען אלע וואס האבען גיהאט פיל בהמות זענען גיקומען קיין ירושלים נעבען ירושלים איז גיוועזן א טייך וואס דיא אלע פיך מיט די בהמות הט מען דורך גיטריבען דורך דעם טייך. בכדי דם זיי זאלען זיך ריין אפ וואשען. אזוי ווי מיר גיפינען אין שיר השירים. דאס שלמה המלך זאגט (שעלו מן הרחצה) די סטאדע שעפסן וום זענין אויף גגאנגען פון די וועש וום מען הט זיי אין דעם טייך גיוואשען. און ווי זיי האבען גגרייכט צו דיא בערג וואס ארום ירושלים איז גוועזן צו זעהן אזוי פיל שאף דם מען הט ניט ארוס גזעהן קיין ערד. נאר די גאנצע בערג האבן אוים

געזעהן נאר פון דר קלארקייט פון דיא וואל וואס וואר אויף די שעפסן . דעם צעהנטען טאג פון ניסן זענען אלע פון ירושלים זיך גיגאנגען קויפען דעם קרבן פסח אונ עס וואר ביי די אידען אתקנה דס ביי די אלע זאכען וואס מען איז גיגאנגען טוהן צו ליב דעם קרבן פסח האט איינר ניט גיטארט זאגן צום צווייטין גייא אוועק אבר לאז מיך פריער גיין עס הט גימעגט דער צווייטער זיין שלמה המלך . האט ער אים בשעת עבודה דעם וועג ניט אפ גיטרעטין . בכדי צו ווייזען דס ביי דעם עבודת פון דעם איבערשטען איז ניט דא קיין גדלות אונ אלע זענין גלייך . אונ עס איז גקומען דער פערצינטר טאג פון חודש ניסן דאס מיינט מען ערב פסח נאך מיטאג זענען דיא ממונים ארויף גיגאנגען אויף אהוכע טארעם וואס וואר אין בית המקדש אין חדר וואס הט גיהייסן לוליו. אונ זיי האבן גיבלאזען מיט דריי זילבערנע טרומייטן . נאך דעם האבן זייא גירופען מיט אשיין קול . איר געטליך פאלק . עס איז שוין גיקומען דיא צייט פון שעכטן דעם קרבן פסח פר דעם איבערשטן זענען ווס ער הט גימאכט רוען זיין נאמן אין דעם דאזיגען גרוסן הייליגען הויז . דס פאלק הט גיהערט דס רופען האבען זייא זיך באלד אן גיקלייד יום טובדיג וויארען ערב פסח נאך צוועליף וואר שוין ביי אלע אידען יום טוב . ביי דיא גרוסע טיר פון דיא עזרה איז גישטאנען צוועליף לוים אין דרויסען . אונ האבען גיהאלטען אין די הענד זילבערנע פאלקעס מתרה צו זיין דעם עולם ווס האבען זיך שטארק גיאיילט אריין צו גיין . דאס זיי זאלען זיך ניט שטופען זיי זאלען איינער דעם אנדערען ניט טוען קיין שאדען . זיי זאלען זיך ניט קריגען דען עס הט זיך אמאל גיטראפען דאס א אלטער מאן איז דער דריקט גיווארען . אונ צוועליף אנדערע לוים זענען גישטאנען אינווייניג ביי דיא טיר מיט גאלדענע פאלקעס אין דיא הענד צו ווארענין דעם עולם ווס איז ארויס גיגאנגען . דס זיי זאלן זיך ניט שטופען . אזוי אז די לוים האבען גיזעהן דס די עזרה איז שוין פול מיט אידען האבן זייא אפ גישלאסן די טיר ניט אריין גילאזט מיין . ביז דאס די כתה הט זיך אפ גיפארטיגט . אינווייניג איז גישטאנן פון דעם ארט וואס מען האט גישאכטין ביז דעם מזבח פיל שורות פון כהנים מיט לעפיל אין די הענד. אשורה מיט זילבערנע לעפיל . דיא צווייטע שורה מיט דיא גילדינע לעפיל . די שורה ווס הט זיך אן גיהויבען מיט זילבערנע איז גיוועזן דורך אום די גאנצע שורה ביז צום מזבח מיט זילבערנע לעפיל אונ די שורה ווס האט זיך אן גיהויבען מיט גאלדענע לעפיל איז גיוועזן דורך אום מיט גאלדענע לעפיל . דר כהן ווס איז גישטאנען אין עק שורה נעבן דעם ארט פון דיא שחיטה האט ער צו גנומען דס בלוט פון קרבן פסח מיט דעם לעפיל אונ עס דער לאנגט דעם צווייטען כהן פון דיא שורה דער צווייטער הט דר לאנגט דעם דריטען אונ אזוי ווייטר ביז עס איז גיקומען צום לעצטן כהן פון די שורה וואס איז גישטאנען נעבן דעם מזבח דר הט גיגעבן אשפריץ פון דעם בלוט אויף דעם מזבח אונ תיכף אוועק גיגעבען דעם ליידיגען לעפיל צוריק צו דעם כהן ווס נעבן אים אין דיא שורה אונ דער הט ווייטר גיגעבן ביז עס איז צוריק אן גיקומען דר ליידיגר לעפיל דעם ערשטן כהן ווס איז גישטאנען אין עק שורה געבן דיא שחיטה . עס איז גיגאנגען אזוי גישיקט באופן דאס יעדער כהן האט

גיגעבן דעם צווייטען אפולן לעפיל אונ גינומן אליידיגן אן שום עכוב אונ דיא כהנים זענין גיוועזן אזוי גישיקט דס עס הט אים גיזעהן די לעפיל לויפען אהין אונ צוריק אזוי ווי די פייגעלען פון בויגען . דרייסיג טאג פריער האבן די כהנים זיך גילערנט אונ גיוויינט צו די עבודה דאס זיי זאלען חלילה ניט מאכן קיין מכשול . דארט אין די עזרה איז גישטאנן צוויי גרוסע זיילען ווס וואהרן זייער הויך אונ אויף זייא זענין גישטאנן צווייא כהנים מיט זילבערנע טרומייטן אין די הענט זיי האבן גיבלאזן אונ גיגעבען סיגנאלען צו די כהנים ווס זענין גישטאנן (על הדוכן) ביי דעם אנהייב מקריב זיין דעם קרבן פסח פון יעדערע כתה נאך דיא סיגנאלין האט מען באלד אן גיהויבן צו זאגען אונ צו זינגען הלל מיט אטייער גיזאנג אונ מיט פערשידענע כלי זמר דען עס האט זיך דארט גיפינען פיל פערשידענע כלי זמר . באם מען איז נאך ניט פארטיג גיוועזן מיט די קרבנות ביי איין מאל זאגן הלל האבן זיי נאך אמאל גיזאגט . אויך אלע יודען וואס האבן מקריב גיוועזן די פסחים האבן גיזאגט דעם הלל . אויף דעם ארט פון די שחיטה איז גיוועזן ארום די ווענט אייזערנע אייטשיקעס אונ הענגערס אויף צו הענגען דעם קרבן אונ אפ צו ציהען די פעל דארט איז אויך גילעגן בינטלעך מיט שטעקינס דס די חברותה וואס האט ניט גיהאט קיין ארט אויף צו הענגען איהר קרבן פסח האבן זייא גינומען אשטעקין גילייגט אויף צוויי אקסלען פון צוויי מענטשן אויף גיהאנגן דעם קרבן אונ אפ גשינדען אונ ארויס גינומען פון אינווייניג אלעם וואס מען האט גידארפט צו געבן צום מזבח אלץ איז גימאכט גיווארען זייער גשיקט אונ מיט אגרויסע שמחה . דס יעדער וואס איז ארויס גיגאנגען מיט זיין קרבן פסח פון בית המקדש איז גיגאנגען מיט אזוי אשמחה מיט אזוי אפרייליכקייט גלייך ווי איינער וואס האלט מלחמה אונ איז מנצח . דען דאס וואר ביי זיי א אייביגע שאנד ווער עס האט ניט גיקענט אמאל מקריב זיין דעם קרבן פסח אין דיא צייט . די אלע כהנים בשעת די עבודה זענען זיי גיוועזן גיקליידעט אין רוטע בגדים דאס טאמר וועט אשפריץ טוהן אויף אבגד בלוט זאל מען ניט אן זעהן דעם פלעק . דס כתונת איז גיוועזן קורץ ביז נאך דיא קניא . זיי זענען גישטאנען בארוויס דיא ארבעל איז גיווען ביז צום ארעם בכדי זיי זאלן זיך ניט פר טשעפען בעת דיא עבודה . אויף דעם קאפ הט יעדר כהן גיטראגען אקליינע היטעל ארום דעם היטעלע איז גיוועזן ארום גיוויקעלט אפאטשייל פון דריי איילען לאנג גימאכט ווי א מצנפת דר מצנפת פון כהן גדול איז גיוועזן זייער קלאר ווייא אהעליגאנטער אונ פערציג מאל ארום גיוויקעלט ארום קאפף . די אבינם ווי זיי האבן געבראטען דעם קרבן פסח איז גיוועזן גישטעלט נעבען יעדעס טהיר פון זיין הויז ווי זיי האבען גנעכטיגט דאס איז גיוועזן צו ליב דעם מפורסם צו זיין די אמונה אין איבערשטען . בעת ווען זיי האבען גיגעסען דעם קרבן פסח איז גיוועזן דיא שמחה אין לשער אונ דיא קולות מיט דעם טהייערען גיזאנג פון הלל זאגען האט מען גיהערט זייער ווייט דיא אלע טויערן פון ירושלים זענען גיווען דיא נאכט פון פסח אפן איבר דעם כבוד פון עוברים ושבים ווס עס איז אין דיא נאכט גישיט זיך זייער פיל . השם יתברך זאל אונז מזכה זיין מיר זאלען ווידר זוכה זיין צו זעהן די שמחות ירושלים במהרה בימינו אמן :

ווען יום טוב געפאלט אום שַׁבָּת זאגט מען דאס:

מִזְמוֹר שִׁיר, לְיוֹם הַשַּׁבָּת: טוֹב לְהוֹדוֹת לַיְיָ וּלְזַמֵּר לְשִׁמְךָ עֶלְיוֹן: לְהַגִּיד בַּבֹּקֶר חַסְדֶּךָ וֶאֱמוּנָתְךָ בַּלֵּילוֹת: עֲלֵי עָשׂוֹר, וַעֲלֵי נָבֶל עֲלֵי הִגָּיוֹן בְּכִנּוֹר: כִּי שִׂמַּחְתַּנִי יְיָ בְּפָעֳלֶךָ בְּמַעֲשֵׂי יָדֶיךָ, אֲרַנֵּן: מַה גָּדְלוּ מַעֲשֶׂיךָ יְיָ, מְאֹד, עָמְקוּ מַחְשְׁבֹתֶיךָ: אִישׁ בַּעַר לֹא יֵדָע וּכְסִיל, לֹא יָבִין אֶת זֹאת: בִּפְרֹחַ רְשָׁעִים כְּמוֹ עֵשֶׂב, וַיָּצִיצוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן לְהִשָּׁמְדָם עֲדֵי עַד: וְאַתָּה מָרוֹם, לְעֹלָם יְיָ: כִּי הִנֵּה אֹיְבֶיךָ, יְיָ, כִּי הִנֵּה אֹיְבֶיךָ יֹאבֵדוּ יִתְפָּרְדוּ, כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן: וַתָּרֶם כִּרְאֵים קַרְנִי בַּלֹּתִי, בְּשֶׁמֶן רַעֲנָן: וַתַּבֵּט עֵינִי בְּשׁוּרָי, בַּקָּמִים עָלַי מְרֵעִים תִּשְׁמַעְנָה אָזְנָי: צַדִּיק כַּתָּמָר יִפְרָח כְּאֶרֶז בַּלְּבָנוֹן יִשְׂגֶּה: שְׁתוּלִים, בְּבֵית יְיָ בְּחַצְרוֹת אֱלֹהֵינוּ, יַפְרִיחוּ: עוֹד יְנוּבוּן בְּשֵׂיבָה דְּשֵׁנִים וְרַעֲנַנִּים יִהְיוּ: לְהַגִּיד כִּי יָשָׁר יְיָ, צוּרִי, וְלֹא עַוְלָתָה עלתה כ׳ בּוֹ: יְיָ מָלָךְ, גֵּאוּת לָבֵשׁ, לָבֵשׁ, יְיָ עֹז הִתְאַזָּר אַף תִּכּוֹן תֵּבֵל, בַּל תִּמּוֹט: נָכוֹן כִּסְאֲךָ מֵאָז מֵעוֹלָם אָתָּה: נָשְׂאוּ נְהָרוֹת, יְיָ, נָשְׂאוּ נְהָרוֹת קוֹלָם יִשְׂאוּ נְהָרוֹת דָּכְיָם: מִקֹּלוֹת מַיִם רַבִּים, אַדִּירִים מִשְׁבְּרֵי יָם אַדִּיר בַּמָּרוֹם יְיָ: עֵדֹתֶיךָ נֶאֶמְנוּ מְאֹד, לְבֵיתְךָ נַאֲוָה קֹדֶשׁ יְיָ, לְאֹרֶךְ יָמִים: ק״י

מעשה אלפס

עֵדוֹתֶיךָ נֶאֶמְנוּ מְאֹד, אין די גרויסע קאנטארין ווערט אבגעשטימט די קאסע אלע טאג. ווס איז זייער פראקטיש, ווייל ווען עס פעלט עפעס קען מען גלייך דער גיין דעם אירטהום, דאס גלייבען די קלוגע וואס פארשטייען אז די וועלט איז אגרויסער יריד, מקען דא האנדלען מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, מאכין זיי אלע נאכט דעם באלאנס, פיליכט האט מען גיטאן אפעלער איז לייכט צו פאריכטען (רֶמֶז לְדָבָר וּבָא הַשֶּׁמֶשׁ וְטָהֵר), נור ווען מ׳האט אגאנצע וואך פערשלאפען, זאל מען לְפָחוֹת פרייטיג פאר נאכט מאכין דעם באלאנס פון די וואך תְּשׁוּבָה טאן אויף די פעלערין. דער מִדְרָשׁ זאגט „שָׁאֲלוּ לְחָכְמָה" מ׳האט גיפרעגט ביי די חָכְמָה, ווי זאל מען זיך באגיין מיט׳ן חוֹטֵא? האט זי גיענטפערט הַנֶּפֶשׁ הַחוֹטֵאת הִיא תָמוּת. „שָׁאֲלוּ לְתוֹרָה" האט מען גיפרעגט די תּוֹרָה, ווס איז איר מיינונג? האט זי גיענטפערט „יָבִיא קָרְבָּן וְיִתְכַּפֵּר לוֹ", שָׁאֲלוּ פרעגין מיר דעם נוֹתֵן הַתּוֹרָה ערקלער אונז די כַּוָּנָה פון קָרְבָּן? ענטפערט הקב״ה, די כַּוָּנָה פון קָרְבָּן איז תְּשׁוּבָה. הַיְינוּ דורך דעם וִידּוּי שֶׁמִּתְוַדֶּה עַל הַקָּרְבָּן וּמַה גַּם בְּמָקוֹם הַקָּדוֹשׁ שֶׁהַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה שָׁם, און נאכהער זעט ער ווי מ׳קוילעט אים און ווי מ׳פארברענט די אֵמוּרִים אויפן מִזְבֵּחַ, וואס עפ״י דין האט מען דס גידארפט אים אליינטאן, ווייל ער האט אויך גיטאן מַעֲשֵׂה בְּהֵמָה (אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אא״כ נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת), מאכט דיזע היילינע בלוטיגע־סצענע אופ׳ן חוטא אגרויסין איינדרוק, ער שעמט זיך און איז מִתְחָרֵט בְּלֵב שָׁלֵם און איז מְקַבֵּל, ליב האבין דעם בּוֹרֵא ב״ה בְּלֵב וָנֶפֶשׁ לִמְסוֹר נַפְשׁוֹ עַל קְדוּשַּׁת שְׁמוֹ יִתְ׳, איז דער תַּמְצִית הַקָּרְבָּן תְּשׁוּבָה תְּפִלָּה וּצְדָקָה. דאס זאגט דער מְשׁוֹרֵר „עֵדוֹתֶיךָ נֶאֶמְנוּ מְאֹד", די קלוגע עֵצָה פון דר תּוֹרָה (ווס זי הייסט ברענגען אקָרְבָּן) איז זייער ריכטיג, ליידער אבער איז עס נור „לְבֵיתְךָ נַאֲוָה קֹדֶשׁ" די היילינע צערמאניע האט נור גיקאנט זיין בְּעֵת דער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ איז גישטאנען, אבער „ה'" דיין ערקלערונג אז דער תַּכְלִית הַקָּרְבָּן איז תְּשׁוּבָה תְּפִלָּה וּצְדָקָה ז״ז „לְאֹרֶךְ יָמִים" קען אלע מאל דינען. אלזא דארף יעדער בר דעת נעהן זיך מכין צו זיין, אריינגיין אין די היילינקייט פון שַׁבָּת בִּתְשׁוּבָה און דאווגען זייער נוארים וועט ער זוכה זיין לְיוֹם שֶׁכֻּלּוֹ שַׁבָּת אָמֵן:

בשעה שאומר החזן ברכו אומרים הקהל יתברך

חזן בָּרְכוּ, אֶת יְיָ, הַמְבוֹרָךְ:
ק"ה בָּרוּךְ יְיָ הַמְבוֹרָךְ, לְעוֹלָם וָעֶד:

יִתְבָּרֵךְ וְיִשְׁתַּבַּח וְיִתְפָּאַר וְיִתְרוֹמַם וְיִתְנַשֵּׂא, שְׁמוֹ שֶׁל מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, שֶׁהוּא רִאשׁוֹן וְהוּא אַחֲרוֹן, וּמִבַּלְעָדָיו אֵין אֱלֹהִים: סֹלּוּ לָרוֹכֵב בָּעֲרָבוֹת, בְּיָהּ שְׁמוֹ, וְעִלְזוּ לְפָנָיו. וּשְׁמוֹ מְרוֹמָם עַל כָּל בְּרָכָה וּתְהִלָּה: בָּרוּךְ שֵׁם, כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ, לְעוֹלָם וָעֶד: יְהִי שֵׁם יְיָ מְבוֹרָךְ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם:

בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר בִּדְבָרוֹ, מַעֲרִיב עֲרָבִים, בְּחָכְמָה, פּוֹתֵחַ שְׁעָרִים, וּבִתְבוּנָה, מְשַׁנֶּה עִתִּים, וּמַחֲלִיף, אֶת הַזְּמַנִּים, וּמְסַדֵּר, אֶת הַכּוֹכָבִים, בְּמִשְׁמְרוֹתֵיהֶם, בָּרָקִיעַ, כִּרְצוֹנוֹ. בּוֹרֵא יוֹם וָלָיְלָה, גּוֹלֵל אוֹר, מִפְּנֵי חֹשֶׁךְ, וְחֹשֶׁךְ מִפְּנֵי אוֹר. וּמַעֲבִיר יוֹם, וּמֵבִיא לָיְלָה, וּמַבְדִּיל בֵּין יוֹם וּבֵין לָיְלָה, יְיָ צְבָאוֹת, שְׁמוֹ: אֵל חַי וְקַיָּם, תָּמִיד, יִמְלוֹךְ עָלֵינוּ, לְעוֹלָם וָעֶד:

לֵיל שִׁמּוּרִים, אוֹתוֹ אֵל חָצָה. בַּחֲצוֹת לַיְלָה, בְּתוֹךְ מִצְרַיִם כְּיָצָא. גִּבּוֹר עַל קָמָיו, יַחֲצֶנּוּ כְּחָצָה. דּוֹד מַעֲרִיב עֶרֶב, וּנְזַמְּרֶנּוּ בְּנֶפֶשׁ חֲפֵצָה:

בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, הַמַּעֲרִיב עֲרָבִים:

בית ישראל

בָּרְכוּ לוֹבְּט גָאט דֶר דָא איז גילוֹבְּט: בָּרוּךְ גילוֹבְּט איז גָאט דֶר דָא איז גְלוֹבְּט אין דֶר אֵייבִּיקֵייט:

בָּרוּךְ גילוֹבְּט בִּיסְטוּ אוּנְזֶר גָאט קִינִיג פוּן דֶר וֶועלְט וָוס דוּרְךְ זַיין וָוארְט מַאכְט עֶר פִינְצְטֶער דִי אָבִינְטִין. מִיט חָכְמָה עֶפִינְט עֶר דִי טוֹעֶרִין פוּן הִימִיל אוּנ מִיט פַר שְׁטַאנְדִיקֵייט פַר עֶנְדֶערְט עֶר אוּנ פַרְבַּייט דִי צַייטִין אוּנ נָאךְ זַיין ווִילֶען זֶעצְט עֶר דִי שְׁטֶערִין אִין הִימִיל. עֶר בַּאשַׁאפְט דֶעם טָאג אוּנ דִי נַאכְט. שַׁאפְט אָב צוּ דִי לִיכְט אַזוֹ וֶוערְט פִינְצְטֶער. אוּנ אַז עֶר שַׁאפְט אַוֶועק דִי פִינְסְטֶערְנֶעשׁ וֶוערְט לִיכְטִיג אוּנ פִירְט אַוֶועק דֶעם טָאג אוּנ בְּרֵיינְגְט דִי נַאכְט. אוּנ מַאכְט צְווישִׁין שֵׁייד צְווִישִׁין טָאג אוּנ צְווִישִׁין נַאכְט. זַיין נָאמֶען אִיז גָאט דֶער הֶערְשַׁארִין: אֵל חַי וְקַיָּם עֶר אִיז אֵיין לֶעבֶּעדִיגֶר גָאט אוּנ שְׁטַאנְד הַאפְטִיגֶער שְׁטֶעטִיגְלִיךְ וֶועט עֶר קִינִיגִין אִיבֶּער אוּנְז צוּ אִימֶער אוּנ אֵייבִּיג:

לֵיל שִׁמּוּרִים דִי נַאכְט פוּן פֶּסַח אִיז אֵיין נַאכְט פוּן בַּאוָוארוּנְג פוּן גָאט אִיתוֹ דִי נַאכְט הָאט גָאט גֶעטֵיילְט אוּנ אִיז אִין הַאלְבֶּע נַאכְט אַרוֹיס צְווִישֶׁן דִי מִצְרַיִם זֵיי צוּ שְׁלָאגֶן גִּבּוֹר דֶער שְׁטַארְקֶער גָאט וֶועט דִי נַאכְט ווִידֶר טֵיילֶען צוּ שְׁטְרָאפֶען דִי וָוס שְׁטֵייעֶן אוֹיף צוּ פַר שְׁוֶועכֶן אוּנְז ווִי עֶר הָאט דִי נַאכְט גֶעטֵיילְט אִין מִצְרַיִם דּוֹד דֶער לִיבֶּער גָאט מַאכְט פִינְסְטֶער דֶעם אָבִינְט וּנְזַמְּרֶנּוּ אוּנ מִיר וֶועלֶן אִים לוֹיבֶען מִיט בַּאגֶער אוּנ ווִילֶען:

בָּרוּךְ גֶעלוֹבְּט בִּיסְטוּ גָאט דֶר דָא מַאכְט פִינְצְטֶר דִי אָבִינְטִין:

אַהֲבַת עוֹלָם, בֵּית יִשְׂרָאֵל, עַמְּךָ אָהָבְתָּ. תּוֹרָה וּמִצְוֹת, חֻקִּים וּמִשְׁפָּטִים, אוֹתָנוּ לִמַּדְתָּ. עַל כֵּן יְיָ אֱלֹהֵינוּ, בְּשָׁכְבֵנוּ וּבְקוּמֵנוּ, נָשִׂיחַ בְּחֻקֶּיךָ, וְנִשְׂמַח, בְּדִבְרֵי תוֹרָתֶךָ, וּבְמִצְוֹתֶיךָ, לְעוֹלָם וָעֶד. כִּי הֵם חַיֵּינוּ, וְאֹרֶךְ יָמֵינוּ, וּבָהֶם נֶהְגֶּה, יוֹמָם וָלָיְלָה. וְאַהֲבָתְךָ, אַל תָּסִיר מִמֶּנּוּ, לְעוֹלָמִים:

לֵיל שִׁמּוּרִים הוּא, זֶה הַלַּיְלָה. וְעִתְּדוּ אֵל, בְּאֹמֶר בַּחֲצוֹת הַלַּיְלָה. זֶה אֲשֶׁר הוּא, לוֹ יוֹם וְלוֹ לַיְלָה. חוֹק אַהֲבָתוֹ יִזְכּוֹר, לְגִנֵּי חֵלֶק לוֹ לַיְלָה: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אוֹהֵב עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל:

יחיד אומר אֵל מֶלֶךְ נֶאֱמָן:

שְׁמַע יִשְׂרָאֵל יְהוָה אֱלֹהֵינוּ יְהוָה | אֶחָד:

בלחש בָּרוּךְ, שֵׁם, כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ, לְעוֹלָם וָעֶד:

וְאָהַבְתָּ אֵת יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּכָל־לְבָבְךָ וּבְכָל־נַפְשְׁךָ וּבְכָל־מְאֹדֶךָ: וְהָיוּ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם עַל־לְבָבֶךָ: וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ וְדִבַּרְתָּ בָּם בְּשִׁבְתְּךָ

בית ישראל

אַהֲבַת עוֹלָם איין אייביג ליבשאפט האסטו דיין הויז גיזינד פון דיין פאלק ישראל ליב. די תורה אונ מצות אונ גיזעץ אונ גיריכט האסטו אונז גילערינט עַל כֵּן דרום גאט אז מיר לייגין זיך שלאפין אונ אז מיר שטייען אויף בדארפין מיר רעדין אין דיינע גיזעץ. אונ מיר טוען זין פרייען מיט די רייד פון דיין תורה אונ טוען האלטין דיינע מצות אימר אונ אייביג דען זיי זיינען אונזר לעבן אונ זייא דר לייגערין אונזערע יארין אונ מיר בדארפין לערנען דיין תורה טאג אונ נאכט: וְאַהֲבָתְךָ מיר בעטין דיך טו ניט אפ פון אונז דיין ליבשאפט ביז אין דער אייביקייט:

לֵיל שִׁמּוּרִים הוּא זֶה הַלַּיְלָה איין נאכט פון באוואָרונג איז די דאזיגע נאכט וְעִתְּדוּ אֵל אונ גאט האט אים באשטימט ריכטיג האלבע נאכט זֶה דער גאט וואס צו אים איז דער טאג אונ צו אים איז די נאכט חוֹק אַהֲבָתוֹ דאס גיזעץ פון זיין ליבשאפט זאל ער גידענקען צו די קינדער פון אברהם וואס ער האט צו טיילט די נאכט צו יאגען די מלכים:

בָּרוּךְ געלויבט בִּיסְטוּ גאט דער וואס האט ליב זיין פאלק ישראל:

אֵל גאט איז איין וואָרהאפטיגער קיניג:

שְׁמַע יִשְׂרָאֵל הער צו ישראל גאט ער איז אונזער גאט אוי איז איין איינציגער גאט:

בָּרוּךְ געלויבט זאל זיין דער נאמען פון זיין היילגין קיניגרייך אויף אייביג:

וְאָהַבְתָּ אונ דו זאלסט דיין גאט ליב האבען דוא זאלסט מקים זיין זיינע מצות פון וועגין ליבשאפט מיט דיין גאנצין הארצין אונ מיט דיין גאנצען נפש אונ מיט דיין גאנצען פארמעג: וְהָיוּ אונ די ווערטער וָוס איך זאג דיר היינט זאלין זיין אויף דיין הארצן אונ דוא זאלסט זיי תמיד גידיינקען: וְשִׁנַּנְתָּם אונ דו זאלסט זייא שארף איין לערנען צו דיינע קינדר אונ דו זאלסט

בְּבֵיתֶךָ וּבְלֶכְתְּךָ בַדֶּרֶךְ וּבְשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ: וּקְשַׁרְתָּם לְאוֹת עַל־יָדֶךָ וְהָיוּ לְטֹטָפֹת בֵּין עֵינֶיךָ: וּכְתַבְתָּם עַל־מְזֻזוֹת בֵּיתֶךָ וּבִשְׁעָרֶיךָ:

וְהָיָה אִם־שָׁמֹעַ תִּשְׁמְעוּ אֶל־מִצְוֹתַי אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם לְאַהֲבָה אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם וּלְעָבְדוֹ בְּכָל־לְבַבְכֶם וּבְכָל־נַפְשְׁכֶם: וְנָתַתִּי מְטַר־אַרְצְכֶם בְּעִתּוֹ יוֹרֶה וּמַלְקוֹשׁ וְאָסַפְתָּ דְגָנֶךָ וְתִירֹשְׁךָ וְיִצְהָרֶךָ: וְנָתַתִּי עֵשֶׂב בְּשָׂדְךָ לִבְהֶמְתֶּךָ וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ: הִשָּׁמְרוּ לָכֶם פֶּן־יִפְתֶּה לְבַבְכֶם וְסַרְתֶּם וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם לָהֶם: וְחָרָה אַף־יְהוָה בָּכֶם וְעָצַר אֶת־הַשָּׁמַיִם וְלֹא־יִהְיֶה מָטָר וְהָאֲדָמָה לֹא תִתֵּן אֶת־יְבוּלָהּ וַאֲבַדְתֶּם מְהֵרָה מֵעַל הָאָרֶץ הַטֹּבָה אֲשֶׁר יְהוָה נֹתֵן לָכֶם: וְשַׂמְתֶּם אֶת־דְּבָרַי אֵלֶּה עַל־לְבַבְכֶם וְעַל־נַפְשְׁכֶם וּקְשַׁרְתֶּם אֹתָם לְאוֹת עַל־יֶדְכֶם וְהָיוּ לְטוֹטָפֹת בֵּין עֵינֵיכֶם: וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת־בְּנֵיכֶם לְדַבֵּר בָּם בְּשִׁבְתְּךָ בְּבֵיתֶךָ וּבְלֶכְתְּךָ בַדֶּרֶךְ וּבְשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ: וּכְתַבְתָּם עַל־מְזוּזוֹת בֵּיתֶךָ וּבִשְׁעָרֶיךָ:

בית ישראל

תמיד דר פון ריידין אז דו וועסט אין דיין הויז זיצין אונ אז דוא וועסט אין וועג גיין אין דיין ליגין זיך אונ אין דיין אויף שטיין: וּקְשַׁרְתָּם אונ זאלסט זיי אן קניפן צו אצייכן אויף דיין האנד אונ זיי זאלין זיין צו תפילין צווישען דיינע אוגין: וּכְתַבְתָּם אונ דו זאלסט זייא אן שרייבען אויף דיא ביי שטידלען פון דיין הויז אונ פון דיינע טויערין:

וְהָיָה אונ עס וועט זיין אז איר וועט צו הערן מיינע מצות וואס איך זאג אייך היינט אן דם איר זאלט ליב האבין גאט אייער גאט אונ צו דינען אים מיט אייער גאנציו לעבין: וְנָתַתִּי אזו וועל איך געבין דעם רעגין פון אייער לאנד אין זיין צייט פרי רעגין אונ שפעט רעגין אונ דו וועסט איין זאמלן דיין קארין אונ דיין וויין אונ דיין אייל: וְנָתַתִּי אונ איך וועל געבין גראז אין דיין פעלד צו דיינע בהמות אונ דו וועסט עסין אונ וועסט זאט זיין: הִשָּׁמְרוּ היט אייך טאמער וועט אפ קערין פון מיר אייער הארץ אונ איר וועט אפ קערין פון דער תורה אונ איר וועט דינען פרעמדע געטר אונ וועט זיך צו זיי בוקין: וְחָרָה וועט גאטס צארען דר צונדין ווערין אויף אייך אונ ער וועט אויף האלטין די הימיל פון וואלקין אונ ווינטין אונ קיין רעגין וועט ניט זיין אונ די ערד וועט ניט געבין איר פרוכט אונ איר וועט באלד פר לארין ווערין פון דעם גוטין לאנד וואס גאט גיט אייך: וְשַׂמְתֶּם אונ איר זאלט טאן די רייד פון דר תורה אויף אייער הארץ אונ אויף אייער זעלע. אונ איר זאלט זיי אן קניפין צו אצייכין אויף אייערע העגט אונ זיי זאלן זיין צו תפילין צווישין אייערע אוגען: וְלִמַּדְתֶּם אונ איר זאלט לערנן אייערע קינדר דס זיי זאלען אלע צייט ריידין אין די רייד פון דר תורה אז דו וועסט זיצן אין דיין הויז אונ אז דו וועסט גיין אין וועג אונ ווען דו ליגסט זיך אונ ווען דו שטייסט אויף: וּכְתַבְתָּם אונ דו זאלסט זיי אן שרייבן

למען ירבו ימיכם וימי בניכם על האדמה אשר נשבע יהוה לאבתיכם לתת להם כימי השמים על־הארץ:

ויאמר יהוה אל־משה לאמר: דבר אל־בני ישראל ואמרת אלהם ועשו להם ציצת על־כנפי בגדיהם לדרתם ונתנו על־ציצת הכנף פתיל תכלת: והיה לכם לציצת וראיתם אתו וזכרתם את־כל־מצות יהוה ועשיתם אתם ולא־תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר־אתם זנים אחריהם: למען תזכרו ועשיתם את־כל־מצותי והייתם קדשים לאלהיכם: אני יהוה אלהיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים להיות לכם לאלהים אני יהוה אלהיכם:

אמת ואמונה, כל זאת, וקים עלינו, כי הוא יי אלהינו, ואין זולתו, ואנחנו ישראל עמו, הפודנו מיד מלכים, מלכנו, הגואלנו, מכף כל העריצים, האל הנפרע לנו, מצרינו. והמשלם גמול, לכל איבי נפשנו. העשה גדולות, עד אין חקר, נסים ונפלאות, עד אין מספר. השם נפשנו בחיים, ולא נתן, למוט רגלנו. המדריכנו, על במות אויבינו, וירם קרננו, על כל שנאינו. העשה לנו נסים ונקמה,

---

בית ישראל

אין אייגע פון די ביי שטידלען פון דיין הויז און פון דיינע טוערין: למען דרום וועלען זיך מערין אייערע טעג און די טעג פון אייערע קינדער אויף דער ערד וואס גאט האט געשווארין צו אייערע עלטערין צו געבין צו זיי אלס די טעג פון הימעל אויף דער ערד געדויערען:

ויאמר און גאט זאגט צו משה: דבר רייד צו די קינדער ישראל און זאלסט צו זיי זאגין דאס זיי זאלין זיך מאכין ציצית אויף די עקין פון זייערע קליידער צו די גיבירט וואס וועלען נאך זיי זיין און זיי זאלין מאכין אויף די ציצית אין די עקין אבלאען פאדים. און דם זאל אייך זיין צו קוק פעדים. און איר זאלט זעהן די ציצית און דורך דעם וועט איר גידיינקען אלע תרי״ג מצות פון גאט און איר וועט זיי טאן דאס איר זאלט ניט נאך זעהן נאך די גידאנקען פון אייער הארצין און נאך דאס אום קוקען פון אייערע אויגין וואס איר קערט אפ פון גאטס דינסט איבער די תאות. דרום דאס איר זאלט גידיינקן און זאלט טאן אלע מיינע מצות וועט איר זיין הייליג צו אייער גאט. איך בין אייער גאט וואס איך האב אייך אום גיצוגין פון לאנד מצרים צו זיין צו אייך פאר איין גאט איך בין גאט אייער גאט:

אמת דס אלץ איז וואר און שטאנדהאפטיג דען ער איז אונזר גאט און אוסער אים איז קיין אנדער גאט ניטא און מיר ישראל זייען זיין פאלק דר וואס האט אונז אום גילייזט פון האנט פרעה און פון די הענט כשדים. ער איז גאט וואס האט גיצאלט אלע אונזערע בליידיגר און האט זיך אפ גירעכינט מיט אונזערע פיינד. ער טוט נסים און פר הולענע זאכין אן צאל. ער טוט אונזערע לייבער אין לעבין און האט אונזערע פיס ניט גילאזין אום גליצען. דער דא מאכט אונז טרעטין אויף די הויך פון אונזערע פיינט און האט אויף גיהויבען אונזער הערשאפט איבר אונזערע פיינד דר דא האט גיטאן צו אונז נסים און רעכענונג אן פרעה און וואונדערליכע צייכין אין לאנד מצרים. דר דא האט גישלאגין מיט זיין גרים צארין אלע די ערשט גיבארין

בְּפַרְעֹה, אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים, בְּאַדְמַת בְּנֵי חָם. הַמַּכֶּה בְעֶבְרָתוֹ, כָּל בְּכוֹרֵי מִצְרָיִם. וַיּוֹצֵא אֶת עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל מִתּוֹכָם, לְחֵרוּת עוֹלָם: הַמַּעֲבִיר בָּנָיו, בֵּין גִּזְרֵי יַם סוּף. אֶת רוֹדְפֵיהֶם, וְאֶת שׂוֹנְאֵיהֶם, בִּתְהוֹמוֹת טִבַּע, וְרָאוּ בָנָיו גְּבוּרָתוֹ, שִׁבְּחוּ וְהוֹדוּ לִשְׁמוֹ: וּמַלְכוּתוֹ בְּרָצוֹן, קִבְּלוּ עֲלֵיהֶם
מֹשֶׁה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל, לְךָ עָנוּ שִׁירָה:

פֶּסַח אָכְלוּ פְחוּזִים. וְנִפְלָאוֹת תּוֹזִים. בִּימֵי חַג פֶּסַח: פֶּסַח בְּנוּ. לִשְׁמוֹר לְדוֹרוֹת. פְּנֵה לָנוּ לְהוֹרוֹת. בִּימֵי חַג פֶּסַח: פֶּסַח גָּזַר עֲנוּי אֱמוּנִים. אַרְבַּע מֵאוֹת נִמְנִים. בִּימֵי חַג פֶּסַח: פֶּסַח דָּת שְׁבוּעִים יְמַלֵּא. וְיוֹם נָקָם, יְגַלֶּה. בִּימֵי חַג פֶּסַח: פֶּסַח הָרַג בְּכוֹרֵי חָם. וּבֵן בְּכוֹרִי רִחֵם. בִּימֵי חַג פֶּסַח: פֶּסַח וָעַד לִשְׁפּוֹט מַרְשִׁיעִים. וּלְהַעֲלוֹת לְצִיּוֹן, מוֹשִׁיעִים. בִּימֵי חַג פֶּסַח: פֶּסַח, זֶמֶר בְּנוֹף נִתַּן. לִגְאוֹל בְּנֵי אֵיתָן. בִּימֵי חַג פֶּסַח: פֶּסַח חֶרֶב עַל רִשְׁעֵי הֲדוֹם. בְּיַד צַח וְאָדוֹם. בִּימֵי חַג פֶּסַח: פֶּסַח טְבִיחַת נִינֵי כוּשׁ. לְהוֹצִיא עַמּוֹ בִּרְכוּשׁ. בִּימֵי חַג פֶּסַח: פֶּסַח יְדִידוּת קַן שְׂדוּדָה. כִּנֵּס אוֹם גְּדוּדָה: בִּימֵי חַג פֶּסַח: פֶּסַח כָּרַת לִשְׁמוֹ מַסִּים. וְהוֹצִיא עַמּוֹ בְּנִסִּים. בִּימֵי חַג פֶּסַח: פֶּסַח לוֹחֲצֵינוּ יְלַחֵץ. וְיִרְפָּאֵנוּ מִמַּחַץ. בִּימֵי חַג פֶּסַח: פֶּסַח מִלֵּא הֲמוֹן הָרֵיקָה. וְהִסִּיעַ גֶּפֶן

בית ישראל

פון מִצְרַיִם אונ האט אוס גיצויגן זיין פאלק יִשְׂרָאֵל פון צווישן זיי צו א אייביגע פריישאפט הַמַּעֲבִיר דר דא הט אריבר גיפירט זיינע קינדר צווישן די שטיקער פון דעם יַם. זייערע נאך יאגער אונ זייערע פיינד האט ער פאר זונקען אין די אפ גרונטען. וְרָאוּ זיינע קינדער האבין גיזעהן זיין שטארקייט אונ לויבען אונ דאנקען זיין נאמן. אונ זיין קיניגרייך מיטען גוטען ווילין האבין אויף זיך מקבל גיוועז משה מיט די קינדער יִשְׂרָאֵל. מיט גרויס פרייד האבין זיי גיזאגט לויב גיזאנג:

פֶּסַח דעם קרבן פֶּסַח האבן גיגעסן די יִשְׂרָאֵל איילענדיג אונ האבן גיזעהן וואונדר פֶּסַח בְּנוּ דעם פֶּסַח צו היטען אויף קומענדיגע דורות לֶעָתִיד לָבֹא זאלסטו זיך קערין אונז צו לערנען בִּימֵי חַג פֶּסַח אזו ווי אין די טעג פון דעם יום טוב פון פֶּסַח מִצְרַיִם פֶּסַח גָּזַר אום פֶּסַח הט גאט גוזר גיוועזן צו פייניגען די יִשְׂרָאֵל פיר הונדערט יאר זאלין זיי גירעכינט ווערען ביז די טעג פון יום טוב פֶּסַח פֶּסַח דַּת שְׁבוּעִים אום פֶּסַח זאל גאט דער פילען דס רעכט פון די זיבעציג וואכען וואס דניאל הט גיזאגט דס נאך דעם וועט קומען משיח וְיוֹם נָקָם אונ איין טאג פון נקמה וועט ער אנטפלעקן אזוי ווי אין די טעג פון פֶּסַח מִצְרַיִם פֶּסַח הָרַג אום פֶּסַח האט ער גערהרגת די בכורים פון מִצְרַיִם פֶּסַח וָעַד פֶּסַח איז אן גיבריית גיווארן צו משפטן די וואס טוען בייז לְהַעֲלוֹת אויף צו ברענגען קיין ציון פֶּסַח זֶמֶר אום פֶּסַח איז איין לויב גיזאנג אין מִצְרַיִם גיגעבן גיווארן דס די קינדר פון אברהם זענן אויס גילייזט גיווארן פֶּסַח חֶרֶב אום פֶּסַח וועט זיין לֶעָתִיד לָבֹא אויף די רשעים פון דער וועלט איין שווערד אין די האנט פון דעם קלארען אונ לויטערען גאט פֶּסַח טְבִיחַת פֶּסַח איז גיוועזן די שעכטונג פון די קינדר פון כוש (מִצְרַיִם) פֶּסַח יְדִידוּת פֶּסַח זאלסטו אין דעם גיליבטען נעסט (ירושלים) וואס זיא איז בארויבט איין זאמלען דאס פאר וואגעלטע פאלק פֶּסַח כָּרַת פֶּסַח האט ער פר שניטען די מִצְרַיִם וְהוֹצִיא אונ הט ארויס גיצויגן זיין פאלק מיט נסים פֶּסַח לוֹחֲצֵינוּ פֶּסַח וועט ער אונז היילן פון אונזערע וואונדן פֶּסַח מִלֵּא הט ער דער פילט די ליידיגע יִשְׂרָאֵל מיט פיל גוטס

שׁוֹרֵקָה. בִּימֵי חַג פֶּסַח: פֶּסַח נְגִינוֹת צַר יַשְׁפִּיל. וְגִיל עַמּוֹ יַכְפִּיל. כִּימֵי חַג פֶּסַח: פֶּסַח סִגַּר זֵדִים לְדַבֵּר. וְרִפָּא עַמּוֹ מִשֶּׁבֶר. בִּימֵי חַג פֶּסַח: פֶּסַח עֲבוּר כָּל צוֹרֵר, שָׁמוּר. וְנָקַם עַמּוֹ כָּאָמוּר. כִּימֵי חַג פֶּסַח: פֶּסַח, פַּחַד בָּתֵּי מִצְרָיִם. וּבֵן בְּעִנּוּי נוֹצְרִים. בִּימֵי חַג פֶּסַח: פֶּסַח צְפִירַת צַר לַעֲלוּקָה. כַּנֵּם, אוֹם חֲקוּקָה. כִּימֵי חַג פֶּסַח: פֶּסַח קֶשֶׁר לְצַר אָבְדָה. וְגָאַל יְדִידִים, מֵעֲבוֹדָה. בִּימֵי חַג פֶּסַח: פֶּסַח, רָמִים זֵדִים תְּהָרֵס. וְרַעְיָתְךָ תְּאָרֵשׂ. כִּימֵי חַג פֶּסַח: פֶּסַח שָׁת בְּכָל בַּיִת יְלֵיל. בְּצֵאתוֹ, בַּחֲצוֹת לֵיל. בִּימֵי חַג פֶּסַח: פֶּסַח תִּכֵּן וְהוֹחַק לְאוֹת. לְהַרְאֵנוּ בוֹ, נִפְלָאוֹת. כִּימֵי חַג פֶּסַח:

פֶּסַח תְּהִלָּה, לְשֵׁם שׁוֹכֵן שְׁחָקִים. תָּקְפוּ יַבִּיעוּ, קְרוֹבִים

א מעשה פון בימי בית המקדש

פֶּסַח עֲבוּר כָּל צוֹרֵר שָׁמוּר כו׳. פֶּסַח הָאט הַשי״ת גֶעהִיט דִי יִשְׂרָאֵל פוּן אַלֶע רְשָׁעִים, עֶס אִיז גֶעוֶועזִין אִין אַשְׁקְלוֹן (אַיין אָרְט) צְווייא בְּרִידֶער עֲשִׁירִים, גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים אוּנ חֲכָמִים, אַרוּם זַיי הָאבֶּן גֶעווֹאהנְט שְׁכֵנִים הַיידֶען דִינֶער רְשָׁעִים, הָאבֶּן זַיי זִיךְ מְתַקְנֶא גֶעוֶועזִין, ווייל די יְהוּדִים זַיינֶען אַזוֹי רַייךְ פִיהרִין אַנְדרוֹיסֶען שְׁטָאט אִין דִיא שְׁכֵנִים זַיינֶען אָרֶעם, פְלֶעגִין זַיי זוּכֶען מִיטְלֶען ווִי מַאכֶען דִי יְהוּדִים אוּנְגְלִיקְלִיךְ, עֶס הָאט זַיי נִיט אָב גֶעגָאלְטֶען, ווייל גָאט ב״ה אִיז מִיט זַיי, וַיְהִי הַיּוֹם דִי יְהוּדִים דַארְפִין גַיין עוֹלֶה לְרֶגֶל זַיין אִין יְרוּשָׁלַיִם (ווֶען דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען) דְרַייא מָאל אִין יָאהר פֶּסַח, שָׁבוּעוֹת סֻכּוֹת. הָאבֶּען זַייא גֶערֶעכִינְט יֶעצְט אִיז גֶעקוּמֶען דִי בֶּעסְטֶע צַייט אַז מִיר ווֶעלֶען צוּ רַאבִּירֶען זַייעֶר גַאנְצֶען רַייכְטְהוּם, מִיר ווֶעלֶען נִיט לָאזֶען קֵיין שָׂרִיד וּפָלִיט, ווָאס הָאט הַשי״ת גֶעטָאהְן, ווִי דִי בְּרִידֶער מִיט זַייעֶר הוֹיז גֶעזִינְד זַיינֶען אַוֶועק אִין יְרוּשָׁלַיִם. הָאט הַשי״ת אַרָאבּ גֶעשִׁיקְט אֵיינְגְלֶען (מַלְאָכִים) פוּן הִימֶל, הִיטֶען זַייעֶר רַייכְטְהוּם, זַיינֶען גֶעוֶועזִין גֶעקְלֵיידֶעט פוּנְקְט ווִי דִי צְווייא בְּרִידֶער, אַרַיין אִין אַרוּיס, דִיא שְׁכֵנִים הָרָעִים זַיינֶען גֶעוֶועזִין גֶעקוּמֶען פִיל מָאל רַאבֶּעוֶוען הָאבֶּען זַיי גֶעזֶעהְן ווִיא דִיא בְּרִידֶער גֵייעֶן אַרוּם אוּנ גִיבֶּען הַשְׁגָחָה מֶען זָאל נִיט קֶענֶען רַאבֶּעוֶוען דֶער נָאךְ ווִי דִי בְּרִידֶער זַיינֶען גֶעקוּמֶען פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּנ הָאבֶּען גֶעבְּרַאכְט מַתָּנוֹת פִיר אַלֶעמֶען אֲפִילוּ פִיר דִי שְׁלֶעכְטֶע שְׁכֵנִים אוֹיךְ, הַיְינוּ טַייעֶרֶע פְרוּכְט, פֵּירוֹת אוּנ מְהֻיעֶרֶע מַטְעַמִּים, אוּנ מַשְׁקֶה, אוּנ הָאבֶּען זַיי עֶרְצֵיילְט דִי נִסִּים וְנִפְלָאוֹת פוּן הַשי״ת ווָאס זַיי הָאבֶּען גֶעזֶעהְן אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, הָאבֶּען זַיי זִיךְ פֶערְווֹאנְדֶערְט, מִיר הָאבֶּען דָאךְ אַייךְ גֶעזֶעהְן אַרַיין אִין אַרוּיס, גֶעקְלֵיידֶעט אִין דִיא אֵייגֶענֶע בְּגָדִים, נָאר דִי בְּרִידֶער הָאבֶּען זַיי דָאךְ גֶעבְּרַאכְט מַתָּנוֹת פוּן יְרוּשָׁלַיִם אִין אֵיין אַנְדֶער מְדִינָה גֶעפִינֶען זַיי נִ״ט, הָאבֶּען זַיי פֶערְשְׁטַאנֶען אַז זַיי הָאבֶּען נִיט גֶעזֶעהְן דִי בְּרִידֶער נָאר מַלְאָכִים פוּן הִימֶל, הָאבֶּען זַיי גֶעזֶעהְן דָאס מֶען הָאט גֶעשִׁיקְט פַאר הִיטֶען זַיי, רוּפִין זִיךְ אָב, גֶעגְלוֹיבְּט אִיז גָאט פוּן יִשְׂרָאֵל, ווָאס עֶר הִיט דִי ווָאס הִיטֶען זַיין תּוֹרָה, אִיהר לִיבֶּע בְּרִידֶער ווייסְט אַלֵיין נִיט דִי נִסִּים ווָאס אַ־יעֶר עֶווִיגֶער הָאט גֶעטָאהְן מִיט אַייךְ, דָא הָאבֶּען זַייא עֶרְצֵיילְט דֶעם אוּנְגְלִיק ווָאס זַייא הָאבֶּען זַיי גֶעווָאלְט טָאהְן, נָאר גָאט הָאט זַיי גֶעהִיט, דָאס אִיז דִי כַּוָּנָה כֹּה יָפוּ פְעָמַיִךְ בַּנְּעָלִים, ווִי שֵׁיין אִיז גֶעוֶועזִין דַיינֶע טְרִיט, דָאס אִיז דַיין גַאנְג עוֹלֶה רֶגֶל זַיין אִין יְרוּשָׁלַיִם.

מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין צוּא זֶעהְן ווַייטֶער אַזֶעלְכֶע נִסִּים וְנִפְלָאוֹת אָמֵן:

בית ישראל

וְהִסִּיעַ אוּנ הָט אַרוֹיס גֶיצוֹיגֶען פוּן מִצְרַיִם דִי יִשְׂרָאֵל ווָס זֶענֶען גִיגְלִיכֶן צוּ אֵיין וַויין צְוַויִיג פֶּסַח נְגִינוֹת פֶּסַח ווֶעט עֶר מַאכֶען נִידֶערִיג לֶעָתִיד לָבֹא דִי גִיזַאנְג פוּן דִי רְשָׁעִים אוּנ דִי גִיזַאנְג פוּן זַיין פָאלְק ווֶעט עֶר פַר דָאפְּלֶען פֶּסַח סִגַּר פֶּסַח הָט עֶר אִיבֶּער גִיעֶנְטְפֶערְט דִי מוּטְווִילִיגֶע מִצְרִים צוּם פֶּעסְט אוּנ זַיין פָאלְק הָט עֶר גִיהֵיילְט פוּן בְּרָאךְ פֶּסַח עֲבוּר כָּל צוֹרֵר פֶּסַח אִיז בַּאוָוארְט צוּ נֶעמֶען פוּן זֵיי נְקָמָה פַר זַיין פָאלְק פֶּסַח פַּחַד פֶּסַח הָט עֶר גִימַאכְט דֶער שְׁרֶעקֶען דִי הַייזֶר פוּן מִצְרַיִם אוּנ הָט בַּאטְרַאכְט דֶעם פַיין פוּן יִשְׂרָאֵל ווָס הִיטֶען זַיין תּוֹרָה פֶּסַח צְפִירַת צַר פֶּסַח ווֶעט זַיין דִיא שֶׁענְקֵייט פוּן עֲמָלֵק דֶעם בַּאלֵיידִיגֶר צוּם גִיהִנֹּם כַּנֵּס אוּנ צוּם פַר זַאמְלֶען דָם פָאלְק ווָס אִיר נָאמֶען אִיז אוֹיס גִיקְרִיצְט פַר נָאט פֶּסַח קֶשֶׁר פֶּסַח אִיז פַר לָארֶען גִיוָוארֶען דֶר בּוּנְד פוּן מִצְרַיִם דִי בַּאלֵיידִיגֶר אוּנ הָט דִי גִילִיבְּטֶע יִשְׂרָאֵל אוֹיס גִילֵייזְט פוּן דִינְסְט פֶּסַח רָמִים פֶּסַח ווֶעסְטוּ לֶעָתִיד לָבֹא דִי הָאפֶערְדִיגֶע מוּטְווִילִיגֶע צוּ כִּירֶען אוּנ דַיין יוּגֶנְט גִילִיבְּטֶע פָאלְק ווֶעסְטוּ פַר לָאבֶּען פֶּסַח שָׁת פֶּסַח הָט עֶר גְטָאן אִין גִיטְלִיכֶע הוֹז פוּן מִצְרַיִם אַיין קְלָאג בְּעֵת עֶר אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען הַאלְבֶּע נַאכְט פֶּסַח תִּכֵּן פֶּסַח אִיז אָן גִיבְּרֵייט אוּנ פֶּעסְט גִיזֶעצְט גִיווָארֶען צוּ אֵיין צֵייכֶען לֶעָתִיד לָבֹא אוּנ צוּ ווַייזֶען אִין אִים נִפְלָאוֹת כִּימֵי חַג פֶּסַח אַזוֹי ווִיא אִין דִי טֶעג פוּן יוֹם טוֹב פוּן פֶּסַח מִצְרַיִם:

וּרְחוֹקִים. תּוֹקֶף כְּבוֹדוֹ, בַּיָּם מְחוֹקְקִים. שִׁיר וְתִשְׁבָּחוֹת. מְשׁוֹרְרִים וּמְשַׂחֲקִים. בְּגִילָה בְּרִנָּה, בְּשִׂמְחָה רַבָּה. וְאָמְרוּ כֻלָּם:

מִי כָמֹכָה בָּאֵלִם, יְיָ, מִי כָּמֹכָה, נֶאְדָּר בַּקֹּדֶשׁ, נוֹרָא תְהִלֹּת, עֹשֵׂה פֶלֶא: מַלְכוּתְךָ רָאוּ בָנֶיךָ, בּוֹקֵעַ יָם לִפְנֵי משֶׁה:

לֵיל שִׁמּוּרִים, סִימָן הוּא, לֶעָתִיד לָבֹא. עֶלְיוֹן כִּי בֹא יָבֹא. פָּקוֹד יִפְקוֹד עַם קְרוֹבוֹ. צוּרֵנוּ הוּא, נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בוֹ: זֶה צוּר יִשְׁעֵנוּ, פָּצוּ פֶה וְאָמְרוּ:

יְיָ יִמְלוֹךְ לְעוֹלָם וָעֶד: וְנֶאֱמַר, כִּי פָדָה יְיָ אֶת יַעֲקֹב, וּגְאָלוֹ, מִיַּד חָזָק מִמֶּנּוּ:

לֵיל שִׁמּוּרִים, קְרָאוֹ נוֹרָא עֲלִילָה, כִּי בוֹ שָׁבַר, מוֹטוֹת עֶגְלָה. רָעוֹץ יִרְעַץ, אוֹם מַדְקָה וְאָבְלָה. יוֹסִיף שֵׁנִית בּוֹ לְהִגָּאֲלָה:

בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, מֶלֶךְ צוּר יִשְׂרָאֵל, וְגוֹאֲלוֹ: (נ״א גָּאַל יִשְׂרָאֵל):

הַשְׁכִּיבֵנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ, לְשָׁלוֹם, וְהַעֲמִידֵנוּ מַלְכֵּנוּ, לְחַיִּים. וּפְרוֹשׂ עָלֵינוּ, סֻכַּת שְׁלוֹמֶךָ. וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה

בית ישראל

פֶּסַח תְּהִלָּה פֶּסַח איז גיגעבען געוואָרען לויב צו דעם נאָמען פון גאָט וואָס רועט אין די הימלען תָּקְפּוֹ זיין שטאַרקייט טוען ריידען נאָהענטע אונ ווייטע תּוֹקֶף כְּבוֹדוֹ זיין שטאַרקען כָּבוֹד אין יַם טוען זיי באַשרייבען שִׁיר וְתִשְׁבָּחוֹת גיזאַנג אונ לויב זינגען זיי אונ פרייען זיך:

בְּגִילָה בְּרִנָּה מיט פרייד מיט גיזאַנג מיט גרויס שִׂמְחָה אונ אַלע האָבען גיזאָגט:

מִי גאָט, ווער איז דיר גלייך צווישען די שטאַרקע, ווער איז צו דיר גלייך, באַשיינט מיט היילִיקייט, דו ביסט פאַרכטיג מיט לויב טוסט וואונדער מַלְכוּתְךָ דיינע קינדער האָבען גיזעהען דיין קיניגרייך דו האָסט גישפּאָלטען דעם יַם פאַר משֶׁה:

לֵיל שִׁמּוּרִים סִימָן הוּא די באַוואָרנונגס נאַכט פון פֶּסַח איז איין צייכען לֶעָתִיד לָבֹא עֶלְיוֹן דאָס דר אויבערשטער וועט קומען צו בעפּאָהלען זיין נאָהענטס פאָלק צוּרֵנוּ הוּא ער איז אונזער שטאַרקער פעלזין נָגִילָה מיר וועלען זיך לוסטיגין אונ פרייען מיט אים:

זֶה דר גאָט איז הער פעלזין פון אונזער הילף פָּצוּ פֶה האָבען זיי גיעפינט זייער מויל אונ האָבען געזאָגט:

יְיָ יִמְלוֹךְ גאָט וועט קיניגען אויף אייביג: וְנֶאֱמַר אונ נאָך איז געזאָגט געוואָרען דורך יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא גאָט האָט בעפרייט יַעֲקֹב אונ האָט עם אויסגעלייזט פון איין שטאַרקע האַנט:

לֵיל שִׁמּוּרִים קְרָאוֹ איין באַוואָרנונגס נאַכט האָט אים גירופען דר גאָט וואָס איז פאַרכטיג דורך זיינע ווערק כִּי בוֹ דען אין דר נאַכט האָט ער צו בראָכען דעם יאָך וואָס יודען האָבען גיהאַט פון די אוּמָּה מִצְרַיִם וואָס איז גיגליכען צו איין קאַלב רָעוֹץ יִרְעַץ אונ ער וועט נאָך צו ברעכין לֶעָתִיד לָבֹא דיא הײדענישע פאָלק וואָס זיא האָט אויף גיריבען אונ אויף גיגעסען די יִשְׂרָאֵל יוֹסִיף שֵׁנִית אונ וועט נאָך מערען אַצווייטען מאָל אין דער זעלביגע נאַכט צו לאָזען די יִשְׂרָאֵל אויס גילייזט צו ווערן:

בָּרוּךְ געלויבט ביסטו גאָט מֶלֶךְ דר קיניג דר פעלזין פון יִשְׂרָאֵל אונ זיין אויס לייזער:

הַשְׁכִּיבֵנוּ יְיָ לאָז אונז אונזער גאָט ליגען צו פריד אונ לאָז אונז אויף שטיין צו לעבען אונ שפּרייט איבער אונז דיין פרידליכע דעק אונ שטעל אונז אין איין גוטען ראָט פאַר דיר אונ העלף

טוֹבָה, מִלְּפָנֶיךָ, וְהוֹשִׁיעֵנוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ. וְהָגֵן בַּעֲדֵנוּ, וְהָסֵר מֵעָלֵינוּ אוֹיֵב, דֶּבֶר, וְחֶרֶב, וְרָעָב, וְיָגוֹן. וְהָסֵר שָׂטָן, מִלְּפָנֵינוּ וּמֵאַחֲרֵינוּ. וּבְצֵל כְּנָפֶיךָ, תַּסְתִּירֵנוּ. כִּי אֵל, שׁוֹמְרֵנוּ וּמַצִּילֵנוּ אָתָּה, כִּי אֵל, מֶלֶךְ, חַנּוּן וְרַחוּם, אָתָּה. וּשְׁמוֹר צֵאתֵנוּ וּבוֹאֵנוּ, לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם. וּפְרוֹשׂ עָלֵינוּ. סֻכַּת שְׁלוֹמֶךָ:

לֵיל שִׁמּוּרִים, שִׁמְעוּ לְעַם אֲהֻבִים. אֲשֶׁר הִצִּיל מִיַּד לְהָבִים. תְּשׁוּעַת הִיא, לְבַת רַבִּים. בְּנַחַת וְשָׁלוֹם, בְּלִי פַּחַד שׁוֹכְבִים:

בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, הַפּוֹרֵשׂ סֻכַּת שָׁלוֹם, עָלֵינוּ, וְעַל כָּל עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל, וְעַל יְרוּשָׁלָיִם:

לשבת

וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל, אֶת הַשַּׁבָּת לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת, לְדֹרֹתָם, בְּרִית עוֹלָם: בֵּינִי, וּבֵין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, אוֹת הִיא לְעוֹלָם כִּי שֵׁשֶׁת יָמִים, עָשָׂה יְיָ, אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ, וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי, שָׁבַת וַיִּנָּפַשׁ:

וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה, אֶת מֹעֲדֵי יְיָ, אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל:

יִתְגַּדַּל וְיִתְקַדַּשׁ, שְׁמֵיהּ רַבָּא. בְּעָלְמָא, דִּי בְרָא כִרְעוּתֵהּ, וְיַמְלִיךְ מַלְכוּתֵהּ. בְּחַיֵּיכוֹן, וּבְיוֹמֵיכוֹן, וּבְחַיֵּי דְכָל בֵּית יִשְׂרָאֵל, בַּעֲגָלָא, וּבִזְמַן קָרִיב, וְאִמְרוּ, אָמֵן: יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא, מְבָרַךְ, לְעָלַם, וּלְעָלְמֵי עָלְמַיָּא: יִתְבָּרַךְ, וְיִשְׁתַּבַּח, וְיִתְפָּאַר, וְיִתְרוֹמַם, וְיִתְנַשֵּׂא, וְיִתְהַדָּר, וְיִתְעַלֶּה, וְיִתְהַלָּל, שְׁמֵיהּ, דְּקוּדְשָׁא. בְּרִיךְ הוּא, לְעֵלָּא מִן כָּל בִּרְכָתָא וְשִׁירָתָא, תֻּשְׁבְּחָתָא וְנֶחֱמָתָא, דַּאֲמִירָן בְּעָלְמָא, וְאִמְרוּ אָמֵן:

בית ישראל

אונז אום ווילן דיין נאמען אונ באשיץ פר אונז וְהָסֵר אונ טוא אפ פון אונז איין פיינד אונ מארד אונ שווערד אונ הונגר אונ טרויערקייט וְהָסֵר אונ טו אפ דעם שטן פון אונז אונ פר בארג אונז אין שאטן פון דיינע פליגל: כִּי דען דו גאט ביסט אונזר היטר אונ באשירמער כִּי דען דו גאט ביסט איין גנעדיגר אונ איין דר בארימיגר קיניג וּשְׁמוֹר אונ טו היטן אונזר אום גאנג אונ אונזר קומען צו לעבען אונ צו פריד פון אצונד ביז אין דער אייביקייט: וּפְרוֹשׂ אונ שפרייט איבער אונז דיין פרידליכע דעק:

לֵיל שִׁמּוּרִים שִׁמְעוּ די נאכט פון באווארנונג הט ער גילאזט הערן צו די גיליבטע פאלק וואס ער האט מַצִּיל גיוועזן פון די פלאמענדיגע מִצְרַיִם תְּשׁוּעָה הִיא זיא וועט זיין איין הילף צו יְרוּשָׁלַיִם בְּנַחַת מיט נחת אונ פרידן אן שרעק וועלן זיי ליגען:

בָּרוּךְ געלויבט ביסטו גאט דר דא שפרייט איין פרידליכע דעק איבער אונז אונ איבער גאר דיין פאלק ישראל אונ איבער ירושלים:

וַיְדַבֵּר אונ משה האט גירעט די ימים טובים פון גאט צו די קינדער ישראל:

אֲדֹנָי, שְׂפָתַי תִּפְתָּח, וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ:

בָּרוּךְ, אַתָּה, יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ. אֱלֹהֵי אַבְרָהָם, אֱלֹהֵי יִצְחָק, וֵאלֹהֵי יַעֲקֹב, הָאֵל, הַגָּדוֹל, הַגִּבּוֹר, וְהַנּוֹרָא. אֵל עֶלְיוֹן, גּוֹמֵל, חֲסָדִים טוֹבִים, וְקוֹנֵה הַכֹּל, וְזוֹכֵר, חַסְדֵי אָבוֹת. וּמֵבִיא גוֹאֵל, לִבְנֵי בְנֵיהֶם, לְמַעַן שְׁמוֹ, בְּאַהֲבָה:

מֶלֶךְ, עוֹזֵר, וּמוֹשִׁיעַ, וּמָגֵן: בָּרוּךְ, אַתָּה, יְיָ, מָגֵן אַבְרָהָם:

אַתָּה גִבּוֹר, לְעוֹלָם, אֲדֹנָי, מְחַיֵּה מֵתִים, אַתָּה, רַב לְהוֹשִׁיעַ:

מַשִּׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַגָּשֶׁם:

מְכַלְכֵּל חַיִּים, בְּחֶסֶד, מְחַיֵּה מֵתִים, בְּרַחֲמִים רַבִּים, סוֹמֵךְ נוֹפְלִים. וְרוֹפֵא חוֹלִים, וּמַתִּיר אֲסוּרִים, וּמְקַיֵּם אֱמוּנָתוֹ, לִישֵׁנֵי עָפָר: מִי כָמוֹךָ, בַּעַל גְּבוּרוֹת, וּמִי, דּוֹמֶה לָּךְ, מֶלֶךְ, מֵמִית, וּמְחַיֶּה, וּמַצְמִיחַ יְשׁוּעָה:

וְנֶאֱמָן אַתָּה, לְהַחֲיוֹת מֵתִים: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, מְחַיֵּה הַמֵּתִים:

בית ישראל

אֲדֹנָי שְׂפָתַי תִּפְתָּח גאָט טוּא דאָך עפּענען מיינע לעפּצין אוּנ מיין מויל זאָל זאָגען דיין לויב:

בָּרוּךְ אַתָּה געלוֹבּט בּיסטוּ אוּנזער גאָט אוּנ דער גאָט פוּן אוּנזערע עלטערין דער גאָט פוּן אַבְרָהָם דער גאָט פוּן יִצְחָק אוּנ דער גאָט פוּן יַעֲקֹב דער גיאַכפּערטער שטאַרקער אוּנ פאָרכטיגער גאָט דער הֶעכסטער גאָט דער דאָ בּעלוינט גוּטע חֲסָדִים אוּנ איז דער בּאַשעפער פוּן אַלעס אוּנ גידיינקט דאָס פרוּמקייט פוּן די עלטערין אוּנ בּריינגט איין דער לייזער צוּ זייערע קינדס קינדער פוּן זיין נאָמען וועגען מיט ליבּשאַפט:

מֶלֶךְ עוֹזֵר גאָט איז איין קיניג איין דר לייזר אוּנ איין העלפר אוּנ איין בּאַשיצר: בָּרוּךְ געלויבּט בּיסטוּ גאָט דער דאָ איז דער בּאַשיצער פוּן אַבְרָהָם:

אַתָּה גִּבּוֹר דוּא גאָט בּיסט איין שטאַרקער צוּ אייבּיג, דוּ בּיסט דער דאָ מאַכט לעבּעדיג די טויטע אוּנ בּיסט גרוֹיס צוּ העלפין:

מְכַלְכֵּל חַיִּים ער שפּייזט די לעבּעדיגע מיט חֶסֶד, ער מאַכט לעבּעדיג די טויטע מיט גרוֹס דר בּאַרעמקייט דם מיינט מען אַז תְּחִיַּת הַמֵּתִים וועט זיין. ער לעהנט אוּנטער די דאָ פאַלען אוּנ היילט די קראַנקע, דען צוּ צייטען קוּמט אוֹיף איין מענטשין איין טויטליכע קריינק אוּנ גאָט היילט אים אוּנ מאַכט אים גיזוּנד, אוּנ ער מאַכט לויז די גיפאַנגענע אוּנ אַזוֹ ווי ער איז מְקַיֵּם זיין הַבְטָחָה צוּ די לעבּעדיגע אוּנ היילט זיי, אַזוֹ אוֹיך וועט ער מְקַיֵּם זיין הַבְטָחָה צוּ די טויטע וואָס זיי שלאָפין אין דער ערד: מִי ווער איז דיין גלייכין דוּ קיניג. דער דאָ מאַכט טויט אוּנ לעבּעדיג אוּנ מאַכט שפּראָצין הילף:

וְנֶאֱמָן אוּנ דוּ בּיסט בּאַגלויבּט די טויטע לעבּעדיג צוּ מאַכין: בָּרוּךְ גילויבּט בּיסטוּ גאָט דער דאָ מאַכט לעבּעדיג די טויטע צוּ תְּחִיַּת הַמֵּתִים:

אַתָּה קָדוֹשׁ, וְשִׁמְךָ קָדוֹשׁ, וּקְדוֹשִׁים, בְּכָל יוֹם, יְהַלְלוּךָ סֶּלָה:
בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, הָאֵל הַקָּדוֹשׁ:

אַתָּה בְחַרְתָּנוּ, מִכָּל הָעַמִּים. אָהַבְתָּ אוֹתָנוּ, וְרָצִיתָ בָּנוּ, וְרוֹמַמְתָּנוּ, מִכָּל הַלְּשׁוֹנוֹת. וְקִדַּשְׁתָּנוּ, בְּמִצְוֹתֶיךָ. וְקֵרַבְתָּנוּ מַלְכֵּנוּ, לַעֲבוֹדָתֶךָ. וְשִׁמְךָ, הַגָּדוֹל, וְהַקָּדוֹשׁ, עָלֵינוּ קָרָאתָ:

װען עס גיפאלט יום טוב אום מוצאי שַׁבָּת זָאגְט מֶען דאס:

וַתּוֹדִיעֵנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ, אֶת מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ, וַתְּלַמְּדֵנוּ, לַעֲשׂוֹת בָּהֶם, חֻקֵּי רְצוֹנֶךָ. וַתִּתֶּן לָנוּ, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, מִשְׁפָּטִים יְשָׁרִים, וְתוֹרוֹת אֱמֶת, חֻקִּים, וּמִצְוֹת טוֹבִים. וַתַּנְחִילֵנוּ, זְמַנֵּי שָׂשׂוֹן, וּמוֹעֲדֵי קֹדֶשׁ, וְחַגֵּי נְדָבָה. וַתּוֹרִישֵׁנוּ, קְדֻשַּׁת שַׁבָּת, וּכְבוֹד מוֹעֵד, וַחֲגִיגַת הָרֶגֶל. וַתַּבְדֵּל יְיָ אֱלֹהֵינוּ, בֵּין קֹדֶשׁ לְחוֹל, בֵּין אוֹר לְחֹשֶׁךְ, בֵּין יִשְׂרָאֵל, לָעַמִּים, בֵּין יוֹם הַשְּׁבִיעִי, לְשֵׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה, בֵּין קְדֻשַּׁת שַׁבָּת לִקְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב, הִבְדַּלְתָּ, וְאֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי, מִשֵּׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה, קִדַּשְׁתָּ, הִבְדַּלְתָּ וְקִדַּשְׁתָּ אֶת עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל בִּקְדֻשָּׁתֶךָ:

וַתִּתֶּן לָנוּ, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, בְּאַהֲבָה, (לשבת שַׁבָּתוֹת לִמְנוּחָה וּ) מוֹעֲדִים לְשִׂמְחָה, חַגִּים וּזְמַנִּים לְשָׂשׂוֹן, אֶת יוֹם (הַשַּׁבָּת הַזֶּה וְאֶת יוֹם) חַג הַמַּצּוֹת הַזֶּה, זְמַן חֵרוּתֵנוּ, (בְּאַהֲבָה) מִקְרָא קֹדֶשׁ זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם:

אֱלֹהֵינוּ, וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, יַעֲלֶה, וְיָבֹא, וְיַגִּיעַ, וְיֵרָאֶה, וְיֵרָצֶה, וְיִשָּׁמַע, וְיִפָּקֵד, וְיִזָּכֵר, זִכְרוֹנֵנוּ, וּפִקְדוֹנֵנוּ, וְזִכְרוֹן אֲבוֹתֵינוּ, וְזִכְרוֹן,

---

בית ישראל

אַתָּה קָדוֹשׁ דוּ בִּיסְט הֵיילִיג אוּנ דַיין נָאמֶען אִיז הֵיילִיג אוּנ דִי הֵיילִיגֶע יִשְׂרָאֵל לוֹבֶּן דִיךְ אַלֶע טָאג אֵייבִּיג: בָּרוּךְ גִילוֹבְּט בִּיסְטוּ גָאט דֶער הֵיילִיגֶער גָאט:

אַתָּה דוּ גָאט הָאסְט אוּנְז אוֹיס גֶעקְלִיבִּין פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער דוּ הָאסְט אוּנְז לִיבּ בַּאקוּמֶען וְרָצִיתָ אוּנ דוּ הָאסְט אִין אוּנְז בַּאוִוילִיגְט אוּנ הָאסְט אוּנְז דֶער הוֹיבִּין פוּן אַלֶע לְשׁוֹנוֹת אוּנ שְׁפְּרַאכִין אוּנ הָאסְט אוּנְז גֶעהֵיילִיגְט מִיט דַיינֶע מִצְוֹת אוּנ דוּ גָאט אוּנְזֶער קֶינִיג הָאסְט אוּנְז גֶעמַאכְט גֶענֶעהְנֶען אוּנ דַיין גֶעאַרְבֶּעטִין אוּנ הֵיילִיגִין נָאמֶען הָאסְטוּ אוֹיף אוּנְז גִירוּפִין:

וַתִּתֶּן לָנוּ אוּנ דוּ גָאט הָאסְט אוּנְז גִיגֶעבִּין מִיט לִיבְּשַׁאפְט (דִי שַׁבָּתִים פוּן רוּאוּנְג אוּנ) דִי יָמִים טוֹבִים צוּ פְרֵייעֶן זִיךְ, פַייעֶר טֶעג אוּנ צַייטֶען פוּן לוּסְט (אַם שַׁבָּת זָאגְט מען דֶעם טָאג שַׁבָּת אוּנ) דֶעם יוֹ״ט פוּן פֶּסַח דִי צַייט פוּן אוּנְזֶער פְרַייהֵייט, דֶער טָאג וֶוערְט אָן גִירוּפֶען הֵיילִיג, דֶער יוֹ״ט אִיז אֵיין אַנְדֵיינְקוּנְג צוּ יְצִיאַת מִצְרָיִם:

אֱלֹהֵינוּ אוּנְזֶער גָאט אוּנ גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין, עֶס זָאל אוֹיף גֵיין אוּנ עֶס זָאל קוּמֶען אוּנ עֶס זָאל גְרֵייכִין אוּנ עֶס זָאל וֶוערִין גִיזֶעהֶן אוּנ עֶס זָאל וֶוערִין בַּאוִוילִיגְט אוּנ עֶס זָאל וֶוערִין בַּאפוֹלִין אוּנ עֶס זָאל וֶוערִין דֶער מַאנְט

מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד, עַבְדֶּךָ, וְזִכְרוֹן, יְרוּשָׁלַיִם, עִיר קָדְשֶׁךָ, וְזִכְרוֹן, כָּל עַמְּךָ, בֵּית יִשְׂרָאֵל, לְפָנֶיךָ, לִפְלֵיטָה, לְטוֹבָה, לְחֵן, וּלְחֶסֶד, וּלְרַחֲמִים, לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם, בְּיוֹם חַג הַמַּצּוֹת הַזֶּה. זָכְרֵנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ בּוֹ לְטוֹבָה. וּפָקְדֵנוּ בוֹ לִבְרָכָה. וְהוֹשִׁיעֵנוּ בוֹ לְחַיִּים: וּבִדְבַר יְשׁוּעָה, וְרַחֲמִים, חוּס וְחָנֵּנוּ, וְרַחֵם עָלֵינוּ, וְהוֹשִׁיעֵנוּ. כִּי אֵלֶיךָ, עֵינֵינוּ, כִּי, אֵל, מֶלֶךְ, חַנּוּן וְרַחוּם, אָתָּה:

וְהַשִּׂיאֵנוּ, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, אֶת בִּרְכַּת מוֹעֲדֶיךָ, לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם, לְשִׂמְחָה וּלְשָׂשׂוֹן, כַּאֲשֶׁר רָצִיתָ, וְאָמַרְתָּ לְבָרְכֵנוּ. (לשבת אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, רְצֵה בִמְנוּחָתֵנוּ) **קַדְּשֵׁנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ, וְתֵן חֶלְקֵנוּ בְּתוֹרָתֶךָ, שַׂבְּעֵנוּ מִטּוּבֶךָ, וְשַׂמְּחֵנוּ בִּישׁוּעָתֶךָ. וְטַהֵר לִבֵּנוּ, לְעָבְדְּךָ בֶּאֱמֶת, וְהַנְחִילֵנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ** (בְּאַהֲבָה וּבְרָצוֹן) **בְּשִׂמְחָה וּבְשָׂשׂוֹן,** (שַׁבָּת וּ) **מוֹעֲדֵי קָדְשֶׁךָ, וְיִשְׂמְחוּ בְךָ יִשְׂרָאֵל מְקַדְּשֵׁי שְׁמֶךָ: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, מְקַדֵּשׁ** (הַשַּׁבָּת וְ) **יִשְׂרָאֵל וְהַזְּמַנִּים:**

רְצֵה יְיָ אֱלֹהֵינוּ, בְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל, וּבִתְפִלָּתָם. וְהָשֵׁב אֶת הָעֲבוֹדָה, לִדְבִיר בֵּיתֶךָ, וְאִשֵּׁי יִשְׂרָאֵל. וּתְפִלָּתָם, בְּאַהֲבָה תְקַבֵּל

בית ישראל

אונזער גידעכעניש און אונזער באפעלונג און גידעכעניש פון אונזערע עלטערין און גידעכעניש פון משיח דער זוהן פון דיין קנעכט דוד און דם גידעכעניש פון דער שטאט ירושלים די היילינע שטאט און דם גידעכעניש פון דיין פאלק ישראל פר דיר, צו אגוט אנטרינונג, צו ליימזעליקייט, צו גינאד און צו דר בארימקייט, צו לעבין צו פריד. אין דעם טאג פון פסח. געדיינק אונז אונזער גאט אין דעם טאג צו גוטין, און באפעל אונז אין דעם טאג צו בענטשונג, און העלף אונז אין דעם טאג צו לעבין. און מיט הילף און רחמנות גנעדיג און ליים זעליג אונז און דר בארעם זיך און העלף אונז וואָרום צו דיר האפין אונזערע אויגין וויל דו ביסט אגנעדיגער און איין דער בארעמיגער גאט:

וְהַשִּׂיאֵנוּ יי בעשיינק אונז די ברכה פון דיינע ימים טובים צו לעבן און צו פריד צו פרייד און צו לוסט אזו ווי דיין ווילן איז און האסט גזאגט צו בענטשן אונז (אום שבת אונזער גאט און גאט פון אונזערע עלטערן באוויליג אין אונזר רוהע טאג) קדשנו הייליג אונז מיט דיינע מצות און גיב אונזער חלק אין דיין תורה מאך אונז זאט פון דיין גוטס און דער פרייא אונז מיט דיין הילף און ריינינ, אונזער הארץ צו דינען דיך מיט אמת און מאך אונז ארבן דו גאט אונזר גאט (מיט ליבשאפט און מיט גוטן ווילן) מיט לוסט מיט פרייד (דעם שבת און) די היילינע ימים טובים און די ישראל וואס היילינן דיין נאמען זאלן זיך דורך דיר פרייען: ברוך געלובט ביסטו גאט דער דא היילינט (דעם שבת און) ישראל און די ימים טובים:

בְּרָצוֹן, וּתְהִי לְרָצוֹן תָּמִיד, עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ: וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ, בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן, בְּרַחֲמִים. בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, הַמַּחֲזִיר שְׁכִינָתוֹ לְצִיּוֹן:

מוֹדִים אֲנַחְנוּ לָךְ, שָׁאַתָּה הוּא, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, לְעוֹלָם וָעֶד, צוּר חַיֵּינוּ, מָגֵן יִשְׁעֵנוּ, אַתָּה הוּא, לְדוֹר וָדוֹר, נוֹדֶה לְּךָ וּנְסַפֵּר תְּהִלָּתֶךָ, עַל חַיֵּינוּ הַמְּסוּרִים בְּיָדֶךָ, וְעַל נִשְׁמוֹתֵינוּ הַפְּקוּדוֹת לָךְ, וְעַל נִסֶּיךָ שֶׁבְּכָל יוֹם עִמָּנוּ, וְעַל נִפְלְאוֹתֶיךָ וְטוֹבוֹתֶיךָ, שֶׁבְּכָל עֵת, עֶרֶב וָבֹקֶר וְצָהֳרָיִם, הַטּוֹב כִּי לֹא כָלוּ רַחֲמֶיךָ, וְהַמְרַחֵם כִּי לֹא תַמּוּ חֲסָדֶיךָ, מֵעוֹלָם קִוִּינוּ לָךְ:

וְעַל כֻּלָּם, יִתְבָּרַךְ, וְיִתְרוֹמַם, שִׁמְךָ, מַלְכֵּנוּ, תָּמִיד, לְעוֹלָם וָעֶד: וְכֹל הַחַיִּים, יוֹדוּךָ סֶּלָה, וִיהַלְלוּ אֶת שִׁמְךָ, בֶּאֱמֶת, הָאֵל יְשׁוּעָתֵנוּ, וְעֶזְרָתֵנוּ, סֶלָה: בָּרוּךְ, אַתָּה, יְיָ, הַטּוֹב שִׁמְךָ, וּלְךָ, נָאֶה לְהוֹדוֹת:

שָׁלוֹם רָב, עַל יִשְׂרָאֵל עַמְּךָ, תָּשִׂים לְעוֹלָם, כִּי אַתָּה הוּא, מֶלֶךְ אָדוֹן, לְכָל הַשָּׁלוֹם. וְטוֹב בְּעֵינֶיךָ, לְבָרֵךְ אֶת עַמְּךָ

בית ישראל

רְצֵה גָאט אונזער גָאט האָב דָאךְ אֵיין וואוֹל גְפֶעלֶן אִין דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל אוּנ אִין זֵייעֶר תְּפִלָּה אוּנ מַאךְ אוּם קֶערֶן דִי עֲבוֹדָה צוּם פָאלֶעשׁ פוּן דַיין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּנ דִי קָרְבָּנוֹת פוּן דִי יִשְׂרָאֵל אוּנ זֵייעֶר תְּפִלָּה וֶועסְטוּ דֶענְסְטְמָאל מְקַבֵּל זַיין מִיט גוּטֶן ווִילֶן אוּנ דִי עֲבוֹדָה פוּן דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל וֶועט תָּמִיד זַיין אָן גֶנוּמֶן מִיט גוּטֶן ווִילֶן: וְתֶחֱזֶינָה אוּנ אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶן זָאלֶן זֶעהֶן אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אוּם קֶערֶן קֵיין צִיּוֹן מִיט דֶער בַּארְמְהֶערְצִיקֵייט: בָּרוּךְ גְלוֹבְּט בִּיסְטוּ גָאט דֶער דָא קֶערְט אוּם זַיין שְׁכִינָה קֵיין צִיּוֹן:

מוֹדִים מִיר דַאנְקֶן דִיר דָם דוּ בִּיסְט גָאט אוּנְזֶער גָאט אוּנ דֶער גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן צוּ אֵייבִּיג דוּ בִּיסְט דֶער שְׁטַארְקֶר פוּן אוּנְזֶער לֶעבֶּן דֶער בַּשִׁיצֶר פוּן אוּנְזֶער הִילְף מִיר וֶועלֶן דִיר דַאנְקֶן אוּנ וֶועלֶן דַיין לוֹבּ דֶער צֵיילֶן פוּן אֵיין דוֹר צוּם אַנְדֶערֶן פוּן וֶועגְן אוּנְזֶער לֶעבֶּן דָם דָא אִיז אִיבֶּער גֶעגֶנְטְפֶערְט אִין דַיין הַאנְד אוּנ פוּן וֶועגְן אוּנְזֶערֶע נְשָׁמוֹת וָוָאס זֵיי וֶוערֶען אַלֶע נַאכְט אִין דַיין הַאנְד בַּהַאלְטֶן אוּנ פוּן וֶועגְן דַיינֶע נִסִּים וָוָאס דוּ טוּסְט אַלֶע טָאג מִיט אוּנְז אוּנ אוֹיף דַיינֶע וואוּנְדֶער אוּנ דַיינֶע גוּטְקֵייט וָוָאס זֵיי זֶענֶען אַלֶע צַייט אָבִינְט אוּנ מָארְגֶן אוּנ מִיטֶן טָאג דוּ גוּטֶער גָאט דָם דַיינֶע דֶער בַּארִימְהֶערְצִיקֵייט הָאבֶּן קֵיין עֶנְד נִיט אוּנ דוּ דֶער בַּארְמִיגֶר גָאט דָם דַיינֶע חֲסָדִים לָאזִין זִיךְ קֵיין מָאל **נִיט** אוּם פוּן אֵייבִּיג הָאבֶּן מִיר צוּ דִיר:

וְעַל אוּנ אוֹיף אַלֶע זַאכֶען זָאל גְלוֹבְּט אוּנ דֶער הֵייבְּט וֶוערֶען דַיין נָאמֶען אוּנְזֶער קֵינִיג תָּמִיד צוּא אֵייבִּיג:

וְכֹל אוּנ דִי דָא לֶעבֶּען טוּעֶן דִיךְ אֵייבִּיג לוֹבֶּן אוּנ לוֹבֶּן דַיין נָאמֶן מִיט אֱמֶת דוּ בִּיסְט דֶער גָאט פוּן אוּנְזֶער הִילְף אֵייבִּיג: בָּרוּךְ גְלוֹבְּט בִּיסְטוּ גָאט דָם דַיין נָאמֶען אִיז גוּט אוּנ צוּ דִיר אִיז שֵׁיין צוּ לוֹבֶּען:

שָׁלוֹם פִיל פְרִיד זָאלְסְטוּ אוֹיף דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל טָאן צוּ אֵייבִּיקֵייט דֶען דוּ בִּיסְט אֵיין מֶלֶךְ אֵיין הֶער אִיבֶּער אַלֶע פְרִיד אוּנ עֶס אִיז גוּט אִין דַיינֶע אוֹיגֶען צוּ

יִשְׂרָאֵל, בְּכָל עֵת, וּבְכָל שָׁעָה, בִּשְׁלוֹמֶךָ:
בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, הַמְבָרֵךְ, אֶת עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל, בַּשָּׁלוֹם:

אֱלֹהַי, נְצוֹר לְשׁוֹנִי מֵרָע, וּשְׂפָתַי, מִדַּבֵּר מִרְמָה, וְלִמְקַלְלַי, נַפְשִׁי תִדּוֹם, וְנַפְשִׁי, כֶּעָפָר לַכֹּל תִּהְיֶה. פְּתַח לִבִּי, בְּתוֹרָתֶךָ, וּבְמִצְוֹתֶיךָ, תִּרְדּוֹף נַפְשִׁי. וְכָל הַחוֹשְׁבִים עָלַי רָעָה, מְהֵרָה, הָפֵר עֲצָתָם, וְקַלְקֵל מַחֲשַׁבְתָּם: עֲשֵׂה, לְמַעַן שְׁמֶךָ. עֲשֵׂה, לְמַעַן יְמִינֶךָ. עֲשֵׂה, לְמַעַן קְדֻשָּׁתֶךָ. עֲשֵׂה, לְמַעַן תּוֹרָתֶךָ. לְמַעַן יֵחָלְצוּן, יְדִידֶיךָ, הוֹשִׁיעָה יְמִינְךָ, וַעֲנֵנִי: יִהְיוּ לְרָצוֹן, אִמְרֵי פִי, וְהֶגְיוֹן לִבִּי, לְפָנֶיךָ, יְיָ, צוּרִי וְגוֹאֲלִי: עֹשֶׂה שָׁלוֹם, בִּמְרוֹמָיו, הוּא יַעֲשֶׂה שָׁלוֹם, עָלֵינוּ, וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל, וְאִמְרוּ אָמֵן:

יְהִי רָצוֹן, מִלְּפָנֶיךָ, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, שֶׁיִּבָּנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, וְתֵן חֶלְקֵנוּ, בְּתוֹרָתֶךָ: וְשָׁם נַעֲבָדְךָ, בְּיִרְאָה, כִּימֵי עוֹלָם, וּכְשָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת: וְעָרְבָה לַייָ, מִנְחַת יְהוּדָה וִירוּשָׁלָיִם, כִּימֵי עוֹלָם, וּכְשָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת:

ווען יום טוב גיפאלט אום שַׁבָּת זאָגט מען דאס:

וַיְכֻלּוּ, הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ, וְכָל צְבָאָם: וַיְכַל אֱלֹהִים, בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי, מְלַאכְתּוֹ, אֲשֶׁר עָשָׂה, וַיִּשְׁבֹּת, בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי, מִכָּל מְלַאכְתּוֹ, אֲשֶׁר עָשָׂה: וַיְבָרֶךְ אֱלֹהִים, אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי, וַיְקַדֵּשׁ, אֹתוֹ, כִּי בוֹ שָׁבַת, מִכָּל מְלַאכְתּוֹ, אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹהִים, לַעֲשׂוֹת:

ווען עס גיפאלט דיא ערשטע נאכט פסח אום שבת זאגט מען ניט די ברכה (מעין שבע) אונ (מגן אבות), אבער אין איין אנדערין יום טוב אז עס גיפאלט אום שבת. זאגט מען יוא:

בית ישראל

בֶּענְטְשְׁן דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל אַלֶע צַייט אונ אַלֶע שָׁעָה מִיט דַיין פְרִיד:
ברוך גֶלוֹבְּט בִּיסְטוּ גָאט וָואס בֶּענְטְשְׁט זַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל מִיט פְרִיד:
אֱלֹהַי נצור מַיין גָאט אִיךְ בֶּעט דִיךְ הִיט מַיין צוּנְג פוּן שְׁלֶעכְטְס אונ מַיינֶע לֶעפְּצֶן פוּן צוּ רֵיידֶען פַאלְשְׁקֵייט אונ אַז אֵיינֶער וֶועט מִיךְ שֶׁעלְטֶן זָאל אִיךְ אִים שְׁווַייגֶען אונ זָאל אִים נִיט עֶנְטְפֶערֶן אונ מַיין לַייבּ זָאל זַיין צוּ אִיטְלִיכֶן מֶענְטְשֶׁן נִידֶערִיג אַזוֹ וִוי דִי עֶרְד עֶפְּן מַיין הַארְץ אִין דַיין תּוֹרָה אונ נָאךְ דַיינֶע מִצְוֹת זָאל מַיין ווילֶן נָאךְ יָאגֶען אונ אַלֶע דִי וָוס טְרַאכְטֶן אוֹיף מִיר שְׁלֶעכְטְס זָאלְסְטוּ בַּאלְד זֵייעֶר עֵצָה פַר שְׁטֶערֶן אונ פַר דַארְבּ זֵייעֶרֶע גִידַאנְקֶן. טוּא עֶס אוּם ווילֶן דַיין נָאמֶן אוּם ווילֶן דַיין רֶעכְטֶע הַאנְט אוּם ווילֶן דַיין הֵיילִיקֵייט אוּם ווילֶן דַיין תּוֹרָה. אוּם ווילֶן דָס דַיינֶע גֶעלִיבְּטֶע זָאלֶן אוֹיס גִיצוֹיגֶן וֶוערֶן פוּן זֵייעֶרֶע צָרוֹת הֶעלְף דָאךְ מִיט דַיין רֶעכְטֶע הַאנְט אונ עֶנְטְפֶר מִיר. דִי רֵייד פוּן מַיין מוֹיל זָאל זַיין בַּאווילִיגְט אונ דִי גִידַאנְקֶען פוּן מַיין הַארְץ צוּ פַר דִיר גָאט מַיין שְׁטַארְקֶר אונ מַיין דֶער לֵייזֶער. דֶער דָא מַאכְט פְרִיד אִין זַיין הִימֶעל דֶער זָאל מַאכֶן פְרִיד אוֹיף אוּנְז אונ אוֹיף אַלֶע יִשְׂרָאֵל אונ דְרוֹיף זָאגְט אָמֵן:
יְהִי רָצוֹן עֶס זָאל זַיין דֶער ווילֶן פַר דִיר גָאט אוּנְזֶער גָאט אונ גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן דָס עֶס זָאל גִיבּוֹיעֶט וֶוערֶן דָס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בַּאלְד אִין אוּנְזֶערֶע טֶעג אונ גִיבּ אוּנְזֶער טֵייל אִין דַיין תּוֹרָה אונ דָארְטֶן וֶועלֶן מִיר דִיךְ דִינֶען מִיט פָארְכְט אַזוֹ וִוי דִי טֶעג פוּן לַאנְג אָן אַז מִיר זֶענֶען גֶועזֶען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אונ אַזוֹי וִוי דִי עֶרְשְׁטֶע יָארֶען אונ עֶס וֶועט גֶעזִיסְט זַיין צוּ גָאט דֶער קָרְבָּן מִנְחָה פוּן יְהוּדָה אונ יְרוּשָׁלַיִם וָואס מִיר וֶועלֶען בְּרֶענְגֶען גְלַייךְ אַז דִי טֶעג פוּן פָארְמַאלְס אונ גְלַייךְ דִי פָארִיגֶע יָארֶען:

דער חזן זאגט קדיש שלם

מַה יָּקָר חַסְדְּךָ אֱלֹהִים, וּבְנֵי אָדָם בְּצֵל כְּנָפֶיךָ יֶחֱסָיוּן: יִרְוְיֻן מִדֶּשֶׁן בֵּיתֶךָ, וְנַחַל עֲדָנֶיךָ תַשְׁקֵם: כִּי עִמְּךָ מְקוֹר חַיִּים, בְּאוֹרְךָ נִרְאֶה אוֹר: מְשֹׁךְ חַסְדְּךָ לְיֹדְעֶיךָ, וְצִדְקָתְךָ לְיִשְׁרֵי לֵב:

תחנה ובקשה

דיא תחנה זאגט מען אלע מארגען פריא ובפרט אום ראש השנה:

אל מלך שופט צדק ואמת דו ביסט איין טאר־האפטיגער גאט דו ביסט גירעכט און דיין משפט איז גערעכט און דו שפייזט אלע בשעפעניש מיט גוטהייט און מיט גערעכטיקייט ווס זאלען מיר ריידען דר מנהג. איז צווישען אונז ישראל דס מען הייבט אן דרייסיג טעג פאר ראש השנה צו בלאזען שופר כדי צו דר וועקין די לייט זיי זאלען תשובה טאן דרום זאל דר מענש זיך דר שרעקין ווען ער הערט שופר בלאזין און זאל זיך שטעלען מיט גרויס פארכט און ציטערניש מיט גיבעט פר השי"ת קעגין דעם יום הדין הגדול והנורא:

רבש"ע דר הער פון דר גאנצער וועלט דא בין איך אן גיברייט און קום צו דיר מיט אצובראכען הארץ מיט אשווער גמיט צו באגערן דיין הייליגען פורכטליכען נאמען איין סליחה וכפרה אויף אלע מיינע עבירות וואס איך האב גיטאן בשוגג אויך במזיד סיי בדיבור אדער במחשבה אדער במעשה בעט איך דיך אלמאכטיגער גאט אז דו זאלסט זעהן מיין צער ווס איך האב פון מיינע עבירות און זאלסט מיר מוחל זיין דען צו נעמען זאל איך מיך קערין און וועגען דרום דו דר בארמיגער גאט פון דר גאנצער וועלט דו האסט דאך ליב דעם מענטשען ווען ער בייגט זיך און הט חרטה אויף זיינע עבירות און וויל זיי שון קיין מאל ניט טאן און בעט צו דיר מיטן גאנצען הארצן אוי לי וויי צו מיר ווס איך האב גטאן פר מעשים רעים ווי האב איך מיין נשמת בשמירט מיט בייז בפרט זיא איז אהער גיקומען פון אהוך ארט השם יתברך הט מיר זי גיגעבן אז איך זאל זיא הייליגן און ריין האלטן אזו ווי איין אבן טוב ווס וועל איך טאן וואס וועל איך ענטפערן ווען דו וועסט פאדערן פון מיר חשבון אפ צו נעמען פר דיין הייליגן כסא הכבוד דרום בעט איך דיך ליבר הארציגער גאט אז דו זאלסט דיך דר בארמען איבר מיר אריטער זינדיגער מענטש און זאלסט מיר גידיינקען אלע מיינע זכיות און דו זאלסט דער הערן מיין תפלה ווס איך טוא אצונד מתפלל זיין פר דיר און פאר נעם מיין תפלה דען ווען שון אלע טויערן זיינען צו גשלאסן אזו זיינען די טויערן פון טרערן ניט פר שלאסין און דו זאלסט אן זעהן מיין צער פון מיין הארצן און זאלסט דיך מרחם זיין איבר מיין גוף ונשמת און זאלסט מיר מוחל זיין מחילה גמורה און דו זאלסט מיך מיט מיין מאן און אויך מיט מיינע קינדר אן שרייבן צו אשנה טובה לחיים ולשלום לששון ולשמחה לגאולה שלימה און דו זאלסט אויף אונז גוזר זיין (גזירות טובות ישועות ונחמות) און דו זאלסט מבטל זיין פון אונז אלע גזירות רעות און פון מיר מיט מיין מאן און פון מיינע קינדר און פון אלע די ווס זיינען ביי מיר אמן:

מה טובו ווי גוט איז דיין גיצעלט יעקב און דס רואונג פון די ישראל דס איז די הייליגע בית הכנסת און איך קום מיט דיין גרוס גנאד אין דיין שול בזכות אברהם ווס ער איז גירופין איש חסד איך טו מיך בוקין צום היכל בזכות יצחק ווס ער איז גיבונדען גווארן אויף דעם מזבח און בזכות יעקב וואס ער הט גיזאגט ווס פאר אפארכטיג ארט דאס איז:

רבש"ע אין דעם זכות פון די דריי אבות קום איך אין דיין הייליגר שול אריין תפלה טאן פר דיר מיך צו דער בארמן און באוויליגן פר דיין כבוד אז עס זאל אויף גיין מיין תפלה את

נאל

תחנה ובקשה

זאל זיין אקרוין אויף דיין קאפ דורך דעם מלאך שר הפנים. גאט איך האב ליב די וואוינונג פון דיין הויז אונ דאס ארט פון דיין רואונג איך טו מיך בוקן אונ לויבן פר גאט מיין באשעפער אונ טוא בעטען צו דיר זאלסטו מיר ענטפערין דיינער הילף:

רבש"ע הער פון דער גאנצער וועלט איך ווייס גוט אז איך בין איין ארימער זינדיגער מענטש אז איך בין נים ווערט צו שטיין אונ תפלה צו טאן פר דיין גרויסן נאכפארטן נאמן דען דיין גרויס הערליכקייט אונ גרוס אכפערקייט האט קיין שיעור ניט אונ קיין ערך ניט דיין גדולה אונ גבורה איז ניט מיגליך צו דר ציילן אונ איך אזויא אשרעקליכער זינדיגער מענטש זאל שטיין פר אזו איין לעבעדיגען אלמעכטיגן הערן תפלה צו טאן נייערט דען דו ביסט אגרויסער רחמן. דרום האב איך מיך דער וואגן צו בעטן דיך בארעמהערציגער פאטר אונ שיק אונז די מלאכים וואס זיינן גיזעצט איבר תפלות פון די ישראל אז אונזער תפלה זאל אן גענומען ווערען אמן סלה:

הדרת קדש

אזוי שרייבט דער רבינו יונה זצ"ל:

טוב עס איז גוט דס א מענטש זאל טראגין אויף זיך דעם יאך פון גאט צו גיין אין גוטין וועג. אונ צו גידענקין אן באשעפער. אונ זאל זיך אלע טאג מער פר שטארקין אין מצות אונ אין די ליבשאפט צו גאט. אונ זאל טראכטין אונ גידיינקן דאס דר באשעפר שטייט שטענדיג פר זיינע אויגן. דורך דעם וועט ער גאטס פארכט האבן אויף זיך. אונ וועט מאכין זיין הארץ אינטערטעניג אונ וועט זיך האלטען נידעריג. אונ וועט האבען חרטה אויף זיינע זינד. אונ וועט זיך היטען מיט אלע כחות מער שוין נים צו זינדיגען. אונ דאן וועט ער זיין גיליבט ביי גאט אונ ביי לייטען:

יעדער מענטש זאל זעהן צו זיין פון די ערשטע אין שול. אונ זאל שטיין אין שול מיט גרויס פארכט. דען די שול איז אן שטאט דעם ביהמ"ק. אונ אז ער קומט אין שול זאל ער זיך אטיילע פר האלטין רוהיג אונ זאל זיך באטראכטען פר וועמין ער דארף זיך דא שטעלען. אונ ווער עס הערט צו זיינע רייד. דאן וועט ער באקומען מורא פאר גאט ב"ה אונ זיין מחשבות אונ זיין כוונה וועט זיין אין דר תפלה. דאן וועט זיין תפלה נתקבל ווערן פר גאט מיט רחמנות:

תפלה קודם התפלה

מהרב החסיד המפורסם איש אלהי מוה' אלימלך זצ"ל:

יהי רצון עס זאל זיין דר ווילן פון פר דיר גאט אונזער גאט אונ דר גאט פון אונזערע עלטערן וואס הערט צו גיבעט מיט זיין דר בארימהערציקייט זאלסט אן בריימן אונזערע הערצער אונ אונזערע גידאנקן. אונ אונזערע גיבעט אין מויל. אונ זאלסט צו הערן דס גיבעט פון דיינע קנעכט וואס בעטן צו דיר מיט איין צו בראכען גימיט דו ביסט איין גאט איין דר בארמיגר. מיט דיין פיל דר בארימהקיט. אונ מיט דיין גרויס גינאד. זאלסטו פר געבן אונזערע זינד וואס מיר האבן גיזינדיגט אונ פר שולדיגט פר דיר ווארום עס איז ווייסגליך פר דיר אז נישט מיט שלעכטקייט חלילה טוען מיר ווידר שפעניגן פון דיין תורה אונ מצות. נאר פון דעם גרויסן יצר הרע וואס ברענט אין אונז אייביג. ער לאזט נים אפ אונ רועט נים ביז ער ברענגט אונז צו גלוסטן צו די נארישקייטן. אונ צו מישט אונזערע גידאנקן אפילו ווען מיר שטעלן זיך דאוונען פר דיר טוט ער אונז צו מישען אונזערע גידאנקן מיט זיינע זאכן אונ מיר קענן נים ביי שטיין קעגן אים. איבר דעם בעטן מיר דיך דו ביסט גאט דר דר בארימדיגער אונ דר לייט זעליגער טוא מיט אונז אזוי ווי דו האסט אונז צו גזאגט דורך משה רבינו וחנותי את אשר אחון ורחמתי את אשר ארחם. דס הייסט איך וועל דר בארמן דעם וואס איך וועל וועלן מיך איבער אים דר בארמן אונ אונזערע

חכמים האבן גזאגט אפילו ער איז ניט ראוי אונ ניט ווערט דר צו ווארום עס איז גיט אנגעלעקט אונ וויסינגליך פאר דיר אונזער ביטער גישריי אונ אונזער צער אונ אונזער זיפצן אוף דעם וואס מיר קענן ניט גנעהנן צו דיין דינסט אונ מיר קענן ניט באהעפטן אונזערע הערצר צו דיר מיט אמת. ווייא איז צו אונז אוי איז צו אונזערע לייבר אונזער פאטר פון הימעל. אונ אצונד בעטן מיר דיך דר וועק באלד דיין דר בארימקייט אונ דיין גנאד אוף אונז. אונ זאלסט אן שרייען אוף דעם יצה"ר ער זאל זיך אפ טאן אונ אוועק גיין פון אונז אונ זאל אונז ניט אן ריידן אז מיר זאלן אוועק גשטוסן ווערן פון דיין דינסט חלילה ובפרט אין דר צייט ווען מיר שטעלן זיך בעטן פאר דיר. אדר ווען מיר לערנן תורה אדר ווען מיר זענן עוסק אין דיינע מצות זאל זיין מיטען גאנצן הארצן אזו ווי דיין גוטר ווילן איז מיט אונז אונ זאלסט דר וועקן אונזערע הערצר מיר זאלן דיך דינען מיט רעכט פארטיגע דינסט. וס ווערט צו גנומן פאר דיין כסא כבוד. אונ זאלסט איין זעצען דיין אמונה אין אונזערע הערצר תמיד אן אוף הערונג אונ עס זאל זיין דיין אמונה אן גקניפט אין אונזער הארץ אזו ווי איין נאגיל וס איז אריין גשלאגן ער רירט זיך ניט אין זאלסט אונז באשירמן פון אלער האנט שטרויכלונג אונ טעות זאלסט אונז ניט פר לאזען אונ ניט פר שעמן אונ זאלסט זיין מיט אונזער מול ווען מיר ריידן אונ מיט אונזערע הענט ווען מיר טוען אונ מיט אונזערע הערצר ווען מיר טראכטן אונ די זכיה אונז געבן אונזער פאטר פון הימעל אונזער הארץ אונ גדאנקן אונ אלע אונזערע תנועות זאל אלץ זיין נאר צו דיר גאיינציגט מיט אמת אונ מיט גאנצקייט אן שום שלעכטע מחשבות חלילה אונ זאלסט רייניגן אונזערע הערצר אונ היילגן אונז אונ זאלסט איין פלאנצן דיין ליבשאפט אונ דיין פארכטיקיים אין אונזער הארץ אייביג אן אויף הערונג אין יעדער ארט וואו מיר וועלן גיין אונ ליגען אונ אויף שטיין אונ מיר זאלן זיך אן לעהנן אייביג אן דיר אין דיין גרויסקייט אונ אין דיין ליבשאפט אונ אין דיין פארכטיקייט. אונ אין דיין תורה שבכתב אונ אין דיין תורה שבעל פה. אונ אין דיינע מצות אז מיר זאלן נאר איינציגן דיין נאמן דעם שטארקן אונ דעם פארכצומען. זאלסט אונז אפ טאן פון שלעכטע מחשבות אונ פון גיאות אונ פון בייזקייט אונ פון מרה שחורה אונ פון רכילות אונ פון אנדערע שלעכטע מדות אונ פון אלע זאכן וס פר דארבט דיין היילגע דינסט וואס איז זייער גליבט אוף אונז אונ זאלסט משפיע זיין אוף אונז אז מיר זאלן זיין באהעפט אין דיר אונ מיר זאלן אייביג גלוסטן נאך מער צו דיר מיר זאלן זוכה זיין צו קומן צו די מעלות פון אונזערע עלטערן אברהם יצחק יעקב זייער זכות זאל אונז ביי שטיין אז דו זאלסט צו הערן אונזר גיבעט מיר זאלן גענטפערט ווערן ווען מיר בעטן צו דיר אונ דו זאלסט דיך פרייען מיט אונז אונ זאלסט ניט גידענקן אונזערע זינד ובפרט די זינד פון אונזער יוגענט אזו ווי דוד המלך האט גיבעטן חטאת נעורי ופשעי אל תזכור דס איז טייטש די זינד פון דר יוגענט אונ מיסטיים זאלסטו ניט גידענקען אונ זאלסט פארקערען אונזערע זינד אונ מיסטיים צו זכותים זאלסט משפיע זיין אויף אונז אייביג פון עולם התשובה גידאנקען תשובה צו טאן צו דיר מיט דעם גאנצען הארץ אונ מיר זאלען פאריכטען וואס מיר האבען פאר דארבען אונ זאלסט באשערמן אונז אז מיר זאלען ניט מקנא זיין איינער זיין חבר אונ עס זאל ניט אויף גיין איין מענשינס קנאה אויף אונז אונ ניט אונזר קנאה אויף קיין מענטש אונ עס זאל ניט אויף גיין אויף אונזער הארץ קיין שום שנאה איינער אויף דעם אנדערען חלילה אונ זאלסט שטארקען אונז מיט ליבשאפט צו דיר. רבונו של עולם ביסט פול מיט דער בארימקיים זאלסט

פאר נעמען אונזער גיבעט מיט דער בארימקייט מיט נוטען ווילען. אמן ואמן:

תפלה קודם התפלה

ויתפלל האדם תמיד תפלה זו (מס׳ יסוד יוסף)

יהי רצון מלפניך ה׳ אלהינו ואלהי אבותינו שתצילני מכל דיבור רע ומדות לשון הרע. רק תן לי מדות טובות כדי שאוכל ללמוד תורתך ולעשות מצותיך ודינך והכל בעבור שמך הגדול. ותן בלבי שלא לעשות שום חטא ועון ופשע ושום מכשול אל יבוא על ידי ואם חס ושלום אעבור על איזה מצות עשה או על איזה לא תעשה אל תביא עלי יסורין אלא ברחמיך הרבים תן בלבי לעשות תשובה שלימה לפניך בכל לבבי ובכל נפשי ובכל מאודי. ואתה ברחמיך הרבים כפר לחטאתי וסלח לעוני חנון ורחום אתה ושמע תפלתי מה שבקשתי לפניך ברחמיך הרבים כי אתה יודע שלא לכבודי אני רוצה לעשות רצונך אלא לכבודך שאעבוד לשמך הגדול באהבה וחיבה ויראה בכל לבבי ובכל נפשי ובכל מאודי ושאעסוק בתורתך הטהורה והקדושה בעבור שמך הגדול אבי ומלכי נא שתשמע לתפלתי ברחמיך הרבים כי אתה שומע תפלת עמך ישראל ברחמים. ברוך אתה (ה׳) שומע תפלה:

כתוב בזוהר נכון לאדם להתפלל טרם כניסתו לביהכ״נ תפלה קצרה זו:

נִדְבוֹת פִּי רְצֵה נָא יְיָ, וּמִשְׁפָּטֶיךָ לַמְּדֵנִי:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, יְיָ אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי, שֶׁתְּהֵא תְּפִלָּתִי צְלוּלָה וְזַכָּה וּבְרוּרָה, מִכָּל עִרְבּוּבְיָא הַמְבַטֵּל כַּוָּנַת הַתְּפִלָּה:

קודם כל תפלה יאמר זה:

הֲרֵינִי מוּכָן וּמְזוּמָן לְהִתְפַּלֵּל תְּפִלַּת

לשחרית	למנחה	למעריב
שַׁחֲרִית שֶׁתִּיקֵן אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם בְּסוֹד אריה	מִנְחָה שֶׁתִּיקֵן יִצְחָק אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם בְּסוֹד שור	עַרְבִית שֶׁתִּיקֵן יַעֲקֹב אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם בְּסוֹד נשר

לְתַקֵּן שָׁרְשָׁהּ בַּמָּקוֹם עֶלְיוֹן בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל:

וַאֲנִי בְּרוֹב חַסְדְּךָ אָבֹא בֵיתֶךָ (בזכות אברהם) שֶׁנִּקְרָא אִישׁ הַחֶסֶד. אֶשְׁתַּחֲוֶה אֶל הֵיכַל קָדְשְׁךָ (בזכות יצחק) שֶׁנֶּעֱקַד עַל גַּבֵּי הַמִּזְבֵּחַ בַּמָּקוֹם קָדוֹשׁ. בְּיִרְאָתֶךָ (בזכות יעקב) שֶׁאָמַר מַה נּוֹרָא הַמָּקוֹם הַזֶּה. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם. בִּזְכוּת שְׁלֹשֶׁת אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, אָבוֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת לְהִתְפַּלֵּל לְפָנֶיךָ תְּפִלָּתִי, וּבִזְכוּתָם תַּעֲלֶה תְּפִלָּתִי תְּפִלַּת הָאֶבְיוֹן לְרַחֲמִים וּלְרָצוֹן לִפְנֵי כִסֵּא כְבוֹדֶךָ. בִּכְלַל תְּפִלַּת כָּל יִשְׂרָאֵל וְתַעֲלֶה וּתְנַשֵּׂא לְכֶתֶר עַל רֹאשְׁךָ, עַל יְדֵי מְטַטְרוֹן שַׂר הַפָּנִים:

ואחר כך יאמר בְּבֵית אֱלֹהִים נְהַלֵּךְ בְּרָגֶשׁ:

בקשה לרבי שלמה בן גבירול. ב׳ תנועות ויתד וב׳ תנועות:

שַׁ חַר אֲבַקֶּשְׁךָ. צוּרִי וּמִשְׂגַּבִּי. אֶעֱרוֹךְ לְפָנֶיךָ. שַׁחְרִי וְגַם עַרְבִּי:
לִ פְנֵי גְדֻלָּתְךָ אֶעֱמֹד וְאֶבָּהֵל כִּי עֵינְךָ תִרְאֶה כָּל מַחְשְׁבוֹת לִבִּי:
מַ ה זֶּה אֲשֶׁר יוּכַל הַלֵּב וְהַלָּשׁוֹן לַעֲשׂוֹת וּמַה כֹּחִי. רוּחִי בְּתוֹךְ קִרְבִּי:
הִ נֵּה לְךָ תִיטַב זִמְרַת אֱנוֹשׁ. עַל כֵּן אוֹדְךָ בְּעוֹד תִּהְיֶה נִשְׁמַת אֱלוֹהַּ בִּי:

מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב מִשְׁכְּנֹתֶיךָ יִשְׂרָאֵל: וַאֲנִי, בְּרֹב חַסְדְּךָ אָבוֹא בֵיתֶךָ, אֶשְׁתַּחֲוֶה אֶל הֵיכַל קָדְשְׁךָ בְּיִרְאָתֶךָ: יְיָ, אָהַבְתִּי מְעוֹן בֵּיתֶךָ וּמְקוֹם, מִשְׁכַּן כְּבוֹדֶךָ: וַאֲנִי אֶשְׁתַּחֲוֶה וְאֶכְרָעָה אֶבְרְכָה, לִפְנֵי יְיָ, עֹשִׂי: וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ יְיָ, עֵת רָצוֹן אֱלֹהִים בְּרָב חַסְדֶּךָ עֲנֵנִי, בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ:

בית ישראל

מה טובו וויא גוט אונ טייער זיינען דיינע געצעלטן יעקב! דס הייסט, אפילו פר די פשוטע אידן וואס דר בית המדרש הייסט ביא זייא נור „אהל" (וואס ווערט גימאכט אויף א קורצע צייט), זייא קומען אין אים נור צום דאווענען אונ דעם גאנצן טאג פרברענגען זיי אין געשעפט, אונ בעזונדער וויא גוט אונ האכגעשעצט זיינען „משכנותיך", דיינע רוהיגע ערטער, ישראל! דס הייסט די איידעלע אידן וואס דר בית המדרש הייסט ביי זיי משכן (רוהיגס ארט), זיי פרברענגען פיל צייט אין אים, פאר'ן דאווענען אונ נאכן דאווענען, בין מנחה למעריב, אונ נאך מעריב, לערנען א שיעור משניות, אבלאט גמרא, ביי זיי שפילט די הויפט ראלע דאווענען אונ לערנען, דס איז ביי זיי דר עווניגער פערגעניגען, מלאכה אונ געשעפט איז ביי זיי אטפל. די בתי מדרשים וואו אידן דאווענען אונ לערנען, זיינען גיגליכען צו „נחלים" פליסענדע טייכען וואס ריינינגען דעם מענשען מטומאה לטהרה. ווען ער איז טמא אונ איז זיך טובל אין טייך ווערט ער טהור, דס גלייכן די שול, דר בית המדרש איז מעלה דעם מענשען מכף חובה לכף זכות. ווען ער איז פערשולדיגט אין זינד אונ גיסט אויס זיין הארץ אין דאווענען, ער לערנט תורה וואס זי מאכט ליכטיג די אויגן צוזעהן די וויכטיגקייט פון א מצוה אונ דעם קלקול אונ פגם פון איין עבירה ווי ער האט זיך אומגליקליך גימאכט מיט זיין שלעכטן פירונג אונ הט חרטה אונ בעשליסט זיך פעסט צו פארבעסערן זיינע מעשים ווערט ער טהור פון אלע זינד. ואני מיט דיינע פיל חסדים וואס דו האסט אונז גיגעבן שולען אונ בתי מדרשים קום איך אין דיין הויז צו בעטן פר דיר, אונ טו מיר בוקן צו דיין הייליגן היכל מיט עהרע פורכט (יראת הרוממות) צו דיר. יי' גאט! איך האב ליב די וואוינונג פון דיין הויז, אונ דס ארט וואו דיין שכינה רוהט: ואני אונ איך טו זיך בוקן אונ נייגן. אונ וועל זיך קניען פר גאט מיין בשעפר: ואני אונ איך בעט ביי דיר, גאט, אין א צייט פון גוטע ווילען, ענטפער מיר, דורך דיין גרויס גנאדע מיט א ריכטיגע הילף:

פנינים יקרים

מה טובו. פון דעם וואס די תורה פארגלייכט „אהלים לנחלים" די שולין אונ די בתי מדרשים צו פליסענדע טייכ', לערנען מיר אמוסר השכל, אזו ווי דער מענטש וואס שטייט אין טייך מיט'ן גאנצן קערפער נור די קאפ אדער אפילו מער ניט דר מוח איז אויסערן טייך, קען ער ניט ווערן טהור פון זיין טומאה, דס גלייכן דער וואס איז אין שול, אין בית המדרש, נור זיין קאפ, זיין מוח איז אין דרויסען, ער פרגעסט אז ער איז אין שול, ער מיינט אז ער איז

אֲדוֹן עוֹלָם, אֲשֶׁר מָלַךְ. בְּטֶרֶם, כָּל יְצִיר נִבְרָא: לְעֵת נַעֲשָׂה בְחֶפְצוֹ, כֹּל. אֲזַי. מֶלֶךְ, שְׁמוֹ נִקְרָא: וְאַחֲרֵי כִּכְלוֹת הַכֹּל. לְבַדּוֹ, יִמְלוֹךְ נוֹרָא: וְהוּא הָיָה, וְהוּא הֹוֶה. וְהוּא יִהְיֶה, בְּתִפְאָרָה: וְהוּא אֶחָד, וְאֵין שֵׁנִי. לְהַמְשִׁיל לוֹ, לְהַחְבִּירָה: בְּלִי רֵאשִׁית. בְּלִי תַכְלִית. וְלוֹ הָעֹז, וְהַמִּשְׂרָה: וְהוּא אֵלִי, וְחַי גֹּאֲלִי. וְצוּר חֶבְלִי, בְּעֵת צָרָה: וְהוּא נִסִּי, וּמָנוֹס לִי. מְנָת כּוֹסִי, בְּיוֹם אֶקְרָא: בְּיָדוֹ, אַפְקִיד רוּחִי בְּעֵת אִישַׁן, וְאָעִירָה: וְעִם רוּחִי, גְּוִיָּתִי. יְיָ לִי, וְלֹא אִירָא:

יִגְדַּל אֱלֹהִים חַי, וְיִשְׁתַּבַּח. נִמְצָא, וְאֵין עֵת, אֶל מְצִיאוּתוֹ: אֶחָד, וְאֵין יָחִיד, כְּיִחוּדוֹ. נֶעְלָם, וְגַם אֵין סוֹף, לְאַחְדוּתוֹ: אֵין לוֹ דְמוּת הַגּוּף, וְאֵינוֹ גוּף. לֹא נַעֲרוֹךְ אֵלָיו, קְדֻשָּׁתוֹ: קַדְמוֹן לְכָל דָּבָר, אֲשֶׁר נִבְרָא. רִאשׁוֹן, וְאֵין

פנינים יקרים

איז אויפ'ן מארק, אונ ער ערלויבט זיך צו ריידן פוסטע רייד אונ בעזונדער ליצנות אונ מחלוקת, קען די שכל אויף אים נאר נים ווירקען צו ריינינען אים. דר מי ד ,, אן מיהר זיין דעם מענשין נור אז דר קערפער מיט'ן כוח איז אונטער גישוונקט אין וואסר, דם גלייכן, מוז דר מענש זיין אין שכל פיט'ן קאפ אונ כוח, ער דארף וויסין וואו ער גיפינט זיך יעצט „מה נורא המקום הזה" ווי ערהאבן אונ פארכטיג איז

דר

בית ישראל

אֲדוֹן עוֹלָם הער פון דר וועלט, וואס ער הָאט גיקיניגט איידער אלע בעשעפענעס זיינען בעשאפן גיווארן לְעֵת אין דר צייט וואס איז אלץ בעשאפן גיווארן מיט זיין ווילן, דענסט מאל איז גרופן גיווארן זיין נאמען קיניג: וְאַחֲרֵי אונ נאכדעם אז עס וועט אלץ פערניכטעט ווערן, וועט אליין קיניגן דער פארכטיגער גאט וְהוּא אונ ער איז גיוועזן אגאט אונ איז היינט אויך אונ וועט זיין אויף אייביג מיט שיינקייט וְהוּא אונ ער איז איינר אונ עס איז ניטא קיין אנדערער צו זיין גלייכן צו אים בְּלִי ער הָאט ניט קיין אנהויב אונ קיין ענדע, אונ צו אים איז דם שטארקייט אונ דיהערשאפט וְהוּא אונ ער איז מיין גאט אונ ער לעבט תמיד מיין אויסלייזר, אונ ער איז מיין שטארקר פעלזין, וואס פרהיט מיך פון אלע צרות וְהוּא אונ ער איז מיין צייכענר, אונ מיין אנטלויפונג איז צו אים, אגוטן טייל פון מיין גליקס בעכר אין דעם טאג וואס איך רופ אים אן בְּיָדוֹ אין זיין האנט בהאלט איך מיין נשמה אין דר צייט אז איך שלאף אונ אז איך טו וואכן וְעִם אונ אז מיין גוף איז מיט מיין נשמה אין איינעם איז גאט מיט מיר, אונ איך האב פאר קיינעם ניט קיין מורא:

יִגְדַּל גרויס איז גאט דר לעבעדיגער אונ גלויבט. גאט לאזט זיך גפינען ווען מען רופט אים מיט דעם גאנצן הארצן אונ עס איז ניטא קיין צייט צו זיין גפינונג אֶחָד ער איז איינציג אונ עס איז ניטא קיין איינציגער אזוי ווי זיין איינציגקייט ער איז פרהוילן פון אלע מענטשן אונ עס איז ניטא קיין ענדע צו זיין איינגקייט אֵין ער הָאט ניט קיין גוף אונ ניט קיין גשטאלט פון קיין גוף, מען קען ניט גלייכן זיין היילגקייט צו קיין שום זאך קַדְמוֹן גאט איז צום ערשטן גיווען איידר אלע בשעפענעס זיינען פון אים בשאפן גווארן, גאט איז

רֵאשִׁית, לְרֵאשִׁיתוֹ: הִנּוֹ אֲדוֹן עוֹלָם, לְכָל נוֹצָר. יוֹרֶה גְדֻלָּתוֹ, וּמַלְכוּתוֹ: שֶׁפַע נְבוּאָתוֹ נְתָנוֹ. אֶל אַנְשֵׁי סְגֻלָּתוֹ, וְתִפְאַרְתּוֹ: לֹא קָם בְּיִשְׂרָאֵל, כְּמֹשֶׁה עוֹד. נָבִיא. וּמַבִּיט אֶת תְּמוּנָתוֹ: תּוֹרַת אֱמֶת, נָתַן לְעַמּוֹ אֵל. עַל יַד נְבִיאוֹ, נֶאֱמַן בֵּיתוֹ: לֹא יַחֲלִיף הָאֵל, וְלֹא יָמִיר דָּתוֹ. לְעוֹלָמִים, לְזוּלָתוֹ: צוֹפֶה, וְיוֹדֵעַ סְתָרֵינוּ. מַבִּיט לְסוֹף דָּבָר, בְּקַדְמָתוֹ: גּוֹמֵל לְאִישׁ חֶסֶד, כְּמִפְעָלוֹ. נוֹתֵן לְרָשָׁע רָע, כְּרִשְׁעָתוֹ: יִשְׁלַח לְקֵץ הַיָּמִין, מְשִׁיחֵנוּ: לִפְדּוֹת, מְחַכֵּי קֵץ יְשׁוּעָתוֹ: מֵתִים. יְחַיֶּה אֵל, בְּרֹב חַסְדּוֹ. בָּרוּךְ עֲדֵי עַד, שֵׁם תְּהִלָּתוֹ:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו, וְצִוָּנוּ עַל נְטִילַת יָדָיִם:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר יָצַר אֶת הָאָדָם, בְּחָכְמָה, וּבָרָא בוֹ, נְקָבִים, נְקָבִים, חֲלוּלִים, חֲלוּלִים, גָּלוּי וְיָדוּעַ, לִפְנֵי כִסֵּא כְבוֹדֶךָ,

בית ישראל

דֶר עֶרְשְׁטֶער גָאט אִיז גֶעוֶועזֶען אוֹיף דֶר וֶועלְט אוּנ פַאר אִים אִיז קֵיינֶער נִיט גִיוֶועזֶען. נוּן דֶר הֶער פוּן דֶר וֶועלְט צוּ אַלֶע בַּשֶׁעפֶענִיס טוּט עֶר וַוייזֶען זַיין גְרוֹיסְקַייט אוּנ זַיין מְלוּכָה שֶׁפַע דִי שֶׁפַע (ערשיינונג) פוּן נְבוּאָה הָאט עֶר גִיגֶעבֶּען זַיין גֶלִיבְּט פָאלְק לֹא עֶס אִיז נִיט גֶעוֶוען צְווִישֶׁען דִי יִשְׂרָאֵל אַזוֹ אַיין גְלַייכֶען ווִי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר אִיז גִיוֶוען אַיין נָבִיא אוּנ הָט גִיזֶעהֶען דָס הֶערְלִיכְקַייט פוּן הַשֵּׁ"י תּוֹרַת אַ וָוארְהַאפְטִיגֶע תּוֹרָה הָט גָאט בּ"ה גִיגֶעבֶּען צוּ זַיין פָאלְק דוּרְךְ זַיין בַּאגְלַייבְּטֶען נָבִיא מֹשֶׁה רַבֵּינוּ לֹא יַחֲלִיף הָאֵל גָאט וֶועט נִיט פַאר וֶועקְסְלֶען אוּנ וֶועט נִיט פַארְבַּייטֶען דִי תּוֹרָה אוֹיף אֵייבִּיג צוֹפֶה גָאט קוּקְט אוּנ ווייס פוּן אַלֶע אוּנְזֶערֶע פַארְבָּארְגֶענֶעס אוּנ קוּקְט אָן דִי עֶנְדֶע פוּן אַלֶע זַאכֶען בַּיים אָנְפַאנְג גּוֹמֵל עֶר בַּאצָאלְט דֶעם צַדִּיק נָאךְ זַיין צִדְקוֹת נָאךְ אוּנ דֶעם רָשָׁע בַּאצָאלְט עֶר נָאךְ זַיין שְׁלֶעכְטִסְקַייט: יִשְׁלַח עֶר וֶועט שִׁיקֶען אוּנְז דֶעם הֵיילִיגֶען מָשִׁיחַ אוֹיסְצוּלֵייזֶען דִי וָואס הָאפֶען צוּ זַיין הִילְף מֵתִים דִי טוֹיטֶע וֶועט גָאט לֶעבֶּעדִיג מַאכֶען מִיט זַיין גְרוֹיס דֶערְבַּארִימְקַייט. זַיין נָאמֶען זָאל זַיין גִילוֹיבְּט בִּיז אֵייבִּיג:

פנינים יקרים

דֶר הֵיילִיגֶער אָרְט, „אֵין זֶה כִּי אִם בֵּית אֱלֹהִים" דָס אִיז דִי גֶעטְלִיכֶע הויז „מִקְדָּשׁ מְעַט" דֶער קְלֵיין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דַאן ווִירְקְט אוֹיף אִים זַיין דַאוֶונֶען אוּנ לֶערְנֶען, ווייךְ מַאכֶען זַיין הַארְץ אוּנ אָנְגִיסֶען אִיר מִיט אַהֲבָה אוּנ יִרְאָה, אַז אֲפִילוּ אַרוֹיסְגֵייעֶנְדִיג אִין גאס, אִין גִישֶׁעפְט, זָאל עֶר גֶעדֵיינְקֶען, אַז עֶר אִיז בֶּן אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, הַאנְדְלֶען עֶרְלִיךְ אוּנ טָאן טוֹבוֹת מֶענְשֶׁען.

בָּרוּךְ גִילוֹיבְּט בִּיזְטוּ גָאט אוּנְזֶער גָאט דֶר קִינִיג פוּן דֶר וֶועלְט וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעהֵיילִיגְט מִיט זַיינֶע מִצְוֹת אוּנ הָאט אוּנְז גֶעבָּאטֶען צוּ וַואשֶׁען דִי הֶענְט (צום דאוונען אזוי וויא דער כהן וואשט די הענט פון כיור צו די עבודה פון די קרבנות):

בָּרוּךְ גִילוֹיבְּט בִּיזְטוּ גָאט אוּנְזֶער גָאט דֶר קִינִיג פוּן דֶר וֶועלְט דֶר דָא הָט בַּאשַׁאפֶען דֶעם מֶענְשֶׁען מִיט קְלוּגְשַׁאפְט אוּנ הָאסְט בַּשַׁאפֶען אִין אִים פִיל לֶעכֶער, ווִי דִי מוֹיל, דִי נָאז, דִי אוֹיעֶרֶען, אוּנ פִיל הוֹילֶע רֶעהְרִין. וויא דִי הַארְץ אוּנ דִי גִידֶערִים. עֶס אִיז בַּאקֶענְט אוּנ ווִיסִיג פַאר דַיין קִינִיגְלִיכֶען שְׁטוּל אַז וֶוען אֵיינֶס פוּן דִי פַארְמַאכְטֶע אֵבָרִים זָאלֶען גֶעעֶפִינְט וֶוערֶען אָדֶער אֵיינֶס פוּן דִי אָפֶענֶע זָאלֶען פַארְשְׁטָאפְּט וֶוערֶען וָואלְט נִיט מֶעגְלִיךְ גִיוֶוען צוּ לֶעבֶּען.

שֶׁאִם יִפָּתֵחַ, אֶחָד מֵהֶם, אוֹ יִסָּתֵם, אֶחָד מֵהֶם, אִי אֶפְשַׁר לְהִתְקַיֵּם וְלַעֲמוֹד לְפָנֶיךָ, (אֲפִילוּ שָׁעָה אֶחָת): בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, רוֹפֵא כָל בָּשָׂר, וּמַפְלִיא לַעֲשׂוֹת:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ, בְּמִצְוֹתָיו, וְצִוָּנוּ, לַעֲסוֹק בְּדִבְרֵי תוֹרָה:

וְהַעֲרֶב נָא, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, אֶת דִּבְרֵי תוֹרָתְךָ בְּפִינוּ, וּבְפִי עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל, וְנִהְיֶה אֲנַחְנוּ, וְצֶאֱצָאֵינוּ, וְצֶאֱצָאֵי עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל, כֻּלָּנוּ יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ, וְלוֹמְדֵי תוֹרָתֶךָ לִשְׁמָהּ: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, הַמְלַמֵּד תּוֹרָה, לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ, מִכָּל הָעַמִּים, וְנָתַן לָנוּ, אֶת תּוֹרָתוֹ: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, נוֹתֵן הַתּוֹרָה:

וַיְדַבֵּר יְיָ, אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר: דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן, וְאֶל בָּנָיו לֵאמֹר, כֹּה תְבָרְכוּ, אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אָמוֹר לָהֶם:

יְבָרֶכְךָ יְיָ, וְיִשְׁמְרֶךָ: יָאֵר יְיָ, פָּנָיו אֵלֶיךָ, וִיחֻנֶּךָּ: יִשָּׂא יְיָ, פָּנָיו, אֵלֶיךָ, וְיָשֵׂם לְךָ שָׁלוֹם:

מעשה אלפס

וּמַפְלִיא לַעֲשׂוֹת. די גיביידע פון מענשין איז זייער וואונדערליך. ער איז גבויט ווי אפאלאץ דר „זאל" איז די הארץ, דר „קאבינעט" איז די „קאפ מיט'ן מוח, די „קיך" איז דר מאגין מיט די גדערם. אין יעדר טייל איז וואונדר איבר וואונדר, מען זאל באטראכטן דעם קליינעם קאבינעט וויפיל קונציגע מאשינען אין אים גיפינט זיך, די קליינע קיקעלאך פלייש מיט די הייטלאך פון די אויגן דר לאנגען

בית ישראל

ברוך גלויבט ביזטו גאט דר דא היילט אלע באשעפענעם אונ טוט גרויסע וואונדער דער מיט וואס ער באהעפט די נשמה מיט דעם גוף אין איינעם:

ברוך גלויבט ביזטו גאט אונזער גאט דער קיניג פון דר וועלט וואס הט אונז גהיי-ליגט מיט זיינע מצות אונ הט אונז גבאטין עוסק צו זיין אין די רייד פון דער תורה:

והערב אונ מאך זיס דו גאט אונזער גאט די רייד פון דיין תורה אין אונזר מויל, אונ אין מויל פון דיין פאלק דם הויז גזינד ישראל אונ מיר אונ אונזערע קינדר אונ אונזערע קינדס קינדר פון דיין פאלק ישראל כלנו זאלן מיר אלע וויסין דיין נאמן אונ לערנען דיין תורה לשמה. ברוך גילויבט ביזטו גאט דער דא לערינט תורה צו זיין פאלק ישראל:

ברוך גילויבט ביזטו גאט אונזר גאט דר קיניג פון דר וועלט דר וואס האט אונז אויס גיקליבן נאך יציאת מצרים פון צווישין אלע פעלקר אונ הט אונז גיגעבן אויף דם בארג סיני זיין תורה: ברוך גילויבט ביזטו גאט דער וואס האט גיגעבן די תורה:

יברכך גאט זאל דיך בענטשין אונ זאל דיך היטין יאר גאט זאל דערלייכטין זיין שכינה צו דיר אונ זאל דיך ליב האבין ישא גאט זאל אויפהייבין זיין שכינה צו דיר אונ זאל צו דיר מאכען שלום:

וְשָׂמוּ אֶת שְׁמִי עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַאֲנִי אֲבָרְכֵם׃

אֵלּוּ דְבָרִים, שֶׁאֵין לָהֶם שִׁעוּר. הַפֵּאָה, וְהַבִּכּוּרִים, וְהָרֵאָיוֹן, וּגְמִילוּת חֲסָדִים, וְתַלְמוּד תּוֹרָה׃ אֵלּוּ דְבָרִים, שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּרוֹתֵיהֶם, בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת, לָעוֹלָם הַבָּא׃ וְאֵלּוּ הֵן, כִּבּוּד אָב וָאֵם, וּגְמִילוּת חֲסָדִים, וְהַשְׁכָּמַת בֵּית הַמִּדְרָשׁ, שַׁחֲרִית וְעַרְבִית, וְהַכְנָסַת אוֹרְחִים. וּבִקּוּר חוֹלִים, וְהַכְנָסַת כַּלָּה, וּלְוָיַת הַמֵּת, וְעִיּוּן תְּפִלָּה, וַהֲבָאַת שָׁלוֹם בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ, וְתַלְמוּד תּוֹרָה, כְּנֶגֶד כֻּלָּם׃

אֱלֹהַי. נְשָׁמָה שֶׁנָּתַתָּ בִּי, טְהוֹרָה הִיא. אַתָּה בְרָאתָהּ, אַתָּה יְצַרְתָּהּ, אַתָּה נְפַחְתָּהּ בִּי, וְאַתָּה מְשַׁמְּרָהּ בְּקִרְבִּי, וְאַתָּה עָתִיד, לִטְּלָהּ מִמֶּנִּי, וּלְהַחֲזִירָהּ בִּי, לֶעָתִיד לָבֹא. כָּל זְמַן שֶׁהַנְּשָׁמָה בְקִרְבִּי, מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ, יְיָ אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי, רִבּוֹן כָּל הַמַּעֲשִׂים, אֲדוֹן כָּל הַנְּשָׁמוֹת׃ בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, הַמַּחֲזִיר נְשָׁמוֹת, לִפְגָרִים מֵתִים׃

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר נָתַן, לַשֶּׂכְוִי בִינָה לְהַבְחִין, בֵּין יוֹם וּבֵין לָיְלָה׃

דן׃

בית ישראל

אֱלֹהַי מַיין גָאט. דִי נְשָׁמָה וָוס דוּ הָאסְט אִין מִיר גִיגֶעבְּן אִיז זִיא רֵיין, דוּ הָאסְט זִיא בַּשַׁאפְן, דוּ הָאסְט גִיפוּרִימְט אִיר גִישְׁטַאלְט, דוּ הָאסְט זִי אִין מִיר אַרַיין גִיבְּלָאזִין בְּשַׁעַת אִיךְ בִּין גִבָּארְן גְוָוארְן אוּנ דוּ הִיטְסְט זִי אִין מִיר, אוּנ דוּ וֶועסְט זִי צוּנֶעמֶען פוּן מִיר אַז מַיין צַייט וֶועט קוּמֶען צוּ שְׁטַארְבִּין, אוּנ וֶועסְט זִי אִין מִיר אוּמְקֶערְן אַז תְּחִיַּת הַמֵּתִים וֶועט זַיין. אַלֶע צַייט וָוס דִי נְשָׁמָה אִיז אִין מִיר דַאנְק אִיךְ דִיר גָאט מַיין גָאט אוּנ גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערִין, דֶער הֶער פוּן אַלֶע וֶוערְק, דֶר הֶער פוּן אַלֶע נְשָׁמוֹת׃ בָּרוּךְ גְלוֹיבְּט בִּיזְטוּ גָאט, דֶר וָואס קֶערְט אוּם דִי נְשָׁמוֹת צוּ דִי טוֹיטֶע קֶערְפֶּער. אַז דֶער מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט אִיז עֶר גְלַייךְ וַויא טוֹיט. אוּנ גָאט קֶערְט אִים אוּם אַלֶע פְרִימָארְגִין זַיין נְשָׁמָה. אִיז דָאס גְלַייךְ וִוי עֶר מַאכְט אִים נַייא לֶעבֶּעדִיג׃

מעשה אלפם

נאנגען די ליכטיגקייט אין מוח, די קליינע פויק-הייטלאך פון די אויערן דערלאנגען אלע שטימען אין מוח. היינט דר מוח אליין, א קליינער תּפִלין זעקעלע קען איינהאלטן אין זיך אגאנצן אלמער מיט ספרים, וויא מען שרייבט אויף איינגע גאונים, זיי זייגן קלאר גוועזן אויסווייניג תּורה נביאים וכתובים, ששה סדרי משנה, גאנץ ש"ס בבלי וירושלמי, רמב"ם, טורים, ארבע שו"ע ומדרשים. די וואונדר פון זאלץ וואס יעדר מינוט לייפען דורך אלע בנוטין פון קערפר אין הארצן אונ פון איר צוריק אין אלע גלידר, אפילו די קיך איז אויך וואונדרליך גיבויט, ווי זי קאכט זיך די שפייז, טיילט דר מאגין פונאנדר, די גוטע טיילין שיקט ער אריין אין לעבער וואס איבער אים איז, אונ די פסולת שיקט ער אב

בָּרוּךְ גְלוֹיבְּט בִּיזְטוּ גָאט אוּנְזֶר גָאט דֶר קִינִיג פוּן דֶר וֶועלְט, דֶר וָוס הָט דֶעם הָאן פַארְשְׁטַאנְד גִיגֶעבִּין צוּא פַארְשְׁטֵיין צְוִוישֶׁען טָאג אוּנ נַאכְט, אוּנ דִיא מֶענְטְשִׁין

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, שֶׁלֹּא עָשַׂנִי, גּוֹי׃

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, שֶׁלֹּא עָשַׂנִי, עָבֶד׃

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, שֶׁלֹּא עָשַׂנִי, אִשָּׁה׃

ווייבער זאגין דאס בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, שֶׁעָשַׂנִי, כִּרְצוֹנוֹ׃

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, פּוֹקֵחַ עִוְרִים׃

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, מַלְבִּישׁ עֲרֻמִּים׃

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, מַתִּיר אֲסוּרִים׃

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, זוֹקֵף כְּפוּפִים׃

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם רוֹקַע הָאָרֶץ, עַל הַמָּיִם׃

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, שֶׁעָשָׂה לִי, כָּל צָרְכִּי׃

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, הַמֵּכִין, מִצְעֲדֵי גָבֶר׃

מעשה אלפס

אָב אנגטין אין דיא קִישְׁקֶעס דוּרְךְ אַסַךְ טִירַאלַאךְ, עֶס עֶפִינְט זִיךְ אונ לָאזְט אַריין אונ דוּרְךְ דִי צְוַויטע טִירֶעלֶע לָאזְט דָם אַרויס אונ פֶערְשְׁלִיסְט זִיךְ גְלַייךְ, אום דִי פְּסוֹלֶת זָאל נִיט קֶענֶן גֵיין צוּרִיק, בִּיז וַואנֶען עֶס קוּמְט גָאר צוּ דִי גְרָאבֶּע קִישְׁקֶע, וָואס דוּרְךְ אִיר גֵייט מֶען אִין דְרויסֶן. דִי „נִירִין" טֵיילֶן אָב פוּן דִי בְּלוּט דִי שְׁלֶעכְטֶע וַואסֶער אִין בַּאסָאן (הַשְׁתָּנָה=עֶפֶּעס) אונ פוּן בַּאסָאן גֵייט דָם דוּרְךְ פִיל דוּרְכְלַאךְ אונ הַיימְלַאךְ בִּיז אִין פּוּזִיר אונ פוּן דָארְטֶן בִּיז׳ן אַרויסגַאנְג, אונ דוּרְךְ דִי אַלֶע מַאשִׁינֶען וֶוערְט דָם גְשְׁלָאסֶן דִי פַּארְטַיי פוּן דִי נְשָׁמָה רוּחָנִית מִיט׳ן גוּף גַשְׁמִי, וואוּנְדֶער אִיבֶּר וואוּנְדֶר! אויף דָם אַלֶעס לוֹיבְּן מִיר דִיר אונ דַאנְקֶן דִיר׃

בית ישראל

שְׁטֵייעֶן אויף פוּן זֵייעֶר גְלֶעגֶר דוּרְךְ זַיין קוֹל׃ בָּרוּךְ גְלוֹיבְּט בִּיזְטוּ גָאט דֶער קִינִיג פוּן דֶער וֶועלְט, דֶר וָואס הָאט מִיךְ נִיט בַּשַׁאפֶן קֵיין גֶעטְצֶענְדִינֶער׃ בָּרוּךְ גְלוֹיבְּט בִּיזְטוּ גָאט דֶער קִינִיג פוּן דֶר וֶועלְט, דֶר וָואס הָאט מִיךְ נִיט בַּשַׁאפֶן קֵיין קְנֶעכְט׃ בָּרוּךְ גְלוֹיבְּט בִּיזְטוּ גָאט דֶר קִינִיג פוּן דֶר וֶועלְט, דֶר וָוס הָט מִיךְ נִיט בַּשַׁאפֶן קֵיין אִשָּׁה, דֶעוּ אַיין אִשָּׁה אִיז פָּטוּר פוּן תּוֹרָה לֶערְנֶען אונ אויךְ פוּן אֵיינִיגֶע מִצְוֹת׃

(ווייבער זאגן, בָּרוּךְ גְלוֹיבְּט בִּיזְטוּ גָאט דֶר קִינִיג פוּן דֶר וֶועלְט, דֶר וָוס הָאט מִיךְ בַּשַׁאפֶן נָאךְ זַיין ווִילֶען)׃ בָּרוּךְ גְלוֹיבְּט בִּיזְטוּ גָאט דֶר קִינִיג פוּן דֶר וֶועלְט, דֶר וָוס עֶפִינְט דִי אויגֶן פוּן דִי בְּלִינְדֶע, וַוייל דֶר מֶענְשׁ אַז עֶר שְׁלָאפְט זַיינֶען אִים דִי אויגֶן צוּגֶימַאכְט גְלַייךְ ווִי עֶר וָואלְט בְּלִינְד גֶיוֶועזְן׃ בָּרוּךְ גְלוֹיבְּט בִּיזְטוּ גָאט דֶר קִינִיג פוּן דֶר וֶועלְט, דֶר וָואס בַּאקְלֵיידֶעט דִי נַאקֶעטֶע׃ בָּרוּךְ גְלוֹיבְּט בִּיזְטוּ גָאט דֶר קִינִיג פוּן דֶר וֶועלְט, דֶר וָוס בִּינְדְט אויף דִי גְבּוּנְדֶענֶע. דֶען אַז דֶר מֶענְשׁ לִיגְט אויף זַיין גֶילֶעגֶר אִיז עֶר גֶיגְלִיכֶן צוּ אַ גְבּוּנְדֶענֶם וָוס קֶען נִיט רִירִין מִיט זַיינֶע אֵבָרִים׃ בָּרוּךְ גְלוֹיבְּט בִּיזְטוּ גָאט דֶר קִינִיג פוּן דֶר וֶועלְט, דֶר וָוס שְׁטֶעלְט אַנִידֶר דִי אַיינְגֶעבּויגֶענֶע, דֶען בִּיז אַהֶער אִיז זַיין גוּף גֶיוֶועזְן אַיינְגֶעבּויגֶען, וַוייל עֶר אִיז גֵילֶעגִין שְׁלָאפֶענְדִיג דִי גַאנְצֶע נַאכְט׃ בָּרוּךְ גְלוֹיבְּט בִּיזְטוּ גָאט דֶר קִינִיג פוּן דֶר וֶועלְט, דֶר וָוס הָט אויס גְשְׁפְּרֵייט דִי עֶרְד אויף דִי וַואסֶר׃ בָּרוּךְ גְלוֹיבְּט בִּיזְטוּ גָאט דֶר קִינִיג פוּן דֶר וֶועלְט, דֶר וָוס הָט פֶערְשַׁאפְט אַלֶע מַיינֶע בַּאדֶערְפֶענִס׃ בָּרוּךְ גְלוֹיבְּט בִּיזְטוּ גָאט דֶר קִינִיג פוּן דֶר וֶועלְט דֶר וָוס בְּרֵייט אָן דִי טְרִיט פוּן מֶענְשִׁין צוּגֵיין וואוּ אַהִין עֶר ווִיל גֵיין זַיינֶע עֲסָקִים צוּ טָאן׃

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אוֹזֵר יִשְׂרָאֵל, בִּגְבוּרָה:
בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, עוֹטֵר יִשְׂרָאֵל בְּתִפְאָרָה:
בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, הַנּוֹתֵן, לַיָּעֵף כֹּחַ:
בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, הַמַּעֲבִיר שֵׁנָה מֵעֵינָי וּתְנוּמָה מֵעַפְעַפָּי:

וִיהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, שֶׁתַּרְגִּילֵנוּ בְּתוֹרָתֶךָ, וְדַבְּקֵנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ, וְאַל תְּבִיאֵנוּ לֹא לִידֵי חֵטְא, וְלֹא לִידֵי עֲבֵרָה וְעָוֹן, וְלֹא לִידֵי נִסָּיוֹן, וְלֹא לִידֵי בִזָּיוֹן. וְאַל יִשְׁלֹט בָּנוּ, יֵצֶר הָרָע, וְהַרְחִיקֵנוּ, מֵאָדָם רָע, וּמֵחָבֵר רָע, וְדַבְּקֵנוּ, בְּיֵצֶר הַטּוֹב, וּבְמַעֲשִׂים טוֹבִים. וְכוֹף אֶת יִצְרֵנוּ, לְהִשְׁתַּעְבֶּד לָךְ, וּתְנֵנוּ הַיּוֹם, וּבְכָל יוֹם, לְחֵן, וּלְחֶסֶד, וּלְרַחֲמִים, בְּעֵינֶיךָ, וּבְעֵינֵי כָל רוֹאֵינוּ, וְתִגְמְלֵנוּ, חֲסָדִים טוֹבִים: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, גּוֹמֵל, חֲסָדִים טוֹבִים, לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל:

בית ישראל

ברוך געלויבט ביזטו גאט דער קיניג פון דער וועלט, דער וואס גורט אן די ישראל מיט גבורה: ברוך געלויבט ביזטו גאט דער קיניג פון דער וועלט, דער וואס קרוינט די ישראל מיט שיינהייט. אויך דאנקן מיר גאט דאס ער האט אונז געקרוינט מיט תורה אונ מצות: ברוך געלויבט ביזטו גאט דער קיניג פון דער וועלט, דער וואס טוט געבן קראפט צו דעם דער וואס איז מיד, דען אז דער מענש לייגט זיך שלאפן איז ער מיד פון זיינע עסקים אונ גאט ב״ה באגייסט זיין כח אלע פרימארגן דאס זיינע גלידער ווערן געשטארקט: ברוך געלויבט ביזטו גאט דער קיניג פון דער וועלט, דער וואס פארטרייבט דעם שלאף פון מיינע אויגן אונ דרעמלעך פון מיינע בריעמען:

מעשה אלפס

אוזר ישראל בגבורה. אין מסכת ברכות (ס׳ ע״ב) לערנט מיר, „כד אסר המייניה״ אז מען טוט אן דעם גארטיל זאל מען זאגן „אוזר ישראל בגבורה״. דר בורא גורט אן אידן מיט גבורה. איינר פון די נוצין פון גארטיל איז, עס

ויהי אונ עס זאל זיין דיין גוטער ווילן גאט אונזער גאט אונ גאט פון אונזערע עלטערן דו זאלסט אונז געוואוינען אין דיין תורה, אונ זאלסט אונז בהעפטן אין דיינע מצות אונ ניט לאזין קומען צו קיין זינד אונ צו קיין עבירה אונ צו קיין אונרעכט, אונ ניט צו קיין פרובונג, דען טאמער חס ושלום וועלן מיר ניט קענען בייעשטיין. אונ ניט צו קיין שאנד, אונ דר יצר הרע זאל אין אונז ניט געוועלטיגן, אונ דרווייטער אונז פון אשלעכטין מענשין אונ פון אשלעכטן חבר, אונ בהעפט אונז אין דעם יצר טוב אונ אין מעשים טובים, אונ בייג אונזערע גדאנקן צו זיין אונטערטעניג צו דיר, אונ דו זאלסט אונז געבן היינט אונ אלע טאג צו חן אונ חסד אונ רחמים אין דיינע אויגן אונ אין די אויגן פון אלע מענשן, אונ דו זאלסט אונז בעלוינען מיט גוטע גנאדע: ברוך געלויבט ביזטו גאט דער דא בעלאהנט גוטע גינאד צו זיין פאלק ישראל:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, יְיָ אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי, שֶׁתַּצִּילֵנִי, הַיּוֹם, וּבְכָל יוֹם, מֵעַזֵּי פָנִים. וּמֵעַזּוּת פָּנִים, מֵאָדָם רָע, וּמֵחָבֵר רָע, וּמִשָּׁכֵן רָע, וּמִפֶּגַע רָע, וּמִשָּׂטָן הַמַּשְׁחִית, מִדִּין קָשֶׁה, וּמִבַּעַל דִּין קָשֶׁה, בֵּין שֶׁהוּא בֶן בְּרִית, וּבֵין, שֶׁאֵינוֹ בֶן בְּרִית:

אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, זָכְרֵנוּ, בְּזִכָּרוֹן טוֹב, לְפָנֶיךָ, וּפָקְדֵנוּ, בִּפְקֻדַּת יְשׁוּעָה וְרַחֲמִים, מִשְּׁמֵי שְׁמֵי קֶדֶם, וּזְכָר לָנוּ, יְיָ אֱלֹהֵינוּ. אַהֲבַת הַקַּדְמוֹנִים, אַבְרָהָם. יִצְחָק, וְיִשְׂרָאֵל, עֲבָדֶיךָ, אֶת הַבְּרִית, וְאֶת הַחֶסֶד, וְאֶת הַשְּׁבוּעָה, שֶׁנִּשְׁבַּעְתָּ, לְאַבְרָהָם אָבִינוּ, בְּהַר הַמּוֹרִיָּה, וְאֶת הָעֲקֵדָה, שֶׁעָקַד אֶת יִצְחָק בְּנוֹ, עַל גַּבֵּי הַמִּזְבֵּחַ, כַּכָּתוּב בְּתוֹרָתֶךָ:

בראשית, כ"ב

וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וְהָאֱלֹהִים נִסָּה אֶת־אַבְרָהָם וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַבְרָהָם וַיֹּאמֶר הִנֵּנִי: וַיֹּאמֶר קַח־נָא אֶת־בִּנְךָ אֶת־יְחִידְךָ אֲשֶׁר־אָהַבְתָּ אֶת־יִצְחָק וְלֶךְ־לְךָ אֶל־אֶרֶץ הַמֹּרִיָּה וְהַעֲלֵהוּ שָׁם לְעֹלָה עַל אַחַד הֶהָרִים אֲשֶׁר אֹמַר אֵלֶיךָ: וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר וַיַּחֲבֹשׁ אֶת־חֲמֹרוֹ וַיִּקַּח אֶת־שְׁנֵי נְעָרָיו אִתּוֹ וְאֵת יִצְחָק בְּנוֹ וַיְבַקַּע עֲצֵי עֹלָה וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־אָמַר־לוֹ הָאֱלֹהִים: בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וַיִּשָּׂא אַבְרָהָם אֶת־עֵינָיו

בית ישראל

יְהִי עֶס זָאל זַיין דַיין גוּטֶער ווילן גָאט מַיין גָאט אוּנ גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן, דוּ זָאלְסְט מִיךְ הַיינְט אוּנ אַלֶע טָאג בֶּעהִיטֶען פוּן אַזֶעלְכֶע מֶענְשִׁין וָוס זֵיי זַיינֶען עַזֵּי פָּנִים אוּנ דָאס אִיךְ זָאל נִיט מֵעִיז פָּנִים זַיין גֶעגִין אַנְדֶערֶע מֶענְשִׁן אוּנ בֶּעהִיט מִיךְ פוּן אַשְׁלֶעכְטִין מֶענְשִׁין אוּנ פוּן אַשְׁלֶעכְטְן חָבֵר דָס אִיךְ זָאל זִיךְ נִיט אָפְּלֶערְנֶען פוּן אִים זַיין שְׁלֶעכְטְס. אוּנ פוּן אַשְׁלֶעכְטְן שָׁכֵן אוּנ פוּן בֵּייזֶע בַּאגֶעגֶענֶעס אוּנ פוּן דֶעם שָׂטָן הַמַּשְׁחִית פוּן אַשְׁוֶוערְן דִין אוּנ פוּן אַשְׁלֶעכְטְן בַּעַל דִין סַיי עֶר אִיז אַיין יְהוּדִי, אָדֶער נִיט קַיין יְהוּדִי:

מעשה אלפס

עס זָאל נִיט זַיין „לִבּוֹ רוֹאֶה אֶת הָעֶרְוָה". אוּנ אַזוֹי ווִי פוּן דְרוֹיסְן דַארְף זַיין אַהֶפְסֵק אַז דִי הַארְץ זָאל נִיט זֶעהְן דִי שֶׁענְדְלִיכֶע גְלִידֶר, אַזוֹי דֶערְמָאנְט דָס דֶעם מֶענְשִׁין אַז אוֹיךְ אִינֶעווֵיינִיג אִין הַארְצְן זָאל זִיךְ נִיט זֶעהְן קַיין שֶׁענְדְלִיכֶע גְדַאנְקֶען פוּן תַּאֲוָה וָוס דָס אִיז זֵייעֶר אַגִיפֶערְלִיכֶע זַאךְ פַאר דֶעם נֶפֶשׁ אוּנ אוֹיךְ פַאר'ן גוּף, תַּאֲוָה אִיז אֵיינֶע פוּן דִי דְרֵייקֶע־פֶערְד, וָוס פִירְן אַרוֹיס דֶעם מֶענְשִׁין פוּן דֶר ווֶעלְט (הַקִּנְאָה וְהַתַּאֲוָה וְהַכָּבוֹד מוֹצִיאִין אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם). צוּ דֶעם אַרוֹיס טְרֵייבְּן דִי תַּאֲוָה פוּן הַארְצְן דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיס גְבוּרָה, „אֵיזֶהוּ גִבּוֹר הַכּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ" וֶוער הֵייסְט אַיין אֶמֶת'ר העלד, דֶר וָוס בַּאהֶערְשְׁט זַיינֶע לֵיידֶענְשַׁאפְטְן (תַּאֲוֹת), דֶר יֵצֶר הָרָע שְׁטַארְקְט זִיךְ אָבֶּר אַלֶע ווַיילֶע אוֹיפְ'ן מֶענְשִׁין אוּנ שְׁלָאגְט אִים אַרַיין תַּאֲווֹת אִין הַארְצְן אוּנ עֶס ווָאלְט נִיט זַיין מֶעגְלִיךְ צוּ רֶעטְן זִיךְ פוּן דֶעם, נָאר הַשֵּׁי"ת הֶעלְפְט דֶעם מֶענְשִׁין אוּנ לָאזְט אִים נִיט פַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּן יצה"ר. דָס אִיז דִי כַּוָּנָה פוּן דִי בְּרָכָה, בְּעֵת דֶר אִיד טוּט אָן דֶעם גַארְטְל, דָס הֵייכְט עֶר הָט אַכַּוָּנָה זִיךְ אוּנְטֶער צוּ גַארְטְלְן צוּגֵיין אִין שְׁטְרֵייט גֶעגְן יצה"ר פוּן תַּאֲוָה אִיז דֶר בּוֹרֵא אִים צוּהִילְף, אוּנ עֶר גוּרְט אִים אָן מִיט גְבוּרָה גֶעגְן דֶעם יצה"ר, אַז עֶר זָאל אִים מְנַצֵּחַ זַיין:

פנינים יקרים

וְהָאֱלֹהִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם וכו'. מֶעשְׁיִים פְרֶעגְן צוּ וָוס הָט הקב"ה גִדַארְפְט פְּרוּבִין אַבְרָהָם'ן מִיט זַיין זוּן, הקב"ה הָט דָאךְ גִזֶעהְן אַז אַבְרָהָם אַלֵיין הָט זִיךְ גְלָאזְן אַרַיינְוַוארְפִין אִין פַייעֶר פוּן נִמְרוֹד'ן, גֶעווִיס וָועט עֶר זַיין זוּן אוֹיךְ מַקְרִיב זַיין פַאר אַקָרְבָּן. נָאר מֶען דֶערְצֵיילְט עֶס הָט אַמָאל גִטְרָאפִין מֶען הָט גִיכַאפְּט אַגַנָּב, מֶען הָט אִים נִיט גִיקֶענְט שְׁטְרָאפְן ווַייל עֶר הָט גִילַייקֶענְט, דֶער שׁוֹפֵט הָט גִיהֵייסְן מֶען זָאל אִים שְׁמַייסְן, מֶען הָט אִים גִישְׁמִיסְן, עֶר הָט זִיךְ נִיט מוֹדֶה גִוֶועןְ, הָט דֶר שׁוֹפֵט גְפְרֶעגְט דֶעם גַנָּב דוּ הָאסְט קִינְדֶר, הָט דֶר גַנָּב גְזָאגְט אִיךְ הָב אַיין זוּן, עֶר

וירא את המקום מרחק: ויאמר אברהם אל נעריו שבו־לכם פה עם־
החמור ואני והנער נלכה עד כה ונשתחוה ונשובה אליכם: ויקח
אברהם את־עצי העלה וישם על־יצחק בנו ויקח בידו את־האש ואת־
המאכלת וילכו שניהם יחדו: ויאמר יצחק אל־אברהם אביו ויאמר אבי
ויאמר הנני בני ויאמר הנה האש והעצים ואיה השה לעלה: ויאמר
אברהם אלהים יראה־לו השה לעלה בני וילכו שניהם יחדו: ויבאו אל־
המקום אשר אמר־לו האלהים ויבן שם אברהם את־המזבח ויערך את־
העצים ויעקד את־יצחק בנו וישם אתו על־המזבח ממעל לעצים:
וישלח אברהם את־ידו ויקח את־המאכלת לשחט את־בנו: ויקרא
אליו מלאך יי מן־השמים ויאמר אברהם | אברהם ויאמר הנני: ויאמר
אל־תשלח ידך אל־הנער ואל־תעש לו מאומה כי | עתה ידעתי כי־
ירא אלהים אתה ולא חשכת את־בנך את־יחידך ממני: וישא אברהם
את־עיניו וירא והנה־איל אחר נאחז בסבך בקרניו וילך אברהם ויקח
את־האיל ויעלהו לעלה תחת בנו: ויקרא אברהם שם־המקום ההוא
יי | יראה אשר יאמר היום בהר יי יראה: ויקרא מלאך יי אל־אברהם
שנית מן־השמים: ויאמר בי נשבעתי נאם־יי כי יען אשר עשית את־
הדבר הזה ולא חשכת את־בנך את־יחידך: כי־ברך אברכך והרבה
ארבה את־זרעך ככוכבי השמים וכחול אשר על־שפת הים וירש זרעך
את שער איביו: והתברכו בזרעך כל גויי הארץ עקב אשר שמעת
בקלי: וישב אברהם אל־נעריו ויקמו וילכו יחדו אל־באר שבע
וישב אברהם בבאר שבע:

רבונו של עולם, יהי רצון מלפניך, יי אלהינו, ואלהי אבותינו, שתזכר לנו, ברית
אבותינו, כמו שכבש אברהם אבינו, את רחמיו, מבן יחידו, ורצה לשחוט

פנינים יקרים

אין אלטע צייטען יאר, דער שופט האט געהייסען מען זאל ברענגען דעם זון, מען האט גענומען דעם קינד שמייסען, דער קינד וויינענדיג פארוואס מען שמייסט אים, ער שרייט צום פאטער, דער פאטער האט ניט געקענט פארטראגען דעם צער פון דעם קינד האט ער זיך מודה געווען אויף די גנבה, נאכדעם האט מען געפרעגט דעם גנב פארוואס ווען מען האט דיך געשלאגען האסטו זיך ניט מודה געווען, און ווען מען האט דיין זון געשלאגען האסטו זיך מודה געווען? האט דער גנב געזאגט איך וועל אייך זאגען ווען איך בין געגאנגען גנבענען האב איך געטראכט אין הארצען וויפיל יסורים מען וועט מיר טאן זאל איך זיך ניט מודה זיין, דריבער ווען מען האט מיך געשלאגען האט דאס שלאגען גארניט דערוועקט מיין הארץ מודה צו זיין, ווייל איך האב מיך געריכט אויף דעם שלאגען, אבער אז מען וועט שלאגען מיין זון פון מיינעטוועגען, דארויף האב איך מיך ניט פארגעברייט, דריבער באלד ווי איך האב געהערט זיין אומשולדיגע שרייען האב איך געמוזט מודה זיין, ווייל יעדער מענש קען פארטראגען זיינע שמערצען און ניט די שמערצען פון זיין קינד, דאס זעלביגע איז געווען ביי די עקדה, אברהם און יצחק האבען געוויס אלע טאג געזאגט דעם פסוק ואהבת את ה' אלהיך, זאלסט ליב

מע"ט א' האבין

אוֹתוֹ, כְּדֵי לַעֲשׂוֹת רְצוֹנֶךָ, כֵּן יִכְבְּשׁוּ רַחֲמֶיךָ אֶת כַּעַסְךָ, מֵעָלֵינוּ. וְיִגֹּלוּ רַחֲמֶיךָ, עַל מִדּוֹתֶיךָ, וְתִכָּנֵס אִתָּנוּ לִפְנִים מִשּׁוּרַת דִּינֶךָ, וְתִתְנַהֵג עִמָּנוּ, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, בְּמִדַּת הַחֶסֶד. וּבְמִדַּת הָרַחֲמִים. וּבְטוּבְךָ הַגָּדוֹל, יָשׁוּב חֲרוֹן אַפְּךָ, מֵעַמְּךָ, וּמֵעִירְךָ, וּמֵאַרְצְךָ, וּמִנַּחֲלָתֶךָ. וְקַיֶּם לָנוּ, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, אֶת הַדָּבָר, שֶׁהִבְטַחְתָּנוּ, עַל יְדֵי, מֹשֶׁה עַבְדֶּךָ, כָּאָמוּר. וְזָכַרְתִּי, אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב, וְאַף אֶת בְּרִיתִי יִצְחָק, וְאַף אֶת בְּרִיתִי אַבְרָהָם, אֶזְכֹּר, וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר:

לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם, יְרֵא שָׁמַיִם, בְּסֵתֶר וּבְגָלוּי, וּמוֹדֶה עַל הָאֱמֶת, וְדוֹבֵר אֱמֶת, בִּלְבָבוֹ, וְיַשְׁכֵּם וְיֹאמַר:

רִבּוֹן כָּל הָעוֹלָמִים, לֹא עַל צִדְקוֹתֵינוּ, אֲנַחְנוּ מַפִּילִים, תַּחֲנוּנֵינוּ לְפָנֶיךָ, כִּי, עַל רַחֲמֶיךָ הָרַבִּים. מָה אֲנַחְנוּ, מֶה חַיֵּינוּ, מֶה חַסְדֵּנוּ, מַה צִּדְקוֹתֵינוּ, מַה יְשׁוּעָתֵנוּ, מַה כֹּחֵנוּ, מַה גְּבוּרָתֵנוּ. מַה נֹּאמַר לְפָנֶיךָ, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, הֲלֹא כָּל הַגִּבּוֹרִים, כְּאַיִן לְפָנֶיךָ, וְאַנְשֵׁי הַשֵּׁם כְּלֹא הָיוּ, וַחֲכָמִים, כִּבְלִי מַדָּע, וּנְבוֹנִים, כִּבְלִי הַשְׂכֵּל, כִּי רוֹב מַעֲשֵׂיהֶם, תֹּהוּ, וִימֵי חַיֵּיהֶם, הֶבֶל לְפָנֶיךָ. וּמוֹתַר הָאָדָם, מִן הַבְּהֵמָה, אָיִן. כִּי הַכֹּל הָבֶל:

אֲבָל אֲנַחְנוּ עַמְּךָ, בְּנֵי בְרִיתֶךָ, בְּנֵי אַבְרָהָם אֹהַבְךָ, שֶׁנִּשְׁבַּעְתָּ לוֹ בְּהַר הַמּוֹרִיָּה. זֶרַע יִצְחָק יְחִידוֹ, שֶׁנֶּעֱקַד, עַל גַּב הַמִּזְבֵּחַ. עֲדַת יַעֲקֹב.

בית ישראל

לְעוֹלָם שְׁטֶענְדִג זָאל דֶר מֶענְשׁ זַיין אַ גָאטְס פָארְכְטִיגֶער אֲפִילוּ אִין פַרְבָּארְגֶענֶם. אוּנ מוֹדֶה זַיין אוֹיף דֶעם אֱמֶת אוּנ זָאל אֱמֶת רֵיידִין מִיט זַיין גַאנְצִין הַארְצִין, אוּנ זָאל אַלֶע פְרִיהמָארְגֶען דָאס זָאגֶען:

מעשה אלפס

הָאבִּן הקב"ה, בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ, מִיט דַיין גַאנְצִין קערְפֶּר [מִיט אַלֶע מִינֵי יְסוּרִים] אוּנ מִיט דַיין גַאנְצִין לֶעבִּן, דְרִיבֶּר זַייַנֶען אַבְרָהָם אוּנ יִצְחָק אַייבִּיג גִיוֶוען גְרֵייט אַוֶּועק צוּגֶעבִּין זֵייעֶר לֶעבִּין וֶוען הקב"ה וֶועט הֵייסִן, אִיז בַּייא אַבְרָהָם'ן גִיוֶוען אַקְלֵיינִיגְקֵייט צוּגֵיין אִין דֶעם פַייעֶר פוּן נמרוד

רִבּוֹן הֶער פוּן אַלֶע וֶועלְטִן נִיט וֶועגִן אוּנְזֶער גְרֶעכְטִיגְקֵייט לֵייגֶען מִיר פָאר אוּנְזֶער גִיבֶּעט פַר דִיר נוּר וֶועגִן דַיינֶע פִיל דֶערְבַּרִימְקֵייט, דֶען וָוס זַייַנֶען מִיר, וָוס אִיז אוּנְזֶער לֶעבִּן, וָוס אִיז אוּנְזֶער פְרוּמְקֵייט, וָוס אִיז אוּנְזֶער הִילְף, וָוס אִיז אוּנְזֶער כֹּחַ, וָוס אִיז אוּנְזֶער גְבוּרָה, וָוס זָאלְן מִיר זָאגְן פַר דִיר גָאט אוּנְזֶער גָאט אוּנ גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, דֶען אַלֶע גִבּוֹרִים זַייַנֶען וִוי גָארְנִישְׁט פַר דִיר, אוּנ דִי מֶענְשִׁין וָוס הָאבִּן אַגְרוֹיסִן שֵׁם גִהַאט אוֹיף דֶר וֶועלְט אִיז גְלַייךְ וִוי זֵיי וָואלְטִין גָארְנִיט גִיוֶועןְ, אוּנ דִי חֲכָמִים זַייַנֶען וִוי אָן ווִיסֶענְשַׁאפְט אוּנ דִי פַרְשְׁטַאנְדִיגֶע זַייַנֶען וִוי אָן שֵׂכֶל, דֶען זֵייעֶרֶע מֵיינְסְטֶע מַעֲשִׂים זַייַנֶען נִישְׁט אוּנ זֵייעֶרֶע לֶעבְּטֶעג אִיז גָארְנִישְׁט פַר דִיר, אוּנ חָאטְשֶׁע אַמֶענְשׁ הָט מֶער מַעֲלוֹת פוּן אַבְּהֵמָה דָאךְ אִיז דָס גָארְנִישְׁט, דֶען אַלְסְדִינְג וָואס דֶער מֶענְשׁ טוּט אוֹיף דֶר וֶועלְט פוּן זַיין הֲנָאָה וֶועגִין אִיז אַלְץ נִישְׁט:

אֲבָל אָבֶּער מִיט דֶעם אִיז אוּנְזֶער מַעֲלָה גְרוֹיס, דָס מִיר זַייַנֶען דַיין פָאלְק, דָס מִיר זַייַנֶען מְקַיֵּים דַיין תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת, מִיר זַייַנֶען דִי קִינְדֶער פוּן דַיין גְלִיבְּטִין אַבְרָהָם וָוס דוּ הָאסְט צוּ אִים גִישְׁוָוארְן אוֹיף דֶעם בַּארְג מוֹרִיָּה, דִי קִינְדֶער פוּן זַיין אֵיינְצִיגֶן זוּן וָוס עֶר אִיז גִיבּוּנְדִין

בִּנְךָ בְּכוֹרֶךָ, שֶׁמֵּאַהֲבָתְךָ, שֶׁאָהַבְתָּ אוֹתוֹ, וּמִשִּׂמְחָתְךָ, שֶׁשָּׂמַחְתָּ בּוֹ, קָרָאתָ אֶת שְׁמוֹ יִשְׂרָאֵל, וִישֻׁרוּן:

לְפִיכָךְ אֲנַחְנוּ חַיָּבִים, לְהוֹדוֹת לְךָ, וּלְשַׁבֵּחֲךָ וּלְפָאֶרְךָ, וּלְבָרֵךְ וּלְקַדֵּשׁ וְלָתֵת שֶׁבַח, וְהוֹדָיָה, לִשְׁמֶךָ: אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ, וּמַה יָּפָה יְרֻשָּׁתֵנוּ. אַשְׁרֵינוּ, שֶׁאֲנַחְנוּ מַשְׁכִּימִים וּמַעֲרִיבִים עֶרֶב וָבֹקֶר, וְאוֹמְרִים פַּעֲמַיִם בְּכָל יוֹם:

שְׁמַע יִשְׂרָאֵל יְהוָה אֱלֹהֵינוּ יְהוָה׀ אֶחָד:

בָּרוּךְ שֵׁם, כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ, לְעוֹלָם וָעֶד:

אַתָּה הוּא, עַד שֶׁלֹּא נִבְרָא הָעוֹלָם. אַתָּה הוּא מִשֶּׁנִּבְרָא הָעוֹלָם. אַתָּה הוּא, בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְאַתָּה הוּא, לָעוֹלָם הַבָּא. קַדֵּשׁ אֶת שִׁמְךָ, עַל מַקְדִּישֵׁי שְׁמֶךָ, וְקַדֵּשׁ אֶת שִׁמְךָ, בְּעוֹלָמֶךָ, וּבִישׁוּעָתְךָ תָּרִים, וְתַגְבִּיהַּ קַרְנֵנוּ: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, מְקַדֵּשׁ אֶת שִׁמְךָ, בָּרַבִּים:

אַתָּה הוּא, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ, וּבִשְׁמֵי הַשָּׁמַיִם הָעֶלְיוֹנִים. אֱמֶת

בית ישראל

גְוָוארְן אוֹיף דֶם מִזְבֵּחַ פַּר אַקָרְבָּן, מִיר קוּמֶן אַרוֹיס פוּן דִי צְוָועלְף שְׁבָטִים פוּן יַעֲקֹב דַיין עֶלְצְטֶר זוּן דָם פוּן וֶועגְן דַיין לִבְּשַׁאפְט וָוס דוּא הָאסְט אִים גִילִיבְּט אוּנ פוּן דַיין פְרֵייד

פנינים יקרים

גְמְרוֹר, אוּנ בַּיי יִצְחָק אִיז גִוֶועזְ אַקְבֵיינְגְקַיים צוּ זַיין אַקָרְבָּן אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ, נָאר אַז הקב"ה וֶועט זָאגְן צוּ אַבְרָהָם׳ן אַז עֶר אַלֵיין זָאל שֶׁעכְטֶן זַיין זוּן (נָאךְ דִי אַלֶע נִסִּים וָוס הקב"ה הָט גְטָאן צוּ זַיין זוּנ׳ס גְבָּארְן וֶוערְן) דָס אִיז קֵיין מאל

דָאס דוּא הָאסְט זִיךְ מִיט אִים גֶעפְרֵייט הָאסְטוּ גֶערוּפְן זַיין נָאמֶן יִשְׂרָאֵל אוּנ יְשֻׁרוּן: לְפִיכָךְ דְרוּם זַייֶען מִיר שׁוּלְדִיג צוּ דַאנְקְען אוּנ לוֹיבְּן אוּנ הֵיילִיגֶען דַיין נָאמֶען אַשְׁרֵינוּ וואוֹל אוּנְז וִוי גָאר גוּט אִיז אוּנְזֶר חֵלֶק בָּעוֹלָם הַזֶּה אוּנ וִויא זִיס אִיז אוּנְזֶער גוֹרָל לְעוֹלָם הַבָּא, אוּנ וִוי שֵׁיין אִיז אוּנְזֶער יְרוּשָּׁה אַשְׁרֵינוּ וואוֹיל אִיז אוּנְז דָאס מִיר זָאגְן פְרִיה אוּנ אָוֶוענְד צְווֵייא מָאל טֶעגְלִיךְ שְׁמַע יִשְׂרָאֵל:

אַתָּה דוּ גָאט בִּיזְט גִוֶועְן נָאךְ אֵיידֶר דִי וֶועלְט אִיז בֶּעשַׁאפְן גִוָוארְן אַתָּה דוּ בִּיזְט אוֹיךְ גָאט נָאכְדֶעם אַז דוּ הָאסְט דִי וֶועלְט בַּאשַׁאפְן. דוּ בִּיזְט גָאט בְּעוֹלָם הַזֶּה, אוּנ דוּ בִּיזְט גָאט לָעוֹלָם הַבָּא. קַדֵּשׁ הֵיילִיג דַיין נָאמֶן אוֹיף דִי וָוס הֵיילִיגְן דַיין נָאמֶן, אוּנ הֵיילִיג דַיין נָאמֶען אִין דַיין וֶועלְט, אוּנ דוּרְךְ דַיין הִילְף זָאל דֶערְהֵייכְט אוּנ דֶערְהוֹיבְּן וֶוערְן אוּנְזֶער הֶערְשַׁאפְט: בָּרוּךְ גְלוֹיבְּט בִּיזְטוּ גָאט דֶער וָואס הֵיילִיגְט דַיין נָאמֶען צְווִישֶׁען פִיל לַייט:

אַתָּה דוּ בִּיזְט גָאט אוֹיף דֶעם הִימְל אוּנ אוֹיף דֶר עֶרְד אוּנ אִין דִי גַאנְץ הוֹיכֶע אִיבֶּערְשְׁטֶע

אתה הוא ראשון, ואתה הוא אחרון, ומבלעדיך אין אלהים. קבץ קויך, מארבע כנפות הארץ. יכירו וידעו, כל באי עולם, כי אתה הוא האלהים, לכל ממלכות הארץ, אתה עשית, את השמים, ואת הארץ, את הים, ואת כל אשר בם, ומי בכל מעשה ידיך, בעליונים או בתחתונים, שיאמר לך, מה תעשה. אבינו שבשמים, עשה עמנו חסד, בעבור שמך הגדול, שנקרא עלינו, וקים לנו יי אלהינו, מה שכתוב, בעת ההיא, אביא אתכם, ובעת, קבצי אתכם, כי אתן אתכם, לשם ולתהלה, בכל עמי הארץ, בשובי את שבותיכם, לעיניכם, אמר יי:

וידבר יי אל־משה לאמר: ועשית כיור נחשת וכנו נחשת לרחצה ונתת אתו בין־אהל מועד ובין המזבח ונתת שמה מים: ורחצו אהרן ובניו ממנו את־ידיהם ואת־רגליהם: בבאם אל־אהל מועד ירחצו מים ולא ימתו או

פנינים יקרים

מאל ניט געוועז אין די גדאנקען פון אברהם'ן, דריבער איז ער קיין מאל ניט געוועזן צוגיגרייט צו אזו א זאך, פון דעסטוועגן וועז הקב"ה האט אים ביי סין געמיינט זיין זון פאר א קרבן איז ער שוין געוועז גרייט דאס צו טאן מיט גרויס שמחה, די פראבע האט נאר געקענט זיין ביי אברהם'ן און ניט ביי יצחק'ן, און דס איז טאקע געוועזן א פראבע:

בית ישראל

הימלען, עס איז אמת דאס דו ביזט דער ערשטער, און דו ביזט דר לעצטער, און חוץ דיר איז קיין גאט ניטא. קבץ זאמעל איינדי וואס האפן צו דיר פון אלע פיר עקין פון דער וועלט יכירו לאזן אלע לייט פון דר וועלט דרקענען דאס דו גאט ביזט אליין הערשער איבער די קעניגרייכען פון דער ערד, דו האסט באשאפין די הימעל און ערד, דעם ים און אלסדינג וואס אין אים איז, און ווער איז צווישען אלע דיינע באשעפענעס, צווישען די אויבערשטע און די אונטערסטע, וואס ער קען זאגין צו דיר וואס טוסטו. אונזער פאטער דער וואס איז אין הימיל טו מיט אונז חסד פון וועגן דיין גרויסען נאמען וואס ער איז אויף אונז גירופין, וקים זיי אין אונז מקיים דעם פסוק וואס עס שטייט גישריבן אין דר צייט פון דער גאולה וועל איך אייך איינזאמלען, און איך וועל אייך געבין א גוטן שם און לויב צווישען אלע אומות פון דער וועלט אז איך וועל אומקערן אייער גפיינקענס דאס איר וועט דאס מיט אייערע אויגין זעהן, אזוי האט גאט געזאגט:

וידבר גאט האט גירעט צו משה אזו: ועשית דו זאלסט מאכן א קופערנעם האנט פאס און זיין פוס זאל אויך זיין פון קופער צום וואשען זיך, און דו זאלסט געבן דעם האנט פאס צווישען אהל מועד און צווישן דעם מזבח און דו זאלסט דארטן געבן וואסער. און אהרן מיט זיינע קינדער זאלין זיך וואשין פון אים זייערע הענט מיט זייערע פיס מיט אמאל: בבאם אין זייער קומען אין אהל מועד מקטיר קטורת זיין אדר דם שפריינגען זאלן זיי זיך וואשען מיט וואסער וועלן זיי ניט שטארבן אדער אין זייער טאן גינעהנען צום

בְּגִשְׁתָּם אֶל־הַמִּזְבֵּחַ לְשָׁרֵת לְהַקְטִיר אִשֶּׁה לַייָ: וְרָחֲצוּ יְדֵיהֶם וְרַגְלֵיהֶם וְלֹא יָמֻתוּ וְהָיְתָה לָהֶם חָק־עוֹלָם לוֹ וּלְזַרְעוֹ לְדֹרֹתָם:

יְהִי רָצוֹן, מִלְּפָנֶיךָ, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ. שֶׁתְּרַחֵם עָלֵינוּ, וְתִמְחָל לָנוּ, עַל כָּל חַטֹּאתֵינוּ, וּתְכַפֵּר לָנוּ, אֶת כָּל עֲוֹנוֹתֵינוּ, וְתִסְלַח, לְכָל פְּשָׁעֵינוּ, וְשֶׁיִּבָּנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, וְנַקְרִיב לְפָנֶיךָ, קָרְבַּן הַתָּמִיד, שֶׁיְּכַפֵּר בַּעֲדֵנוּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתַבְתָּ עָלֵינוּ, בְּתוֹרָתֶךָ, עַל יְדֵי מֹשֶׁה, עַבְדֶּךָ, מִפִּי כְבוֹדֶךָ, כָּאָמוּר:

וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר: צַו אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם אֶת קָרְבָּנִי לַחְמִי לְאִשַּׁי רֵיחַ נִיחֹחִי תִּשְׁמְרוּ לְהַקְרִיב לִי בְּמוֹעֲדוֹ: וְאָמַרְתָּ לָהֶם זֶה הָאִשֶּׁה אֲשֶׁר תַּקְרִיבוּ לַייָ כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה תְמִימִם שְׁנַיִם לַיּוֹם עֹלָה תָמִיד: אֶת־הַכֶּבֶשׂ אֶחָד תַּעֲשֶׂה בַבֹּקֶר וְאֵת הַכֶּבֶשׂ הַשֵּׁנִי תַּעֲשֶׂה בֵּין הָעַרְבָּיִם: וַעֲשִׂירִית הָאֵיפָה סֹלֶת לְמִנְחָה בְּלוּלָה בְּשֶׁמֶן כָּתִית רְבִיעִת הַהִין: עֹלַת תָּמִיד הָעֲשֻׂיָה בְּהַר סִינַי לְרֵיחַ נִיחֹחַ אִשֶּׁה לַייָ: וְנִסְכּוֹ רְבִיעִת

בית ישראל

מִזְבֵּחַ הַחִיצוֹן, וְוָס עֶס אִיז גִיוֶועֶן פַר דֶעם אֹהֶל מוֹעֵד צוּ בַּדִינֶען צוּ מַקְטִיר זַיין אַפַייעֶר אָפֶּער צוּ גָאט: וְרָחֲצוּ זָאלֶין זֵיי זִיךְ וַואשִׁין זֵייעֶרֶע הֶענְט אוּנ זֵייעֶרֶע פִּיס וְועלִין זֵיי נִיט שְׁטַארְבִּין, אוּנ עֶס זָאל זַיין אֵייבִּיג אַנְגִיזֶעצְט צוּ אִים אוּנ צוּ זַיינֶע קִינְדֶער: יְהִי רָצוֹן עֶס זָאל זַיין דֶער ווילִין פַר דִיר גָאט אוּנְזֶער גָאט אוּנ גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיף אוּנְז מְרַחֵם זַיין אוּנ מוֹחֵל זַיין אִינְזֶערֶע קְלֵיינֶע זִינְד אוּנ דוּ זָאלְסְט אָפְּווִישֶׁען אוּנְזֶערֶע שְׁוֶוערֶע זִינְד אוּנ דוּ זָאלְסְט אוּנְז מוֹחֵל זַיין אוּנ פַרְגֶעבִּין צוּ דִי אַלֶע אוּנְרֶעכְט, אוּנ עֶס זָאל גִיבּוֹיט וֶוערִין דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בַּאלְד אִין אוּנְזֶערֶע טֶעג אוּנ מִיר זָאלִין מַקְרִיב זַיין פַאר דִיר דֶעם קָרְבַּן תָּמִיד, עֶר זָאל פַרְגֶעבִּין אוּנְז, אַזוֹ וִוי דוּ הָאסְט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אִין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועלְכֶע דוּ הָאסְט גִיגֶעבִּין דוּרְךְ דַיין קְנֶעכְט מֹשֶׁה'ן, וִוי מִיר וֶועלִין זָאגִין דִי פַּרְשָׁה פוּן קָרְבַּן תָּמִיד:

לָאֵל, אֲשֶׁר שָׁבַת, מִכָּל הַמַּעֲשִׂים, בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי, הִתְעַלָּה. וְיָשַׁב עַל כִּסֵּא כְבוֹדוֹ, תִּפְאֶרֶת עָטָה, לְיוֹם הַמְּנוּחָה, עֹנֶג קָרָא, לְיוֹם הַשַּׁבָּת: זֶה שֶׁבַח, שֶׁל יוֹם הַשְּׁבִיעִי, שֶׁבּוֹ, שָׁבַת אֵל, מִכָּל מְלַאכְתּוֹ. וְיוֹם הַשְּׁבִיעִי, מְשַׁבֵּחַ וְאוֹמֵר, מִזְמוֹר שִׁיר, לְיוֹם הַשַּׁבָּת, טוֹב לְהוֹדוֹת, לַייָ. לְפִיכָךְ. יְפָאֲרוּ. וִיבָרְכוּ, לָאֵל, כָּל יְצוּרָיו. שֶׁבַח יְקָר וּגְדֻלָּה, יִתְּנוּ לָאֵל מֶלֶךְ יוֹצֵר כֹּל. הַמַּנְחִיל מְנוּחָה, לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל, בִּקְדֻשָּׁתוֹ. בְּיוֹם שַׁבַּת קֹדֶשׁ. שִׁמְךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ, יִתְקַדַּשׁ, וְזִכְרְךָ מַלְכֵּנוּ, יִתְפָּאַר. בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל, וְעַל הָאָרֶץ מִתָּחַת: תִּתְבָּרַךְ מוֹשִׁיעֵנוּ, עַל

שֶׁבַח, מַעֲשֵׂה יָדֶיךָ, וְעַל מְאוֹרֵי אוֹר, שֶׁעָשִׂיתָ, יְפָאֲרוּךָ סֶּלָה:

תִּתְבָּרַךְ צוּרֵנוּ, מַלְכֵּנוּ וְגֹאֲלֵנוּ, בּוֹרֵא קְדוֹשִׁים, יִשְׁתַּבַּח שִׁמְךָ, לָעַד מַלְכֵּנוּ. יוֹצֵר מְשָׁרְתִים וַאֲשֶׁר מְשָׁרְתָיו כֻּלָּם עוֹמְדִים, בְּרוּם עוֹלָם, וּמַשְׁמִיעִים בְּיִרְאָה, יַחַד בְּקוֹל, דִּבְרֵי אֱלֹהִים חַיִּים וּמֶלֶךְ עוֹלָם: כֻּלָּם אֲהוּבִים, כֻּלָּם בְּרוּרִים, כֻּלָּם גִּבּוֹרִים, וְכֻלָּם עֹשִׂים, בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה, רְצוֹן קוֹנָם: וְכֻלָּם פּוֹתְחִים, אֶת פִּיהֶם, בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה, בְּשִׁירָה וּבְזִמְרָה, וּמְבָרְכִים, וּמְשַׁבְּחִים, וּמְפָאֲרִים, וּמַעֲרִיצִים, וּמַקְדִּישִׁים, וּמַמְלִיכִים:

אֶת שֵׁם, הָאֵל, הַמֶּלֶךְ, הַגָּדוֹל, הַגִּבּוֹר, וְהַנּוֹרָא, קָדוֹשׁ הוּא: וְכֻלָּם מְקַבְּלִים עֲלֵיהֶם עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם זֶה מִזֶּה וְנוֹתְנִים רְשׁוּת, זֶה לָזֶה. לְהַקְדִּישׁ לְיוֹצְרָם.

בית ישראל

גלויבט אונ דֶר וָוס אִיז דֶר הויכֶן פון אייבֶּגֶע צייטֶין: אֱלֹהֵי אייבֶּגֶר גָאט דֶר בַּארֶם דיךְ איבֶּר אונז. מִיט דַיין פִיל דֶר בַּארִימְקֵייט אונזֶער שְׁטַארְקֶער הֶער אונזֶער שְׁטַארְקֶער פֶעלְזִין בַּאשִׁיצֶר אונזֶער הִילְף אונ בִּיסְט אֵיין שְׁטַארְקֵייט אַרום אונז: אֵל דֶער גְלויבְּטֶער גָאט דֶער וָואס אִיז גְרויס מִיט ווִיסֶען שַׁאפְט עֶר הָאט אָן גִיגְרֵייט אונ בַּאשַׁאפִין דִי לויטֶערְקֵייט פון דֶער זון גָאט דֶער וָואס אִיז גוט עֶר הָאט בַּאשַׁאפִין אַלֶע בְּרוּאִים פון זַיין כָּבוֹד וֶועגִין לִיכְט הָט עֶר גִיגֶעבִּין אַרום זַיין כִּסֵּא הַכָּבוֹד דִי הֶערִין דָאס זַיינֶען דִי הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים דִי וָוס דֶר הֵייבֶּען דֶעם שְׁטַארְקֶען גָאט זַיי דֶר צֵיילִין תָּמִיד גָאטֶס כָּבוֹד אונ זַיין הֵיילִיקֵייט. תִּתְבָּרַךְ דוּ גָאט אונזֶער גָאט וֶוערְסְט גִילוֹבְּט פון וֶועגִין דִי גִילוֹבְּטֶע וֶוערְק פון דַיינֶע הֶענְט אונ פון וֶועגִין דִי לִיכְטִיקֵייט פון דָאס לִיכְט וָואס דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפֶען דְרוּיף זָאל מֶען דִיךְ אֵייבִּיג בַּאשֵׁיינֶען:

תִּתְבָּרַךְ דוּ זָאלְסְט זַיין גִילוֹיבְּט אונזֶער שְׁטַארְקֶר גָאט אונזֶער מֶלֶךְ אונ אונזֶער דֶרלֵייזֶער דֶר וָוס בַּשַׁאפְט דִי הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים אונזֶער מֶלֶךְ דַיין נָאמֶן זָאל גִילוֹיבְּט זַיין צוּ אֵייבִּיג דֶר וָוס בַּשַׁאפְט בַּאדִינֶר דָס זֶענֶען דִי מַלְאָכִים וָוס וֶוערֶן אַלֶע טָאג נַיי בַּשַׁאפֶן אונ דִי מַלְאָכִים וָוס זַיי זֶענֶען פון אֵייבִּיג אָן בַּשַׁאפֶן גִיוָוארֶן אונ שְׁטֵייעֶן אַלֶע אִין דֶר הויךְ פון דֶרוֶועלְט אונ לָאזֶען הֶערֶן מִיט פָארְכְט מִיט אַנַאנְדֶר אֵיין שְׁטַארְק קוֹל דִי רֵייד פון דֶעם לֶעבֶּעדִיגֶען גָאט אונ דֶעם מֶלֶךְ פון דֶר וֶועלְט: כֻּלָּם זַיי זֶענֶען אַלֶע גֶעלִיבְּט זַיי זֶענֶען אַלֶע דַיין אויס דֶר ווֵיילְטֶע זַיי זֶענֶען אַלֶע שְׁטַארְק אונ אַלֶע טוּעֶן מִיט פָארְכְט אונ מִיט שְׁרֶעקֶן דֶעם ווִילֶן פון זֵייעֶר בַּאשֶׁעפֶר: וְכֻלָּם אונ אַלֶע עֶפֶענֶען זֵייעֶר מויל מִיט הֵיילִיקֵייט אונ מִיט רֵיינִיקֵייט מִיט לוֹיבּ אונ מִיט גִיזַאנְג אונ זַיי לוֹיבֶּן אונ בַּארִימֶן אונ בַּשֵׁיינֶן אונ הֵיילִיגֶן אונ מַאכֶן קִינִיגֶן: אֶת שֵׁם גָאטֶס נָאמֶען וָואס עֶר אִיז אֵיין גְרויסֶר אונ אֵיין

בְּנַחַת רוּחַ, בְּשָׂפָה בְרוּרָה, וּבִנְעִימָה, קְדֻשָּׁה, כֻּלָּם כְּאֶחָד, עוֹנִים וְאוֹמְרִים, בְּיִרְאָה:

קָדוֹשׁ, קָדוֹשׁ, קָדוֹשׁ, יְיָ צְבָאוֹת מְלֹא כָל הָאָרֶץ, כְּבוֹדוֹ:

ע״פ א״ב

וַיּוֹשַׁע אֵל אֱמוּנָה אֻמָּה אַחַת. וַיַּרְא בְּצָרָתָהּ וּמַפְרִיכָהּ יַחַת. אָז גְּאָלָהּ מִפֶּרֶךְ, וְרוּחָהּ נִחַת: וְצַח נוֹצֵחַ נְצָחִים. וְצִחֲצַח צִחְצוּחַ, מְצַחְצְחִים. אָצוּ פוֹצְחִים וּמְנַצְּחִים, לְמָרוֹם וְקָדוֹשׁ: עָזִּי, דָּאָה בְּבָחוּר עַל יָמָּה: יְיָ הַמְפוֹאָר בְּפִי, כָּל הַנְּשָׁמָה. מַרְכְּבוֹת פַּרְעֹה וְחֵילוֹתָיו, שִׁקַּע בִּתְהוֹמָה: תְּהוֹמוֹת, זָחֲלוּ וְחָלוּ מֵאֵימָתֶךָ. יְמִינְךָ חֲיָלָה, בְּכֹחַ הַדְרָתֶךָ. וּבְרוֹב טוּבְךָ, נִהַגְתָּ רַעְיָתֶךָ: וּבְרוּחַ יָהִיר, וְזָעַפְתָּ יַם סוּף. אָמַר כַּבִּיר, לְהֻמָּם בְּשִׁסּוּף. נָשַׁפְתָּ לְמַעֲנִי, בִּימִין חָשׂוּף: מִי כָמֹכָה מִלְּלוּ בְמֶלֶל. נָטִיתָ נֶגְדָּם, פִּגְרָם לְחַלֵּל. נָחִיתָ סְגוּלִים, עֻזְּךָ לְמַלֵּל: שָׁמְעוּ עַמִּים, וּבְרֶתֶת רוֹפְפוּ. אָז פְּלִילֵמוֹ, בְּרַעַד זוֹלְעָפוּ. תִּפּוֹל צְוָחָה עֲלֵיהֶם, וְיַחְדָּו יָסוּפוּ: תְּבִאֵמוֹ, קִרְיַת חָנָה דָוִד. אֵל רָם וְנִשָּׂא, תַּרְבִּיד. יְיָ יִמְלוֹךְ, שֵׁם תִּפְאַרְתֶּךָ, וְשֵׁם עֲדִינָה, תַּאֲבִיד: והחיות וכו׳

בקצת קהלות אומרים אופן זה

יְדוּעֶיךָ שֵׁם, בְּכוֹר גֶשֶׁם. וּבְנִקְיוֹן רַעְיוֹנִים: עֵת פּוּלָּטוּ, וְנִתְמַלָּטוּ. מִכּוּר בַּרְזֶל סוֹנִים: קוֹל נוֹפְפוּ, וְלֹא רוֹפְפוּ. כְּמוֹ אָבוֹת כֵּן בָּנִים: כְּבֵן, יַחַד קוֹל

בית ישראל

שְׁטַארְקֶער אוּנ אַיין שְׁרֶעקְלִיכֶער קֶענִיג עֶר אִיז הֵיילִיג: וְכֻלָּם אוּנ אַלֶע זֶענֶען אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל דֶעם יָאךְ פוּן מַלְכוּת דֶער דָא אִיז אִין הִימֶל אוּנ דֶער עֶלְצְטֶער טוּט גֶעבֶּן רְשׁוּת צוּם קְלֶענְסְטֶן צוּ הֵיילִיגֶן זַייעֶר בַּשֶׁעפֶּער מִיט אַגֶענֶעמְטִיג גִימִיט מִיט אַקְלָאר לָשׁוֹן אוּנ מִיט זִיסְקֵייט אוּנ אַלֶע מִיט אַנַאנְדֶער שְׁרַייעֶן מִיט אַמָאל קְדוּשָּׁה אוּנ זָאגֶען מִיט פָארְכְט: קָדוֹשׁ דֶער גָאט פוּן אַלֶע הֶערְשַׁאפְטֶען אִיז הֵיילִיג דִי גַאנְצֶע עֶרְד אִיז פוּל זַיין כָּבוֹד:

וַיּוֹשַׁע אֵל אֱמוּנָה אַז עֶר הָט גִיהָאלְפֶן דֶער וָוארְהַאפְטִיגֶער גָאט דִי יִשְׂרָאֵל וָוס זַיי זֶענֶען נָאר אַיין אֱמוּנָה דֶערְנָאךְ מָאל הָט עֶר זִי אוּם גִילֵייזְט פוּן שְׁוֶוערֶע אַרְבֵּיט אוּנ זַייעֶר ווִילִין הָט עֶר גֶעמַאכְט רוּעֶן. וְצַח אוּנ גָאט וָוס וֶוערְט אָן גִירוּפִין צַח הָט עֶר זִיךְ גִישְׁטַארְקְט אוֹיף דִי שְׁטַארְקֶע אוּנ הָט גִילַייטֶערְט דִי יִשְׂרָאֵל מִיט לוֹטֶערְקֵייט ווִי דִי מַלְאָכִים. עָזִּי מַיין שְׁטַארְקֶער הָט גִישְׁוֶועבְּט ווִי אַיוּנְגֶער מַאן אוֹיף דֶעם יַם גָאט וָואס אִיז בַּאשֵׁיינְט אִין אִיטְלִיכִינְס מוֹל וָוס הָאט אַנְשָׁמָה דִי בֵּייט וֶועגִין פוּן פַּרְעֹה אוּנ זַיין חַיִל הָט עֶר גִימַאכְט אַיין זִינְקֶען אִין אָפּ גְרוּנְד תְּהוֹמוֹת דִי תְּהוֹמוֹת הָאבִּין גִיצִיטֶערְט פוּן דַיין פָארְכְט דַיין רֶעכְטֶע הַאנְט אִיז וָוארֶען גִישְׁטַארְקְט מִיט כֹּחַ פוּן דַיין שֵׁיינְהֵייט אוּנ מִיט דַיין פִיל גוּטְקֵייט הָאסְטוּ גִיפִירְט דַיינֶע גִיזֶעלִין וּבְרוּחַ אוּנ מִיט דַיין הָאפֶערְדִיג גִימִיט הָאסְטוּ גִימַאכְט צִיטֶערִין דֶעם יַם סוּף דוּ הָאט גִיוַוייעֶט דֶעם יַם צוּ מַאכִין טְרוּקִין פוּן מַיינְט וֶועגֶען מִיט דֶער רֶעכְטֶע הַאנְט אַנְטְפְּלֶעקְט מִי כָמֹכָה וֶוער אִיז אַזוֹ ווִי דוּ הָאבִּין זַיי גִירֶעט דוּ הָאסְט גִינֵייגְט דִי רֶעכְטֶע הַאנְט אַקֶעגִין זַיי זַייעֶרֶע טוֹטֶע לַייבֶּער צוּ פַר שְׁוֶועכִין דוּ הָאסְט גִיפִירְט דִי גִילִיבְטֶע יִשְׂרָאֵל וָוס טוּעֶן דַיין שְׁטַארְקֵייט רֵיידִין שָׁמְעוּ זַיי הָאבִּין גִיהֶערְט אוּנ מִיט צִיטֶערְנֶעשׁ זֶענִין זַיי שְׁלָאף גִיוָוארִין דֶערְנָאךְ מָאל זֶענִין דִי רִיכְטֶער פוּן מִצְרַיִם מִיט צִיטֶערְנֶעשׁ פַר בְּרֶענְט גִיוָוארִין עֶס אִיז גְפַאלִין אַיין גִישְׁרַיי אוֹיף דִי מִצְרַיִם אוּנ זַיי זֶענֶען אִין אַיינֶעם פַר גַאנְגֶען תְּבִיאֵמוֹ דוּ זָאלְסְט בְּרֶענְגֶען דִי יִשְׂרָאֵל אִין דֶער שְׁטָאט וָוס דָוִד הָט גִירוּעֶט אֵל גָאט וָואס אִיז הוֹיךְ אוֹיף גִיהוֹבִין זָאל עֶר זַייא מַאכִין חָשׁוּב ה׳ גָאט עֶס וֶועט קִינִיגִין דַיין גִיאַכְפֶּערְטֶער נָאמֶען:

אחד. כי צור, שוכן מעונים: הוא אלהי האלהים, ואדוני האדונים: עדת ענמים, עבור ענומים, עליהם, מרום הרעים: ושפטם, וחבמם, בעשרה נגעים: וישימם, וישימם, בלב ימים נטבעים: ונצלו, ונגאלו, פליטי המון נושעים: אז שוררו, ואז פארו, בזמרים וברננים: הוא אלהי קבל מרומו. יום ביומו, כן יברכו, שם כבודו: וכשמעם, כן ברעם. מאחורי פרגודו: יסגודון, ויקודון, מחזות שכינת הודו, ומי יחזה, זה או זה, נסתר בעבי ענים: הוא אלהי והחיות, ברום עליות, כם יקרו תשאנה: בכנפיהן, גביהן, וגויותיהן, תכסנה: בקול נושקן, בהחזיקן, בכנפיהם תרימנה: בעת עמדם, במעמדם, כנפיהם תרפנה: גם בלכתם, לעמתם, ילכו האופנים: הוא אלהי בני סגלה, מתחלה, המה ישגבו, במטה: ברום קולם, אדון עולם. אשר אור לבש, ועטה: ואז המולה, ממעלת יעריצוהו במבטא: חבורת אל, כנגד אל, מסדרים, כמו שיטה: אל מפארים, ומהדרים, והם אומרים, וגם עונים, הוא אלהי האלהים, ואדוני האדונים:

והחיות ישוררו, וכרובים יפארו, ושרפים ירונו, ואראלים יברכו, פני כל חיה ואופן וכרוב. לעמת שרפים, לעמתם, משבחים ואומרים:

ברוך, כבוד יי, ממקומו:

לאל ברוך, נעימות יתנו, למלך, אל, חי וקים, זמרות יאמרו, ותשבחות ישמיעו, כי, הוא לבדו, פועל גבורות, עושה חדשות, בעל מלחמות, זורע צדקות, מצמיח ישועות, בורא רפואות, נורא תהלות, אדון הנפלאות. המחדש בטובו, בכל יום, תמיד, מעשה בראשית. כאמור, לעשה, אורים גדולים, כי, לעולם חסדו: אור חדש, על ציון, תאיר, ונזכה כלנו, מהרה לאורו: ברוך, אתה יי, יוצר המאורות:

אהבה רבה אהבתנו, יי אלהינו. חמלה גדולה, ויתרה, חמלת עלינו. אבינו, מלכנו, בעבור אבותינו, שבטחו בך, ותלמדם חקי חיים, כן, תחננו

בית ישראל

והחיות אונ די מלאכים וואס הייסן חיות זינגן. אונ די מלאכים וואס הייסן כרובים ריהמן. אונ די מלאכים וואס הייסען שרפים זינגען. אונ די מלאכים וואס הייסען אראלים די טועין לובן אונ זאגען גילובט איז דר כבוד פון גאט פון זיין ארט:

לאל צו דעם גילובטען גאט גיבן זיי ליבליכע לוב צו דעם מלך וואס ער איז אלעברינגער גאט אונ אשטארקער גאט זאגען זייא לוב גיזאנג אונ לאזען הערין לוב דען ער אליין טוט שטארקייט דורך דער זון אונ באשאפט נייע זאכען דס די לבנה ווערט אלע חודש באנייט ער איז איין בעל מלחמה ער זייעט גירעכטיקייט ער מאכט שפראצן הילף אונ באשאפט רפואות ער איז פארכטיג פון לוב איין הער פון וואונדר דר דא באנייעט מיט זיין גוטס אלע טאג תמיד די ווערקן פון ששת ימי בראשית אז מיר בעטין דיך גאט אז דו זאלסט לייכטן איין נייע ליכט איבר ציון אונ מיר זאלן אלע באלד זוכה זיין צו זיין ליכט. ברוך גילובט ביסטו גאט דר דא באשאפט דיא ליכט:

וּתְלַמְּדֵנוּ: אָבִינוּ, הָאָב הָרַחֲמָן, הַמְרַחֵם, רַחֵם עָלֵינוּ, וְתֵן בְּלִבֵּנוּ, לְהָבִין וּלְהַשְׂכִּיל, לִשְׁמֹעַ, לִלְמוֹד וּלְלַמֵּד, לִשְׁמוֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם, אֶת כָּל, דִּבְרֵי תַלְמוּד תּוֹרָתֶךָ, בְּאַהֲבָה. וְהָאֵר עֵינֵינוּ, בְּתוֹרָתֶךָ. וְדַבֵּק לִבֵּנוּ, בְּמִצְוֹתֶיךָ, וְיַחֵד לְבָבֵנוּ, לְאַהֲבָה וּלְיִרְאָה, שְׁמֶךָ. וְלֹא נֵבוֹשׁ. לְעוֹלָם וָעֶד: כִּי בְשֵׁם קָדְשְׁךָ הַגָּדוֹל, וְהַנּוֹרָא, בָּטָחְנוּ. נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה, בִּישׁוּעָתֶךָ: וַהֲבִיאֵנוּ לְשָׁלוֹם, מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ, וְתוֹלִיכֵנוּ, קוֹמְמִיּוּת לְאַרְצֵנוּ: כִּי, אֵל, פּוֹעֵל יְשׁוּעוֹת אָתָּה, וּבָנוּ בָחַרְתָּ, מִכָּל עַם וְלָשׁוֹן, וְקֵרַבְתָּנוּ, לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל, סֶלָה בֶּאֱמֶת. לְהוֹדוֹת לְךָ, וּלְיַחֶדְךָ, בְּאַהֲבָה: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, הַבּוֹחֵר, בְּעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל, בְּאַהֲבָה:

יחיד אומר אֵל מֶלֶךְ נֶאֱמָן:

שְׁמַע יִשְׂרָאֵל יְהוָה אֱלֹהֵינוּ יְהוָה | אֶחָד:

בלחש בָּרוּךְ, שֵׁם, כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ, לְעוֹלָם וָעֶד:

וְאָהַבְתָּ אֵת יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּכָל־לְבָבְךָ וּבְכָל־נַפְשְׁךָ וּבְכָל־מְאֹדֶךָ: וְהָיוּ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם עַל־לְבָבֶךָ: וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ וְדִבַּרְתָּ בָּם בְּשִׁבְתְּךָ בְּבֵיתֶךָ וּבְלֶכְתְּךָ בַדֶּרֶךְ וּבְשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ: וּקְשַׁרְתָּם לְאוֹת עַל־יָדֶךָ וְהָיוּ לְטֹטָפֹת בֵּין עֵינֶיךָ: וּכְתַבְתָּם עַל־מְזֻזוֹת בֵּיתֶךָ וּבִשְׁעָרֶיךָ:

וְהָיָה אִם־שָׁמֹעַ תִּשְׁמְעוּ אֶל־מִצְוֹתַי אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם לְאַהֲבָה אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם וּלְעָבְדוֹ בְּכָל־

בית ישראל

אַהֲבָה איין גרויסע ליבשאפט האסטו אונז ליב געהאט אונזער גאט איין גרויסע איבריגע דער בארימקייט האסטו זיך איבער אונז דר בארימט אָבִינוּ אונזער פאטער אונזער קעניג פון וועגן אונזערע עלטערן וואס זיי האבען זיך אין דיר פר זיכערט אונ דו האסט זיי געלערנט די חוקים פון דר תורה וואס דורך דעם קומט מען צום אייביגן לעבן אזו זאלסטו אונז אויך ליב האבן אונ זאלסט אונז אויך לערנן. אָבִינוּ אונזער פאטער דר בארמיגער דר בארים זיך איבער אונז אונ גיב אונז אין אונזערע הערצער צו פר שטיין אונ צו קלוגין צו לערנען אונ מיט אנדערע צו לערנען צו היטען אונ צו טאן אונ מקיים צו זיין אלע רייד פון תורה שבכתב אונ תורה שבעל פה מיט ליבשאפט וְהָאֵר אונ דר לייכט אונזערע אויגן אין דיין תורה אונ באהעפט אונזער הארץ אין דיינע מצות אונ איינציג אונזער הארץ ליב צו האבן אונ צו פארכטן זיך פר דיין נאמען אונ מיר זאלען ניט פר שעמט ווערן ביז אייביג כי דען אין דיין היילגע נאמען דעם גרויסן אונ דעם פארכטיגען פר זיכערין מיר זיך מיר לוסטיגען זיך אונ פרייען זיך דורך דיין הילף וַהֲבִיאֵנוּ אונ ברענג אונז פון אלע פיר עקין פון דר ערד אונ פיר אונז אויף ריכטיג צו אונזער לאנד כי דען דו ביסט איין ווערקער פון הילף אונ נאך יציאת מצרים האסטו אין אונז אוס דר וועלט פון אלע אומות אונ שפראכן וְקֵרַבְתָּנוּ אונ דו האסט אונז גינעהנט צו דיין גרויסן נאמען אונ דו האסט אונז אויף דעם בארג סיני די תורה גיגעבן וואס זיא איז אייביג אמת צו דאנקן דיר אונ איינציגן דיך מיט ליבשאפט: ברוך געלובט ביסטו גאט דער דא הט אוס דער וועלט אין זיין פאלק ישראל מיט ליבשאפט:

דאס טייטש פון (קריאת שמע) געפינט מען אין (מעריב):

לְבַבְכֶם וּבְכָל־נַפְשְׁכֶם: וְנָתַתִּי מְטַר־אַרְצְכֶם בְּעִתּוֹ יוֹרֶה
וּמַלְקוֹשׁ וְאָסַפְתָּ דְגָנֶךָ וְתִירשְׁךָ וְיִצְהָרֶךָ: וְנָתַתִּי עֵשֶׂב בְּשָׂדְךָ
לִבְהֶמְתֶּךָ וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ: הִשָּׁמְרוּ לָכֶם פֶּן־יִפְתֶּה לְבַבְכֶם
וְסַרְתֶּם וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם לָהֶם: וְחָרָה
אַף־יְהוָֹה בָּכֶם וְעָצַר אֶת־הַשָּׁמַיִם וְלֹא־יִהְיֶה מָטָר וְהָאֲדָמָה
לֹא תִתֵּן אֶת־יְבוּלָהּ וַאֲבַדְתֶּם מְהֵרָה מֵעַל הָאָרֶץ הַטֹּבָה
אֲשֶׁר יְהוָֹה נֹתֵן לָכֶם: וְשַׂמְתֶּם אֶת־דְּבָרַי אֵלֶּה עַל־לְבַבְכֶם
וְעַל־נַפְשְׁכֶם וּקְשַׁרְתֶּם אֹתָם לְאוֹת עַל־יֶדְכֶם וְהָיוּ לְטוֹטָפֹת
בֵּין עֵינֵיכֶם: וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת־בְּנֵיכֶם לְדַבֵּר בָּם בְּשִׁבְתְּךָ
בְּבֵיתֶךָ וּבְלֶכְתְּךָ בַדֶּרֶךְ וּבְשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ: וּכְתַבְתָּם עַל־
מְזוּזוֹת בֵּיתֶךָ וּבִשְׁעָרֶיךָ:

לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם וִימֵי בְנֵיכֶם עַל הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נִשְׁבַּע יְהוָֹה
לַאֲבֹתֵיכֶם לָתֵת לָהֶם כִּימֵי הַשָּׁמַיִם עַל־הָאָרֶץ:

וַיֹּאמֶר יְהוָֹה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר: דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ
אֲלֵהֶם וְעָשׂוּ לָהֶם צִיצִת עַל־כַּנְפֵי בִגְדֵיהֶם לְדֹרֹתָם
וְנָתְנוּ עַל־צִיצִת הַכָּנָף פְּתִיל תְּכֵלֶת: וְהָיָה לָכֶם לְצִיצִת
וּרְאִיתֶם אֹתוֹ וּזְכַרְתֶּם אֶת־כָּל־מִצְוֹת יְהוָֹה וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם
וְלֹא־תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם אֲשֶׁר־אַתֶּם זֹנִים
אַחֲרֵיהֶם: לְמַעַן תִּזְכְּרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֶת־כָּל־מִצְוֹתָי וִהְיִיתֶם
קְדֹשִׁים לֵאלֹהֵיכֶם: אֲנִי יְהוָֹה אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם
מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לִהְיוֹת לָכֶם לֵאלֹהִים אֲנִי יְהוָֹה אֱלֹהֵיכֶם:

אֱמֶת, וְיַצִּיב, וְנָכוֹן, וְקַיָּם, וְיָשָׁר, וְנֶאֱמָן, וְאָהוּב, וְחָבִיב, וְנֶחְמָד, וְנָעִים,
וְנוֹרָא, וְאַדִּיר, וּמְתֻקָּן, וּמְקֻבָּל, וְטוֹב, וְיָפֶה, הַדָּבָר הַזֶּה עָלֵינוּ,
לְעוֹלָם וָעֶד: אֱמֶת, אֱלֹהֵי עוֹלָם, מַלְכֵּנוּ, צוּר יַעֲקֹב, מָגֵן יִשְׁעֵנוּ. לְדוֹר
וָדוֹר, הוּא קַיָּם, וּשְׁמוֹ קַיָּם, וְכִסְאוֹ נָכוֹן, וּמַלְכוּתוֹ, וֶאֱמוּנָתוֹ, לָעַד
קַיָּמֶת: וּדְבָרָיו חָיִים וְקַיָּמִים, נֶאֱמָנִים, וְנֶחֱמָדִים, לָעַד, וּלְעוֹלְמֵי

בית ישראל

אֱמֶת דָס אִיז אֱמֶת דָס דֶר אֵייבִּיגֶר גָאט אִיז אוּנְזֶר קֵינִיג דֶר שְׁטַארְקֶר פֶעלְזִין פוּן יַעֲקֹב עֶר
אִיז דֶר בַּאשִׁיצֶר אוּנְזֶר הִילְף פוּן אֵיין דוֹר צוּ דֶעם אַנְדֶערֶן עֶר אִיז בַּאשְׁטֶענְדִיג אוּנ זַיין
נָאמֶן אִיז בַּאשְׁטֶענְדִיג אוּנ זַיין שְׁטוּל אִיז אֶן גִבְּרֵייט אוּנ זַיין קֵינִיגְרַייךְ אוּנ זַיין וָוארְהֵייט דִי
הַבְטָחָה וָוס עֶר אִיז מַבְטִיחַ הָאט אֵיין קִיוּם אוֹיף אֵייבִּיג. וּדְבָרָיו אוּנ זַיינֶע רֵייד זֶענֶן לֶעבֶּעדִיג אוּנ

עוֹלָמִים, עַל אֲבוֹתֵינוּ, וְעָלֵינוּ, עַל בָּנֵינוּ, וְעַל דּוֹרוֹתֵינוּ, וְעַל כָּל דּוֹרוֹת, זֶרַע יִשְׂרָאֵל, עֲבָדֶיךָ:

עַל הָרִאשׁוֹנִים, וְעַל הָאַחֲרוֹנִים, דָּבָר טוֹב, וְקַיָּם, לְעוֹלָם וָעֶד. אֱמֶת וֶאֱמוּנָה, חוֹק, וְלֹא יַעֲבוֹר. אֱמֶת, שָׁאַתָּה הוּא, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, מַלְכֵּנוּ, מֶלֶךְ אֲבוֹתֵינוּ, גּוֹאֲלֵנוּ, גּוֹאֵל אֲבוֹתֵינוּ, יוֹצְרֵנוּ, צוּר יְשׁוּעָתֵנוּ, פּוֹדֵנוּ וּמַצִּילֵנוּ, מֵעוֹלָם שְׁמֶךָ, אֵין אֱלֹהִים, זוּלָתֶךָ:

אִי פַּתְרוֹס, בְּעָבְרְךָ רֹאשׁ תַּנִּין, לְהָדֵשׁ. בִּמְלֹאת סִפְקוֹ, שְׁאוֹנוֹ מוֹד בְּגוֹדֶשׁ. בְּאוֹכְלֵי פְּסָחִים נִתְקַדַּשְׁתָּ, בְּשִׁיר לְחַדֵּשׁ. הַשִּׁיר יִהְיֶה לָכֶם, כְּלֵיל חַג הִתְקַדֵּשׁ: גֶּזֶז בְּעִזִּים צִבְאוֹת יִשְׁרֵי אֵל. הִפְלֵאתָ כָּמוֹ צְדָקָה, כְּהַרְרֵי אֵל. דּוֹלְקִימוֹ נִשְׁפַּטְתָּ תְּהוֹם רַבָּה לְהַתְאֵל. אָז יָשִׁיר מֹשֶׁה, וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל: הֵן עַל הַבְּאֵר, שׁוֹרְרוּ בַּעֲלִיזוּת. בְּהַשָּׁקַת הָרִים, אֶת וָהֵב לַחֲזוֹת. וּבְסֵפֶר מִלְחֲמוֹת, רְשׁוּמָה בִּשְׁתֵּי חֲרוּזוֹת. אָז יָשִׁיר יִשְׂרָאֵל, אֶת הַשִּׁירָה הַזֹּאת: זוֹהַר שֶׁמֶשׁ הִדְמִים, דּוֹדִי וּמַאֲמִירִי. וְיָרֵחַ הֶעֱמִיד כְּיוֹם תָּמִים, תְּמוּרִי. חֲקוּקָה בְּסֵפֶר הַיָּשָׁר, שִׁירַת

בית ישראל

באשטענדיג זיי זענען ווארהאפטיג אונ גלויבטיג אויף אייביגע צייטען: עַל אויף אונזערע עלטערען אונ אויף אונז אויף די גבירד וואס וועלען נאך אונז זיין אונ אויף דיא גבירד פון דיא קינדער ישראל דיינע קנעכט:

עַל הָרִאשׁוֹנִים אויף די ערשטע אונ אויף די לעצטע איז דיא תורה גוט אונ באשטעטיגט צו אייביג דיא תורה ומצות זענען אמת אונ געוויס דאס איז איין חוק מיר זאלען זייא מקיים זיין אונ עס זאלען ניט פעלען. עס איז אמת דאס דו ביסט גאט אונזער גאט אונ גאט פון אונזערע עלטערען אונזער קיניג דר קיניג פון אונזערע עלטערן אונזער דער לייזער אונ דר לייזער פון אונזערע עלטערן אונזער באשעפער איין שטארקער פעלזין פון אונזער הילף אונזער אויס לייזער אונ אונזער באשיר[מ]ער דיין נאמען איז פון אייביג עס איז קיין גאט ניט פאר האנדען אן דיר:

אִי פַּתְרוֹס דם אינזעל פון מצרים אז דו האסט איבער גיפארן דעם קאפ פון פרעה צו דרעשען אז עס איז גיווארן פר פולט זיין מאס איז זיין ברומונג גיווארן גימאסטען מיט אוועך מיט די וואס האבען גיגעסען פסחים ביסטו גיווארן גיהייליגט צו באנייען מיט גאייע לוב דרוף זא... דער נביא אז סנחריב וועט איין מפלה האבען וועט איר זינגען שירה אזו ווי איר האט גיזונגען אז די נאכט פון פסח איז גיהייליגט גיווארן גֶזֶז בְּעִזִּים אז זיי זענען איבער גיפארן אין שטארקע וואסער די חיילות וואס זענען רעכט פארטיג צו גאט האסטו גיוואונדערט צו טאן מיט זיי צדקה אזו וויא די שטארקע גרויסע בערג אונ זייערע נאך יאגער האסטו גימשפט זייא זאלען אין תהום אריין פאלען דערנסט מאל הט משה אונ די בני ישראל גיזונגען שירה צו גאט הֵן עַל הַבְּאֵר פר וואר אויף דעם שטיין פון מרים וואס פון אים איז גיגאנגען וואסער האבען זיי גיזונגען מיט פרייד אז זיי האבען זיך ניקושט אונ זיי זענען זיך צו נויף געקומען די בערג עס איז ווארען גיגעבען צו זעהן דעם גרויסען נס אז די בערג זענען צוריק געקומען פון די אמוריים וואס האבען גילויערט אויף די ישראל צו הארגנין זייא אונ אין דעם ספר במדבר איז אן גיצייכינט די שירה מיט גאנצע שורות דערנסט מאל האבען גיזונגען די ישראל די דאזיגע שירה זוהר דם שיינען פון דער זון הט געמאכט שווייגען יהושע מיין פריינט אונ מיין באשיינער וואס לובט מיך אונ די לבנה הט ער געמאכט ...יין אויף

מזמורי, אז ידבר יהושע ליי, ביום תת יי, את האמורי: טפשו
חנף, מלכו ממוקשי עם. ושבו ושחרו אל, וצוה להושיעם. יבין
ונגיד חרושת, למפלה הכניעם. ותשר דבורה, וברק בן אבינועם:
כלל והוקם על, בממלכים להתאשרה, זמירות הנעים, והלך אורח
ישרה. לעת זקנתו, הוסיף שבח, לשוררה! וידבר דוד ליי, את
דברי השירה: מסר האב לבנו, צרכי בנין להזביד. למצוא מקום,
נפשו בנדר העביד. נקרא על שמו, כי במשאו הכביד. מזמור שיר,
חנכת הבית לדוד: שמחות רבו, והוגה, כל מאפל. ביסוד הבית,
נבצר בוחן ועופל. עולות וזבחים לרוב, ושלמים להטפל. אז
אמר שלמה, יי אמר, לשכון בערפל: פגרו שעיר, ועמון ומואב,
חיל מדני. במעלה הציץ, ראות ישועת יי. צורבו למשחית, איש
ברעהו לעיני. נקהלו לעמק ברכה, כי שם, ברכו את יי: קול
שירות תשע, שמענו, במרץ. והעשירית, עוד נשמע מכנף הארץ.
רננו שמים, והריעו, תחתיות ארץ. שירו ליי, שיר חדש, תהלתו

בית ישראל

איין ארט אנאנצן טאג פון מיינט הייגען עס איז אן געשריבען אין ספר יהושע די פסוקים פון דר שירה דענסט מאל הט יהושע גירעט שירה צו גאט אז גאט הט גיגעבען דעם אמורי אין זיין האנט טפשו זיי זענען גיווארן פר נארישט מיט שמייכלן צו דיען געטצן דינסט דרום האבען זיי געמאכט קיניגן פון דעם פאלק כנען וואס זענען געבליבען פר שטרוכילט אין ארץ ישראל אז זיי האבן זיך אום גיקערט אונ האבן גיפארשט גאט הט גאט גישאפט דבורה הנביאה צו העלפן זיי יבין דר האר פון חרושת הט ער געמאכט אונטער טעניג צו מאכן זיי פאלן אין דר האנט פון ישראל האט דבורה אונ ברק בן אבינועם געזונגען שירה כולל דוד איז גיקריינט אונ איף גישטעלט גיווארן צווישן די מלאכים צו שטארקן לוב הט ער געמאכט זים אונ איז געגאנגען אין רעכט פארטיגן וועג לעת אין דר צייט פון זיין עלטר הט ער געמערט אלויב צו זינגן אונ דוד הט גירעט צו גאט די רייד פון דר שירה מסר דר פאטר דוד הט איבר גיענטפערט צו זיין זון שלמה די באדרפעניש פון דעם בנין בית המקדש צו באהעפטן. צו גיפינען איין ארט דארטן צו בויען דם בית המקדש הט ער זיין לייב מיט איין נדר באשווארן עס איז גיווארן אן גערופן אוף זיין נאמן ווארום מיט זיין פיל גאב וואס ער הט גיגעבען אוף דעם בנין בית המקדש האט ער געמאכט כבוד צו גאט דרום שטייט נישריבען איין לוב גיזאנג פון דעם חנוכת הבית צו דוד שמחות פרייד איז גיווארן גימערט אונ עס איז גיווארן ליכטיג אלע פינצטערניש אז מען הט גיגרונד דאס בית המקדש איז עס גיווען אפעסטונג אונ אפארזיכערונג צו די ישראל זייא האבן גיבראכט קרבנות צו באהעפטין דענסט מאל הט שלמה גיזאגט גאט הט גיזאגט צו רוען אין נעביל וואס איז גיווארן אין בית המקדש פגרו זיי זענען ווארען גיטייט עמון אונ מואב מיינע קריגר אין דעם ארט וואס הייסט מעלה הציץ איז ווארען אן גיזעהן די הילף פון גאט זיי זענען גיווארן ווי איין בראנד צו פר דארבן זיך איינר מיט זיין גיזעלען פר מיינע אויגען דענסט מאל האבן זיך די ישראל איין גיזאמעלט צום טאל עמק ברכה ווארום דארטן האבן זיי גילובט גאט קול שירות איין קול פון ניין שירות האבן מיר גיהערט מיט זיסקייט אונ די צעהענטע שירה אז משיח וועט קומן וועלן מיר נאך הערן פון די עק ערד זיי טוען זינגען די הימלן אונ עס שאלט דם אונטערשטע פון דר ערד דרויף זאגט דר פסוק זינגט צו גאט איין גייע גיזאנג איין לוב איז

מִקְצֵה הָאָֽרֶץ: שִׁירוֹת אֵלֶּה, לְשׁוֹן שִׁירָה מְיוּסָּדִים. כִּי תְּשׁוּעָתָם כַּיּוֹלֵדָה, לָבוֹא צָרוֹת וּמִסְפָּדִים. תּֽוֹקֶף שִׁיר אַחֲרוֹן, כִּזְכָרִים לֹא יוֹלְדִים. שִׁירוּ לַיְיָ, שִׁיר חָדָשׁ, תְּהִלָּתוֹ, בִּקְהַל חֲסִידִים: חוֹן שִׁעְבּוּד גָּלֻיּוֹת עִקָּר, וְנִסִּים מְרוּבִּים. בִּרְאוֹת מַפַּלְתָּם, יִשְׂמְחוּ, אִיִּים רַבִּים. יְצִיאַת חָנֵּם, קְרוֹא בְּטֶפֶל נֶאֱהָבִים. חֲזֵק קְדֻשָּׁתֶֽךָ, כְּעַל זֹאת, שִׁבְּחוּ אֲהוּבִים:

עֶזְרַת אֲבוֹתֵֽינוּ, אַתָּה הוּא מֵעוֹלָם, מָגֵן וּמוֹשִֽׁיעַ, לִבְנֵיהֶם אַחֲרֵיהֶם, בְּכָל דּוֹר וָדוֹר. בְּרוּם עוֹלָם, מוֹשָׁבֶֽךָ, וּמִשְׁפָּטֶֽיךָ וְצִדְקָתְךָ, עַד אַפְסֵי אָֽרֶץ: אַשְׁרֵי אִישׁ, שֶׁיִּשְׁמַע לְמִצְוֹתֶֽיךָ, וְתוֹרָתְךָ וּדְבָרְךָ, יָשִׂים, עַל לִבּוֹ: אֱמֶת, אַתָּה הוּא, אָדוֹן, לְעַמֶּֽךָ, וּמֶֽלֶךְ גִּבּוֹר, לָרִיב רִיבָם: אֱמֶת, אַתָּה הוּא, רִאשׁוֹן, וְאַתָּה הוּא, אַחֲרוֹן, וּמִבַּלְעָדֶֽיךָ, אֵין לָֽנוּ, מֶֽלֶךְ, גּוֹאֵל וּמוֹשִֽׁיעַ: מִמִּצְרַֽיִם גְּאַלְתָּֽנוּ, יְיָ אֱלֹהֵֽינוּ, וּמִבֵּית עֲבָדִים, פְּדִיתָֽנוּ. כָּל בְּכוֹרֵיהֶם, הָרָֽגְתָּ, וּבְכוֹרְךָ גָּאָֽלְתָּ. וְיַם סוּף, בָּקַֽעְתָּ, וְזֵדִים, טִבַּֽעְתָּ, וִידִידִים, הֶעֱבַֽרְתָּ, וַיְכַסּוּ מַֽיִם, צָרֵיהֶם, אֶחָד מֵהֶם, לֹא נוֹתָר: עַל זֹאת, שִׁבְּחוּ אֲהוּבִים, וְרוֹמְמוּ אֵל, וְנָתְנוּ יְדִידִים, זְמִירוֹת, שִׁירוֹת, וְתִשְׁבָּחוֹת, בְּרָכוֹת, וְהוֹדָאוֹת, לַמֶּֽלֶךְ, אֵל חַי, וְקַיָּם: רָם וְנִשָּׂא, גָּדוֹל וְנוֹרָא, מַשְׁפִּיל גֵּאִים, וּמַגְבִּֽיהַּ שְׁפָלִים, מוֹצִיא אֲסִירִים, וּפוֹדֶה עֲנָוִים, וְעוֹזֵר דַּלִּים. וְעוֹנֶה,

---

בית ישראל

פון עֶק וֶועלְט שִׁירוֹת דִי דָאזִיגֶע שִׁירוֹת שְׁטֵייט בַּיי זֵיי לָשׁוֹן שִׁירָה דָאס אִיז לָשׁוֹן נְקֵבָה וָוארוּם זֵייעֶר הִילְף אִיז גִיוֶוען וִוי אֵיין גִיוִויגֶערִין וָוס זִיא הָט גִיהַאט ווִידֶר אַנְגְסְטֶן צָרוֹת אוּנ קְלָאג עֶס אִיז שְׁטַארְקֶער דֶר שִׁיר וָוס וֶועט זַיין צוּם הִינְטֶערְשְׁטֶן אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אַזוֹי וִוי זְכָרִים וָואס גִיוִויגֶען נִיט זִינְגְט צוּ גָאט אֵיין נַייעֶם שִׁיר זַיין לוֹב אִיז אִין אַיין זַאמְלוּנְג פוּן חֲסִידִים עִיקָר דֶער עִיקָר נֵס אִיז גִיוֶוען אוּנ פִיל נִסִּים דִי יְצִיאַת מִצְרַיִם וֶועט מֶען צוּ צַייט אוֹךְ דֶער מָאנֶען צוּ לוֹבֶּן מִיט זֵיי גָאט חַזֵּק שְׁטַארְק דַיין קְדוּשָּׁה אוּנ מִיר וֵועלֶן דִיךְ לוֹבֶּן אַזוֹ וִויא אוֹיף דֶעם וָואס דִי גִילִיבְּטֶע הָאבֶּן דִיךְ גִילוֹיבְּט:

עֶזְרַת אֲבוֹתֵינוּ דִי הִילְף פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן בִּיסְטוּ גָאט פוּן אֵייבִּיג אָן. אֵיין בַּאשִׁיצֶר אוּנ אֵיין הֶעלְפֶר בִּיסְטוּ צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וָוס וֶועלֶן זַיין נָאךְ זֵייא אִין אַלֶע דוֹרוֹת: בְּרוּם חָאטְשֶׁע דַיין וִוינוּנְג אִיז אִין דֶער הֵייךְ פוּן דֶער וֶועלְט בִּיסְטוּ דָאךְ מַשְׁגִּיחַ אוֹף דֶער וֶועלְט אוּנ דַיין מִשְׁפָּט אוּנ דַיין צְדָקָה אִיז בִּיז אִין דִי עֶקֶען פוּן דֶער עֶרְד: אַשְׁרֵי וואוֹל דֶעם מֶענְטְשֶׁן דֶער דָא הֶערְט צוּא דַיינֶע מִצְוֹת אוּנ טוּט אוֹף זַיין הַארְצֶן דַיין תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב אוּנ תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה: אֱמֶת עֶס אִיז אֱמֶת דָאס דוּ בִּיסְט אֵיין הַאֵרְר צוּ דַיין פָאלְק אוּנ בִּיסְט אֵיין שְׁטַארְקֶער קֵינִיג צוּא קְרִיגִין פַר זֵיי זֵייעֶרֶע קְרִיג דָאס אִיז אֱמֶת דָאס דוּא גָאט בִּיסְט דֶר עֶרְשְׁטֶער אוּנ דֶר לֶעצְטֶער אוּנ חוּץ דִיר הָאבֶּן מִיר נִיט קֵיין גָאט קֵיין וֶועלְט קֵינִיג דֶער וָואס דֶער לֵייזְט אוּנ הֶעלְפְט אוּנְז: מִמִּצְרַיִם גָאט אוּנְזֶר גָאט דוּא הָאסְט אוּנְז פוּן מִצְרַיִם דֶר לֵייזְט פוּן דֶעם הוֹיז וָוס מִיר זֶענֶען גִיוֶוען קְנֶעכְט: כָּל אַלֶע זֵייעֶרֶע בְּכוֹרִים הָאסְטוּ דֶער שְׁלָאגֶען אוּנ דִיא יִשְׂרָאֵל וָואס דוּא הָאסְט גֶערוּפֶען בְּנִי בְּכוֹרִי יִשְׂרָאֵל הָאסְטוּ דֶער לֵייזְט אוּנ דֶעם יַם סוּף הָאסְטוּ גֶעשְׁפָּאלְטֶען אוּנ דִיא מִצְרַיִם הָאסְטוּ גֶעמַאכְט פַאר זִינְקֶען אוּנ דִיא גֶעלִיבְּטֶע יִשְׂרָאֵל הָאסְטוּ גִיפִירְט אִיבֶּר דֶעם יַם אוּנ דִי וַואסֶר הָאבֶּן בַּאדֵייקְט זֵייעֶרֶע שׂוֹנְאִים דָם אֵייגֶר פוּן זֵיי אִיז נִיט אִיבֶּר גֶעבְּלִיבֶּן: עַל דְרוּיף הָאבֶּן דִיא גֶעלִיבְּטֶע יִשְׂרָאֵל גָאט גֶעלוֹיבְּט. אוּנ הָאבֶּן גִיגֶעבֶּן לוֹיב גִיזַאנְג. גִיזַאנְג אוּנ בַּארִימוּנְג בֶּענְטְשׁוּנְג אוּנ דַאנְקוּנְג

לְעַמּוֹ, בְּעֵת, שַׁוְּעָם אֵלָיו: תְּהִלּוֹת לְאֵל עֶלְיוֹן, בָּרוּךְ הוּא וּמְבֹרָךְ. מֹשֶׁה, וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל, לְךָ עָנוּ שִׁירָה, בְּשִׂמְחָה רַבָּה, וְאָמְרוּ כֻלָּם:

מִי כָמֹכָה בָּאֵלִים, יְיָ, מִי כָּמֹכָה, נֶאְדָּר בַּקֹּדֶשׁ, נוֹרָא תְהִלֹּת, עֹשֵׂה פֶלֶא:

שִׁירָה חֲדָשָׁה, שִׁבְּחוּ גְאוּלִים, לְשִׁמְךָ. עַל שְׂפַת הַיָּם, יַחַד כֻּלָּם, הוֹדוּ, וְהִמְלִיכוּ, וְאָמְרוּ: יְיָ יִמְלֹךְ, לְעוֹלָם וָעֶד:

צוּר יִשְׂרָאֵל, קוּמָה, בְּעֶזְרַת יִשְׂרָאֵל, וּפְדֵה כִנְאֻמֶךָ, יְהוּדָה וְיִשְׂרָאֵל: גֹּאֲלֵנוּ, יְיָ צְבָאוֹת, שְׁמוֹ, קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל:

חתום יהודה הלוי:

יוֹם לְיַבָּשָׁה, נֶהֶפְכוּ מְצוּלִים. שִׁירָה חֲדָשָׁה, שִׁבְּחוּ גְאוּלִים: הִטְבַּעְתָּ בְּתַרְמִית. רַגְלֵי בַת עֲנָמִית. וּפַעֲמֵי שׁוּלַמִּית. יָפוּ בַנְּעָלִים: שירה וְכָל רוֹאֵי יְשֻׁרוּן. בְּבֵית הוֹדִי, יְשׁוֹרְרוּן. אֵין כָּאֵל יְשֻׁרוּן. וְאוֹיְבֵינוּ. פְּלִילִים: שירה דְּגָלֵי כֵן תָּרִים. עַל הַנִּשְׁאָרִים. וּתְלַקֵּט נְפוּרִים. כִּמְלַקֵּט שִׁבֳּלִים: שירה הַבָּאִים עִמְּךָ. בִּבְרִית חוֹתָמְךָ. וּמִבֶּטֶן

בית ישראל

צו דעם מלך וואס ער איז אלעבעדיגער אונ אשטאנדהאפטיגער גאט: רם ער איז הויך אונ דר הויבן גרוס אינ פארכטיג ער מאכט נידעריג די האפערדיגע אונ דר הייבט די נידעריגע ער ציהט אום די געפאנגענע אונ ער דר לייזט די דעמוטיגע אונ ער העלפט די ארעמע אונ ער ענטפערט צו זיין פאלק אין דר צייט ווען זיי שרייען צו אים מיט תפלה: תהלות די לוב איז שיין צו גאט גלובט איז ער אונ ווערט גלובט. משה אונ די קינדר ישראל האבן מיט אהויך קול געזונגען מיט גרוים פרייד אונ האבן אלע געזאגט: מי גאט ווער איז צו דיר גלייך צווישן די שטארקע ווער איז צו דיר גלייך באשיינט מיט היילקייט דר וואס איז פארכטיג מיט לוב דר וואס טוט וואונדר:

שירה איין נייא געזאנג האבען די דער לייזטע ישראל געלויבט צו דיין נאמען אויף דעם בארטען פון ים אלע מיט אנאנדער האבען געדאנקט אונ האבען געמאכט קיניגן אונ האבען געזאגט גאט זאל קיניגען אין דער אייביקייט:

צור דר שטארקר גאט פון ישראל שטייא אויף פון וועגן די הילף פון ישראל אונ דר לייז יהודה אונ ישראל אזו ווי דו האסט געזאגט דורך דיינע נביאים: גואלנו אונזר דער לייזער גאט פון אלע מלאכים אונ פון אלע בשעפעניש איז זיין נאמן דר היילגער גאט פון ישראל.

יום ליבשה דר טאג וואס צו טריקעניש זענין פר קערט געווארען די טיפע וואסער האבען די אויס גילייזטע ישראל גילובט איין נייעם לוב הטבעת דו האסט דר טרונקן מיט זייער פאלשקייט פון מצרים די פיס פון די מצרים אונ די טריט פון ישראל וואס ווערען אן גערופען שולמית ווייל זיי זענען גאנץ מיט גאט זענין שיין זייער טריט וכל רואי אונ ווער עס וועט זעהן די ישראל אין מיין שיין הויז אין בית המקדש וועלן זיי זינגען אונ לויבען עס איז ניט דא אזו ווי דער גאט פון ישראל דגלי מיין פאן זאלסטו אויף הייבען אויף די איבעריגע אונ זאלסט צו נויף קלויבען די פר שפרייטע אזו ווי מען קלויבט צו שפרייטע זאנגען הבאים די וואס קומען צו דיר מיט חותם ברית אונ

לְשִׁמְךָ. הֵמָּה נִמּוֹלִים: שירה הַרְאֵה אוֹתוֹתָם. לְכָל רוֹאֵי אוֹתָם. וְעַל כַּנְפֵי כְסוּתָם. יַעֲשׂוּ גְדִילִים: שירה לְמִי זֹאת נִרְשֶׁמֶת. הַכֵּר נָא דְּבַר אֱמֶת. לְמִי הַחוֹתֶמֶת, וּלְמִי הַפְּתִילִים: שירה וְשׁוּב שֵׁנִית לְקַדְּשָׁהּ. וְאַל תּוֹסִיף לְגָרְשָׁהּ. וְהַעֲלֵה אוֹר שִׁמְשָׁהּ. וְנָסוּ הַצְּלָלִים: שירה יְדִידִים רוֹמְמוּךָ. בְּשִׁירָה קִדְּמוּךָ. מִי כָמֹכָה יְיָ, בָּאֵלִים. שִׁירָה חֲדָשָׁה, שִׁבְּחוּ גְאוּלִים:

בִּגְלַל אָבוֹת תּוֹשִׁיעַ בָּנִים. וְתָבִיא גְאֻלָּה לִבְנֵי בְנֵיהֶם: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ. גָּאַל יִשְׂרָאֵל:

אֲדֹנָי, שְׂפָתַי תִּפְתָּח, וּפִי, יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ:

בָּרוּךְ, אַתָּה, יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, אֱלֹהֵי אַבְרָהָם, אֱלֹהֵי יִצְחָק, וֵאלֹהֵי יַעֲקֹב, הָאֵל, הַגָּדוֹל, הַגִּבּוֹר, וְהַנּוֹרָא. אֵל עֶלְיוֹן, גּוֹמֵל, חֲסָדִים טוֹבִים, וְקוֹנֵה הַכֹּל, וְזוֹכֵר, חַסְדֵי אָבוֹת, וּמֵבִיא גוֹאֵל, לִבְנֵי בְנֵיהֶם, לְמַעַן שְׁמוֹ, בְּאַהֲבָה:

מֶלֶךְ, עוֹזֵר, וּמוֹשִׁיעַ, וּמָגֵן: בָּרוּךְ, אַתָּה, יְיָ, מָגֵן אַבְרָהָם:

אַתָּה גִּבּוֹר, לְעוֹלָם, אֲדֹנָי, מְחַיֵּה מֵתִים, אַתָּה, רַב לְהוֹשִׁיעַ:

מְכַלְכֵּל חַיִּים, בְּחֶסֶד, מְחַיֵּה מֵתִים, בְּרַחֲמִים רַבִּים, סוֹמֵךְ נוֹפְלִים, וְרוֹפֵא חוֹלִים, וּמַתִּיר אֲסוּרִים, וּמְקַיֵּם אֱמוּנָתוֹ, לִישֵׁנֵי עָפָר: מִי כָמוֹךָ, בַּעַל גְּבוּרוֹת, וּמִי, דּוֹמֶה לָּךְ, מֶלֶךְ, מֵמִית, וּמְחַיֶּה, וּמַצְמִיחַ יְשׁוּעָה:

וְנֶאֱמָן אַתָּה, לְהַחֲיוֹת מֵתִים: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, מְחַיֵּה הַמֵּתִים:

בית ישראל.

פון דעם בוך אַז זיי וועררין גיבּאָרן צו דיין נאָמען וועררן זיי באַשניטען הַרְאֵה מאַך וויזן זייער אוֹת צו אַלע וָוס וועלן זיי זעהן אונ אויף זייער עק קלייד וועלן זיי מאַכן ציצית לְמִי זאת צו וועמן איז דָס גיצייכינט גיוואָרן דר קען די רייד וָוס זענין אֱמֶת צו וועמן גיהער דער חותם ברית אונ צו וועמן גיהער די פּעדים פון ציצית וְשׁוּב אונ קער דיך אום נאָך אַמאָל צו היילינן די כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל אונ זאָלסט ניט מערין צו פּאַר טרייבען זיי אונ מאַך אויף ברענגן די ליכט פון איר זון אונ עס וועט ווערן אַוועק גערוקט די שאָטענס יְדִידִים די גיליבטע יִשְׂרָאֵל האָבען דיך גילובט מיט הוכע שירות מיט לוב האָבען זייא דיך גיפּעדערט וועד איז אַזוי ווי דו גאָט אין אַלע גיוועלטיקייט: בִּגְלַל אָבוֹת פון וועגען דעם זכות אָבוֹת זאָלסטו העלפען זייערע קינדער אונ זאָלסט אויס לייזען זייערע קינדעס קינדער: גילובט ביסטו גאָט דער דא הָט דר לייזט די יִשְׂרָאֵל:

דאָס פּייטש פון שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה גיפינט מען בייא מַעֲרִיב:

אַתָּה קָדוֹשׁ, וְשִׁמְךָ קָדוֹשׁ, וּקְדוֹשִׁים, בְּכָל יוֹם, יְהַלְלוּךָ סֶּלָה: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, הָאֵל הַקָּדוֹשׁ:

אַתָּה בְחַרְתָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים. אָהַבְתָּ אוֹתָנוּ, וְרָצִיתָ בָּנוּ. וְרוֹמַמְתָּנוּ, מִכָּל הַלְּשׁוֹנוֹת, וְקִדַּשְׁתָּנוּ, בְּמִצְוֹתֶיךָ, וְקֵרַבְתָּנוּ מַלְכֵּנוּ לַעֲבוֹדָתֶךָ, וְשִׁמְךָ, הַגָּדוֹל, וְהַקָּדוֹשׁ, עָלֵינוּ קָרָאתָ:

וַתִּתֶּן לָנוּ, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, בְּאַהֲבָה, (לשבת שַׁבָּתוֹת לִמְנוּחָה וּ) מוֹעֲדִים לְשִׂמְחָה, חַגִּים וּזְמַנִּים לְשָׂשׂוֹן, אֶת יוֹם (הַשַּׁבָּת הַזֶּה וְאֶת יוֹם) חַג הַמַּצּוֹת הַזֶּה. זְמַן חֵרוּתֵנוּ. (בְּאַהֲבָה) מִקְרָא קֹדֶשׁ זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם:

אֱלֹהֵינוּ, וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, יַעֲלֶה, וְיָבֹא, וְיַגִּיעַ, וְיֵרָאֶה, וְיֵרָצֶה, וְיִשָּׁמַע, וְיִפָּקֵד, וְיִזָּכֵר, זִכְרוֹנֵנוּ, וּפִקְדוֹנֵנוּ. וְזִכְרוֹן אֲבוֹתֵינוּ. וְזִכְרוֹן, מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד, עַבְדֶּךָ, וְזִכְרוֹן, יְרוּשָׁלַיִם, עִיר קָדְשֶׁךָ, וְזִכְרוֹן, כָּל עַמְּךָ, בֵּית יִשְׂרָאֵל, לְפָנֶיךָ, לִפְלֵיטָה, לְטוֹבָה, לְחֵן, וּלְחֶסֶד, וּלְרַחֲמִים, לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם, בְּיוֹם חַג הַמַּצּוֹת הַזֶּה. זָכְרֵנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ בּוֹ לְטוֹבָה. וּפָקְדֵנוּ בוֹ לִבְרָכָה. וְהוֹשִׁיעֵנוּ בוֹ לְחַיִּים: וּבִדְבַר יְשׁוּעָה, וְרַחֲמִים, חוּס וְחָנֵּנוּ. וְרַחֵם עָלֵינוּ, וְהוֹשִׁיעֵנוּ. כִּי אֵלֶיךָ, עֵינֵינוּ. כִּי, אֵל, מֶלֶךְ, חַנּוּן וְרַחוּם, אָתָּה:

וְהַשִּׂיאֵנוּ, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, אֶת בִּרְכַּת מוֹעֲדֶיךָ, לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם. לְשִׂמְחָה וּלְשָׂשׂוֹן, כַּאֲשֶׁר רָצִיתָ, וְאָמַרְתָּ לְבָרְכֵנוּ. (לשבת אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ. רְצֵה בִמְנוּחָתֵנוּ) קַדְּשֵׁנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ, וְתֵן חֶלְקֵנוּ בְּתוֹרָתֶךָ, שַׂבְּעֵנוּ מִטּוּבֶךָ, וְשַׂמְּחֵנוּ בִּישׁוּעָתֶךָ, וְטַהֵר לִבֵּנוּ. לְעָבְדְּךָ בֶּאֱמֶת, וְהַנְחִילֵנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ (בְּאַהֲבָה וּבְרָצוֹן) בְּשִׂמְחָה וּבְשָׂשׂוֹן, (שַׁבָּת וּ) מוֹעֲדֵי קָדְשֶׁךָ, וְיִשְׂמְחוּ בְךָ יִשְׂרָאֵל מְקַדְּשֵׁי שְׁמֶךָ: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, מְקַדֵּשׁ (הַשַּׁבָּת וְ) יִשְׂרָאֵל וְהַזְּמַנִּים:

רְצֵה יְיָ אֱלֹהֵינוּ, בְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל, וּבִתְפִלָּתָם. וְהָשֵׁב אֶת הָעֲבוֹדָה, לִדְבִיר בֵּיתֶךָ, וְאִשֵּׁי יִשְׂרָאֵל. וּתְפִלָּתָם, בְּאַהֲבָה תְקַבֵּל בְּרָצוֹן, וּתְהִי לְרָצוֹן תָּמִיד, עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ:

וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ, בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן, בְּרַחֲמִים: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, הַמַּחֲזִיר שְׁכִינָתוֹ לְצִיּוֹן:

מוֹדִים אֲנַחְנוּ לָךְ, שָׁאַתָּה הוּא, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, לְעוֹלָם וָעֶד, צוּר חַיֵּינוּ, מָגֵן יִשְׁעֵנוּ, אַתָּה הוּא, לְדוֹר וָדוֹר, נוֹדֶה לְּךָ וּנְסַפֵּר תְּהִלָּתֶךָ, עַל חַיֵּינוּ הַמְּסוּרִים בְּיָדֶךָ, וְעַל נִשְׁמוֹתֵינוּ הַפְּקוּדוֹת לָךְ, וְעַל נִסֶּיךָ שֶׁבְּכָל יוֹם עִמָּנוּ, וְעַל נִפְלְאוֹתֶיךָ וְטוֹבוֹתֶיךָ, שֶׁבְּכָל עֵת, עֶרֶב וָבֹקֶר וְצָהֳרָיִם, הַטּוֹב כִּי לֹא כָלוּ רַחֲמֶיךָ, וְהַמְרַחֵם כִּי לֹא תַמּוּ חֲסָדֶיךָ, מֵעוֹלָם קִוִּינוּ לָךְ:

וְעַל כֻּלָּם, יִתְבָּרַךְ, וְיִתְרוֹמַם, שִׁמְךָ, מַלְכֵּנוּ, תָּמִיד, לְעוֹלָם וָעֶד:

וְכֹל הַחַיִּים, יוֹדוּךָ סֶּלָה, וִיהַלְלוּ אֶת שִׁמְךָ, בֶּאֱמֶת, הָאֵל יְשׁוּעָתֵנוּ, וְעֶזְרָתֵנוּ, סֶלָה: בָּרוּךְ, אַתָּה, יְיָ, הַטּוֹב שִׁמְךָ, וּלְךָ, נָאֶה לְהוֹדוֹת:

שִׂים שָׁלוֹם, טוֹבָה וּבְרָכָה, חֵן וָחֶסֶד, וְרַחֲמִים עָלֵינוּ, וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ. בָּרְכֵנוּ אָבִינוּ, כֻּלָּנוּ כְּאֶחָד, בְּאוֹר פָּנֶיךָ, כִּי בְאוֹר פָּנֶיךָ נָתַתָּ לָּנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ, תּוֹרַת חַיִּים וְאַהֲבַת חֶסֶד, וּצְדָקָה וּבְרָכָה וְרַחֲמִים וְחַיִּים וְשָׁלוֹם. וְטוֹב בְּעֵינֶיךָ, לְבָרֵךְ אֶת עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל, בְּכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה, בִּשְׁלוֹמֶךָ:

בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, הַמְבָרֵךְ, אֶת עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל, בַּשָּׁלוֹם:

אֱלֹהַי, נְצוֹר לְשׁוֹנִי מֵרָע, וּשְׂפָתַי, מִדַּבֵּר מִרְמָה, וְלִמְקַלְלַי, נַפְשִׁי תִדּוֹם, וְנַפְשִׁי, כֶּעָפָר לַכֹּל תִּהְיֶה. פְּתַח לִבִּי, בְּתוֹרָתֶךָ, וּבְמִצְוֹתֶיךָ, תִּרְדּוֹף נַפְשִׁי. וְכֹל הַחוֹשְׁבִים עָלַי רָעָה, מְהֵרָה, הָפֵר עֲצָתָם, וְקַלְקֵל מַחֲשַׁבְתָּם: עֲשֵׂה, לְמַעַן שְׁמֶךָ. עֲשֵׂה, לְמַעַן יְמִינֶךָ. עֲשֵׂה, לְמַעַן קְדֻשָּׁתֶךָ. עֲשֵׂה, לְמַעַן תּוֹרָתֶךָ. לְמַעַן יֵחָלְצוּן, יְדִידֶיךָ, הוֹשִׁיעָה יְמִינְךָ, וַעֲנֵנִי: יִהְיוּ לְרָצוֹן, אִמְרֵי פִי, וְהֶגְיוֹן לִבִּי, לְפָנֶיךָ, יְיָ, צוּרִי וְגוֹאֲלִי: עֹשֶׂה שָׁלוֹם, בִּמְרוֹמָיו, הוּא יַעֲשֶׂה שָׁלוֹם, עָלֵינוּ, וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל, וְאִמְרוּ אָמֵן:

יְהִי רָצוֹן, מִלְּפָנֶיךָ, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, שֶׁיִּבָּנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, וְתֵן חֶלְקֵנוּ, בְּתוֹרָתֶךָ: וְשָׁם נַעֲבָדְךָ, בְּיִרְאָה, כִּימֵי עוֹלָם, וּכְשָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת: וְעָרְבָה לַיְיָ, מִנְחַת יְהוּדָה וִירוּשָׁלָיִם, כִּימֵי עוֹלָם, וּכְשָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת:

תפלה לשליח ציבור בקול

אֲדֹנָי, שְׂפָתַי תִּפְתָּח, וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ, וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, אֱלֹהֵי אַבְרָהָם, אֱלֹהֵי יִצְחָק, וֵאלֹהֵי יַעֲקֹב, הָאֵל, הַגָּדוֹל, הַגִּבּוֹר, וְהַנּוֹרָא. אֵל עֶלְיוֹן, גּוֹמֵל. חֲסָדִים טוֹבִים, וְקוֹנֵה הַכֹּל, וְזוֹכֵר, חַסְדֵי אָבוֹת, וּמֵבִיא גוֹאֵל, לִבְנֵי בְנֵיהֶם, לְמַעַן שְׁמוֹ, בְּאַהֲבָה:

מֶלֶךְ עוֹזֵר, וּמוֹשִׁיעַ וּמָגֵן:

מִסּוֹד חֲכָמִים, וּנְבוֹנִים, וּמִלֶּמֶד דַּעַת מְבִינִים. אֶפְתְּחָה פִּי, בְּשִׁיר וּרְנָנִים, לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל פְּנֵי שׁוֹכֵן מְעוֹנִים:

ווען אחרון של פסח געפאלט אום שבת. זאגט מען שביעי של פסח דעם יוצר פון אחרון של פסח אימת נוראותיך

פיוסל ע"פ א"ב וכסוף חתום שמעון בר יצחק

אוֹתוֹתֶיךָ רָאִינוּ, אָז בְּעַיִן. בַּעֲטוֹתְךָ כַּמְּעִיל, תִּלְבּוֹשֶׁת זַיִן. גּוֹיִם. נֶגְדְּךָ הָיוּ כְּאַיִן. דּוֹחוּ וְנָפְלוּ, כְּשִׁכּוֹרֵי יָיִן: הַגְּאוּלָה הוֹצֵאתָ, מֵאִסּוּר כֶּבֶל. וְשִׁכְמָהּ הוּסַר, מֵעֲנוּיֵי סֵבֶל. זֵד תַּנִּין, מְנָאֵץ וּמְנַבֵּל. חָפוּז אַחֲרֶיהָ, לְהַשְׁחִית וּלְחַבֵּל: טָסוּ אֲגַפָּיו כְּנֶשֶׁר, לְמַהֵר. יָעֲצוּ אַבִּירָיו, בְּחֵיל לְדַהֵר. כְּסִיל, בְּאִוֶּלֶת שָׁנָה, לְהִתְיַהֵר. לֹא יָדַע לְהָבִין, וּלְהִזָּהֵר: מַהֲנֵהוּ קִבֵּץ, וְכָל יוֹעֲצָיו. נִכְבָּדָיו וְשָׂרָיו, וְגַם מְלִיצָיו. סָעוּ כְּאַחַת, בְּהַשָּׁאַת מִפְלָצָיו. עֲרוּכֵי מִלְחָמָה, נוֹסְפוּ נִקְבָּצָיו: פָּחֲזוּ כַּמַּיִם, בְּלִי לְהוֹתִיר. צְבָאוֹת קוֹדֶשׁ, לִרְדּוֹף וּלְהַכְתִּיר. קָדוֹשׁ, סִבַּבְתָּם דֶּרֶךְ לְהִתְאִיר. רִחַפְתָּם, בְּצִלְּךָ וּבְמָגִנְּךָ, לְהַסְתִּיר: שִׁלַּחְתָּ בִּצָרִים, הָרֵי וָזַעַם. שָׁמַרְתָּ בְּאֶבְרָתֶךָ, יְפֵיפִי פַּעַם: חזן תּוֹקֶף פְּלָאוֹת, הִפְלֵאתָ בְּנוֹעַם. תַּנִּין, בְּעֵת, שִׁכַּח אֶת הָעָם:

קהל אָזְנֵי שָׁמְעוּ, מוֹפְתֵי עִנְיָנֶיךָ. וְנֶצַח, בִּרְכָתֶךָ יַזְכִּירוּ צְפוּנֶיךָ: חזן חָפַצְתָּ לִפְסוֹחַ, וּלְהָגֵן הֲמוֹנֶיךָ. קָדוֹשׁ, כֵּן חָפֵץ, לְגוֹנְנִי בְּמָגִנֶּךָ: בָּרוּךְ, אַתָּה, יְיָ, מָגֵן אַבְרָהָם:

אַתָּה גִבּוֹר, לְעוֹלָם, אֲדֹנָי, מְחַיֵּה מֵתִים, אַתָּה, רַב לְהוֹשִׁיעַ:

בית ישראל

אוֹתוֹתֶיךָ רָאִינוּ דיינע צייכען האבען מיר געזעהן דענסטמאל מיט דעם אוג אז דו האסט דיך איין געהילט אזו ווי אין איין העמדיל אונ אן געקלייד דיין וואפונג די מצרים אנטקעגען דיר זענען זיי געווארען ווי נישט זיי זענין ווארען פר שטוסען אונ זיי זענין געפאלען ווי די שכורים פון וויין הַגְּאוּלָה די ישראל וואס זענין שיין האסטו אוס געצויגען פון די בינד פון קייטען אונ איר אקסיל איז ווארען אפ געטאן פון די פיינדיגע ארבייט דער פרעה וואס האט געטאן במזיד זועריס געוואפען תַּנִּין ער האט דער צארינט ער האט געאיילט נאך צו לויפען די ישראל ער זאל זיי פר דארבען פסו זיינע חיילות זענען געלאפען אזו ווי איין אדלער זיי האבען זיך בראטען זיינע שטארקע מיט שטארקייט צו שפרינגען מיט די פערד נאך ישראל דר נאר פרעה מיט דעם נארישקייט האט ער נאך איין מאל געטאן צו זיין אבעל גאוה קעגין גאט ער האט גאר ניט געוואוסט צו פאר שטיין אונ צו ווערן געווארינט מַהֲנֵהוּ זיין מחנה האט ער איין געזאמילט אונ אלע זיינע ראט הארען זיינע חשובים אונ אוך זיינע פיר שפרעכר זיי זענין פר רוקט געווארען מיט דעם אן רייצונג פון זיין אפ גאט וואס ער האט געמיינט דר אפ גאט בעל צפון האט זיי ניט געלאזט אנטלויפען דס אן געריכט צו דר מלחמה האבען זיך צו נויף געקליבען איטליכס מאל מער פָּחֲזוּ זיי האבען געאיילט צו לויפען ווי וואסר לויפט גיך זיי זאלען ניט איבער לאזען די היילינגע שאַרן צו נאך יאגען אונ ארום רינגלען קדיש גאט האט זיי ארום גערינגלט דעם וועג צו מאכען זיי דער לייכטען דו האסט זיי באדעקט מיט דיין שאטען אונ מיט דיין באשיצונג צו פר בארגען שִׁלַּחְתָּ דו האסט געשיקט אין די פאליידיגער איין גרים צארען דו האסט געהיט מיט דיינע פליגיל די ישראל וואס זענין געלובט מיט שיינע טריט שטארקע וואונדר האסטו געוואונדערט מיט זיסקייט אין דר צייט אז פרעה האט געשיקט דס פאלק אָזְנֵי מיינע אויערן האבען געהערט די גרויסע וואונדר אונ אייביג טוען דער מאנען די ישראל דיין לוב וואס דו האסט זיי באהאלטען אין ענני כבוד חָפַצְתָּ דו האסט געוואלט צו איבער שפרינגען אונ באשיצען דיינע ישראל היילינגר גאט אזו באגער צו באשיצען מיך מיט דיין באשיצונג

מכלכל חיים, בחסד, מחיה מתים, ברחמים רבים, סומך נופלים, ורופא חולים, ומתיר אסורים, ומקים אמונתו, לישני עפר: מי כמוך, בעל גבורות, ומי, דומה לך, מלך, ממית, ומחיה, ומצמיח ישועה:

ונאמן אתה להחיות מתים:

מיוסד ע"פ תשר"ק

תרגלת עמוסים, ממצרים בצאתם. שרים כהוללים, ומברכים במקהלותם. רודפיהם, במצולות ים, האבדתם. קנויך, קחת על זרועותם: צוענים, אשר נאספו למלחמה. פגריהם המת, ונגרפו הימה. עשר מכות, הכו במצרימה. ספו באחת עשר, ביד הרמה: נבקה רוחם, ונבלעה עצתם. מסך עועים, נמסכו להתעותם. לבם נמס, ונמקו גויתם. כלו בבהלות, המון שאריתם: יזמו לרדוף, ולהסיר כתר. טורח עבודה, ונצול חתר. חזקה להוסיף, שבועת בתר. זהבי תורים, ונקדת יתר: וטרם הגעת עתותי דודים. הפכו בקרב, אפרתים ידידים. דגלם כחפז, גאלתם להקדים. גדעום, אנשי גת, הנולדים: בעבור זאת, הסבו מדרך. במפלתם מראות, ליראם במורך: חזן אמצת וחזקת, כושלי ברך. אשרינו כוננת, בהסבת דרך:

בית ישראל

תרגלת עמוסים דו האסט געוואוינט די ישראל וואס זיינען באלאדין מיט מצות אז זייא זענין פון מצרים ארוס גינאנגען זיי זענין אזו ווי די פויגלען אונ זיי לויבען אין זייער איין זאמלונג זייערי נאך יאגערם אין דר טיפענעש פון דעם ים האסטו גימאכט זיי פר לירען דיין קנין וואס דו האסט זיי גלייך ווי איינר קויפט אז דו האסט זיי פון מצרים ארוס גינומען האסטו גינומען זיי אויף זייערע ארעמס צוענים די מצרים וואס האבען זיך איין גיזאמילט צו אמלחמה זייערי גופים האסטו פר טומילט אונ זיי זענין גישארט גיווארען אין ים אריין. צעהן מכות זענין זיי גישלאגען גיווארען אין מצרים זיי זענין פר גאנגען גיווארען מיט דר עלפטער מכה אויף דעם ים אז די ישראל זענין אוס גינאנגען אופען ווערליך עס איז ווארען אוס גילערט זייער אטום אונ עס איז ווארען פר דארבען זייער ראט איין פר מישונג פון שגעון זענין זיי ווארען פר מישט צו פר אירען זיי זייערי הערצער איז צו גאנגען אונ עס איז ווארען לער זייערי לייבער זיי זענין ווארען פר לענט מיט דער שרעקעניש די הימעשע מענטשען וואס זענין איבר גיבליבען אין מצרים יזמו לרדוף זיי האבען גידאכט נאך צו יאגען אונ אפ צו טאן די קרון פון ישראל די שווערי ארבעט זאלען זיי ווידער ארבעטען אונ זאל מציל זיין זייער האב וואס זייא האבען גיהאט ביי זיך פר גראבען עס הט זיך גישטארקט אויף ישראל די שבועה וואס איז גיוועזן בין הבתרים מיט אברהם אבינו צו מערען זיי גוטץ ווייא גילדענע ציילען אנטקעגען שטיקלעך זילבר אזו איז גיוועזן אויף דעם ים האבען די ישראל מער גינומען איידר אין מצרים וטרם הגעת איידר עס איז גיקומען די צייט פון פריינד שאפט פון גאט צו ישראל ער זאל זיי אוס לייזען האבען זיך גיקערט פון מצרים אום גיין מלחמה צו האלטען די גיליבטע פון שבט אפרים זייער פאן אז זיי האבען גיאיילט זייער אוים לייזונג צו פעדערען עס האבען זיי פר שניטען די לייט וואס זענין גיבארען גיווארען אין גת בעבור איבער דעם הט מען די ישראל ארום גירינגילט פון דעם וועג כדי זיי זאלען ניט זעהן די מפלה וואס שבט אפרים הט גיהאט זיי זאלען זיך ניט פארכטען אמצת דו האסט גיפעסט אונ גישטארקט די שטרויכלונג. פון די ישראל אונזערע טריט האסטו אן גיברייט מיט דעם ארום רינגלען דעם וועג:

אשורי שמרת, עקב צדקותיך. ונוגה כאור, פארתנו באהבתך: הזן בעבור אוהביך, שומרי בריתך. תשמרנו, ותחיינו בטל תחייתך:

ברוך, אתה יי, מחיה המתים:

שם המחבר שמעון ב"ר יצחק כמרובע

שבטי יה, הוצאת לפדיום. שלמים בצהרים, בעצם היום. שדי, כמו כן החיש בצביון. שנת שלומים, לריב ציון: מגרת ונארת, שבט הרשע, מכביד אזניו, ועיניו השע. מהלמות ופחת, לגיו נפשע. מחצת ראש, מבית רשע: עורי עורי, זרוע יד הגדולה. עדינה תמחץ, ושיתה כלה. ערוה תעור, מאנוש לחלחלה. ערות יסוד, עד צואר סלה: ובצאתך לישע, בעז אזור. וצאן ידך, בעדי נזור. ועוינים נפרדו, כאפר פזור. וכשל עוזר, ונפל עזור: נאור, בראותך בדם מתבוסס. נגפת פורכים, פרים לקוסס. נפש ובשר, כמסוס נוסס. נתת ליראיך, נס להתנוסס: ביטה, ומהר שנת גאולים. בגד בוגדים, וחלף אלילים. בטופלי שקר, הפל חללים. ביום הרג רב, בנפול מגדלים: רחם וחמול, בן יקיר, רוה, נפש שוקקה, להקיר. ראה, כי גברה, יד המדקיר. רוח עריצים, כזרם קיר: יום יום, נצפה גאלתנו. יגענו בקראנו, נחר גרוננו. יד אזלה, ותש כוחנו. יי חננו, לך קוינו: צאנך פקוד, והשב תפוצתו. צפה, כי שדדת מרעיתו. צמת עוין, בתה להשיתו. ציצת נובל, צבי תפארתו: חפשו עם מפרך,

---

בית ישראל

אשורי שמרת מיינע טריט האסטו גיהיט פון וועגן דיין גירעכטיקייט און מיט איין גרוס ליכט האסטו באשיינט אונז מיט דיין ליבשאפט פון וועגן דיינע ליב האבר וואס היטען דיין זיכערהייט דו זאלסט אונז היטן און זאלסט אונז לעבעדיג מאכן מיט דעם טל פון תחית המתים: שבטי יה די שבטים וואס ביי איטליכן שטייט דם ווארט יה האסטו אום גיצוגן צו אום לייזן זיי זענין גיוועזן גאנץ און קלאר ווי די זון אין מיטן טאג שדי גאט אזוי זאלסטו איילען מיט דיין ווילן אזאר פון טרייסט פון ציון מגרת דו האסט צו בראכן און פר שטערט דעם רשע פרעה ער הט גימאכט שווער זיינע אויערן און זיינע אויגן הט ער אוועק גיקערט מיט קלעפ האסטו באוועהרט צום ווידר שפעניגר דו האסט גימאכט וואונדן אין דעם קאפ פון דעם הויז גיזינד פון דעם רשע עורי עורי דיין גרויסע האנט הט פאר ווישט די מדינה מצרים און בבל האט זייא פאר וואונדעט און אום גיהאקט אום גיווארצילט ביז אין גרונד אויף אייביג ובצאתך און אז דו ביסט ארום גיגאנגען צו העלפען אן גיגורט מיט שטארקייט און די ישראל האסטו אן גיצירט מיט צירונג און די מצרים האסטו פר שפרייט ווי אש און עס איז גישטרויכילט גיווארען זייער שר וואס הט גיהאלפן זיי זענין זיי אויך גיפאלן נאור דו פארכטיגער גאט אז דו האסט גיזעהן אז די ישראל האבן זיך באשמירט מיט דם מילה האסטו גימארדעט די מצרים וואס האבן מיט זיי שווער גיארבעט זייער פרובט צו פר שניידען דער מיט וואס דו האסט גימאכט צו גיין זייערע לייבער האסטו דיינע פארכטיגע ישראל גיטאן דר הייבען דו האסט גיפעלשט אין די עלשר פון מצרים און אין די פאלשע האסטו גימאכט פאלן דר שלאגענע אין דעם טאג וואס עס איז גיוועזן אגרויסע הריגה און עס איז איין גיפאלן טורעמס רחם יחמול דר בארעם דעם וואס איז גיוועזן אן גערופן אטייערן זון מאך זאט דם גילוסטיגע לייב אפ צו קילין יום יום אלע טאג טוען מיר האפן צו אונזער אום לייזונג מיר זענין מיט אונזער רופען עס איז אונז גיווארען פר טריקענט אין האלז אונזר האנד איז אוועק גיגאנגען און עס איז ווארן שלאף אונזער כח, גאט לייט זעליג אונז דען צו דיר טוען מיר האפען צאנך דיינע שאף גידענק און קער אום זיין פאר שפרייטונג זיין שפראצונג איז ווארן פר וויאלעט זיין שיינקייט חפשו זיי זענין ווארן באפרייט

בְּכוֹסֶף. חֲשׁוּקֵי חֶמֶד, זָהָב וָכֶסֶף. חֵרוּת הַמְצִיא, וְהִשְׁמִיעָנוּ בְּחוֹסֶף. חִנָּם נִמְכַּרְתֶּם. תִּגָּאֵלוּ וְלֹא בְכֶסֶף: קְהִלּוֹת יַעֲקֹב, בְּשֵׁם יִקְרָאוּךָ. קוֹנֵינוּ לוֹ, לָז לְלָז, יְרָאוּךָ:

חזן קְדֻשָּׁתְךָ יַעֲרִיצוּ, וּבְרוֹן יְנַשְּׂאוּךָ. קְרִיַת גּוֹיִם, עָרִיצִים יִירָאוּךָ:

יִמְלוֹךְ יְיָ, לְעוֹלָם, אֱלֹהַיִךְ צִיּוֹן לְדוֹר וָדוֹר, הַלְלוּיָהּ: וְאַתָּה קָדוֹשׁ, יוֹשֵׁב, תְּהִלּוֹת יִשְׂרָאֵל, אֵל נָא:

כְּעַל גְּמוּלוֹת, כְּעַל יְשַׁלֵּם. לְחֵיק זֵדִים, לֹא יָדְעוּ הִכָּלֵם. לְאִיִּים, גְּמוּל יְשַׁלֵּם. קָדוֹשׁ:

שם המחבר אני שמעון בר יצחק בר אבון חזק ואמץ בתורה.

אִמְרוּ, לֵאלֹהִים אַדִּירִים. מְאוֹד מַעֲשָׂיו, נָאִים וַהֲדוּרִים. בְּתִתּוֹ. אוֹת וּמוֹפֵת, בְּצָרִים: נֶהֱרָגִים, הוֹרְגִים אֶת הוֹרְגֵיהֶם. וְנִצְלָבִים. צוֹלְבִים אֶת צוֹלְבֵיהֶם. וְנִשְׁקָעִים, שׁוֹקְעִים אֶת שׁוֹקְעֵיהֶם: יְהִירִים. אֲשֶׁר זָדוּ בְזָדוֹן. נִמְדְּדוּ בְּסַאסְּאָה, כְּפָעֳלָם לָדוֹן. וְהוֹרַד גְּאוֹנָם. שְׁאוֹל וַאֲבַדּוֹן:

שְׁטוּפֵי זַעַם, נִשְׁכְּחֵי רֶגֶל. הָהְפַּךְ עֲלֵיהֶם כַּלָּהוֹת, לְגַלְגֵּל. כְּהוּחַל לִקְרוֹא בְשֵׁם, וּלְרַגֵּל: מָרוֹם, קָרָא לְמֵי הַיָּם. וַאֲרֻבּוֹת הַשָּׁמַיִם, פָּתַח בַּעְיָם. וַיִּמַּח יְקוּמָם, בְּשֶׁטֶף דָּכְיָם: עֲלֵיהֶם, סִדְרֵי בְרֵאשִׁית, נִשְׁתַּנּוּ. בְּשַׁחֲתָם אֶת דַּרְכָּם, נִתְנַנּוּ. בְּרוֹתְחִין קִלְקְלוּ, וּבְרוֹתְחִין נִדּוֹנוּ:

בית ישראל

דָס פָאלְק יִשְׂרָאֵל פוּן שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט מִיט גִילוּסְטִיקַייט זֵיי זֶענִין וָוארֶן אָן גִיגוּרְט מִיט גִילוּסְטִיגִי זַאכֶן אוּנ גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער גִינָאד מַאךְ אוּנְז גְרַייכֶן אוּנ מַאךְ אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקֶן אַז מִיר זָאלֶן הֶערֶן דִי רֵייד וָוס דוּ וֶועסְט זָאגֶן חִנָּם אוּם זוּנְסְט זַייט אִיר פַר קוֹפְט גִיוָוארֶן אוּנ נִיט פַר זִילְבֶּער וֶועט אִיר אוּס גִילֵייזְט וֶוערֶן קְהִלּוֹת דָס אַיין זַאמְלוּנְג פוּן יַעֲקֹב מִיט דַיין נָאמֶן וֶועלֶן זֵיי צוּ דִיר רוּפֶן אֵיינֶר צוּם אַנְדֶערֶן וֶועלֶן זָאגֶן דָס אִיז גָאט וָוס מִיר הָאבֶּן צוּ אִים גִיהָאפְט קְדוּשָּׁתְךָ דַיין הַיילִיקַייט טוּעֶן זֵיי שְׁטַארְקֶען אוּנ מִיט גִיזַאנְג טוּעֶן זֵיי דֶער הֵייבֶּן דִיךְ:

יִמְלוֹךְ יְיָ גָאט וֶועט קִינִיגֶען אֵייבִּיג דַיין גָאט צִיּוֹן אוֹיף דוֹרֵי דוֹרוֹת הַלְלוּיָהּ לוֹבְּט גָאט וְאַתָּה קָדוֹשׁ דוּ הֵיילִיגֶר גָאט זִיצְט אִין הִימֶל צוּ פַר נֶעמֶן דִי לוֹבּ פוּן דִי יִשְׂרָאֵל נוּן לִיבֶּר גָאט:

אִמְרוּ לֵאלֹהִים זָאגְט צוּם שְׁטַארְקֶן גָאט זַיינֶע מַעֲשִׂים זֶענִין זֵייעֶר שֵׁיין אִין זַיין טָאן גֶעבֶּן אַצֵייכֶן אוּנ וואוּנְדֶר אִין דִי בַּאלֵיידִיגֶער דִי יִשְׂרָאֵל וָוס זַיינֶען גִיוֶוען אִין מִצְרַיִם ווִי גִיהַארְגֶעטֶע הָאבֶּן זֵיי גִיהַרְגֶעט דִי וָוס הָאבֶּן זֵיי גִיוָואלְט הַרְגֶנֶן אוּנ אָן שְׁטָאט וָוס מֶען הָט זֵיי גִיוָואלְט הֵיינְגֶען הָאבֶּן זֵיי גִיהָאנְגֶן זֵייעֶרֶע הַיינְגֶערְס אוּנ דִי וָוס מֶען הָט זֵייא אַיין גִיזוּנְקֶען אִין טַייךְ פוּן מִצְרַיִם הָאבֶּן זֵיי גִימַאכְט אַיין זִינְקֶן זֵייעֶרֶע אַיין זִינְקֶערְס יְהִירִים דִי הָאפֶערְדִיגֶע וָוס זֵייא הָאבֶּען גִיטָאן בְּמֵזִיד זַיינֶען וָוארֶן גִימָאסְטֶן מִיט דֶר פוּלֶער מָאס אַזוֹ ווִי זֵייעֶר וֶוערְק צוּ מִשְׁפְּטֶן זֵיי אוּנ עֶס אִיז וָוארֶן אַרָאפּ גִינִידֶערְט אִין גֵיהִנָּם זֵייעֶר הֶערְשַׁאפְט שְׁטוּפֵי דִי וָוס זַיינֶען פַר פְלֵייצְט גִיוָוארֶען מִיט גָאטְס צָארֶן אוּנ עֶס אִיז פַר גֶעסֶן גִיוָוארֶן פוּן זֵיי דִי טְרִיט פוּן אֵיין מֶענְטְשֶׁן הָהְפַּךְ הָט גָאט אוֹיף זֵיי גִיקֶערְט אַיין דֶר שְׁרֶעקֶענִּס צוּ קַייקְלֶן כְּהוּחַל אַז עֶס אִיז וָוארֶען אָן גִיהוֹבֶּן צוּ רוּפֶן אִין נָאמֶען פוּן דִי אָפּ גֶעטֶר אִין דוֹר פוּן אֱנוֹשׁ דֶר אוֹבֶּערְשְׁטֶר הָט גִירוּפֶן צוּ דֶעם וַואסֶער פוּן דֶעם יַם אוּנ דִי פֶענְצְטֶער פוּן דֶעם הִימִיל הָאט עֶר גִיעֶפִינְט מִיט שְׁטַארְקַייט אוּנ הָאט אוּס גִימֶעקְט זֵייעֶר בַּאשְׁטַאנְד מִיט פַר פְלֵייצוּנְג זֵייעֶרֶע אִינְדֶען עֲלֵיהֶם אוֹיף זֵיי אִיז דֶער סֵדֶר ווִי דִי וֶועלְט אִיז צוּם עֶרְשְׁטֶן בַּאשַׁאפֶן גִיוָוארֶן אִיז וָוארֶן פַר עֶנְדֶערְט אַז זֵיי הָאבֶּען פַר דָארְבֶּען זֵייעֶר וֶועג זַיינֶען זֵיי מְבוּזֶּה גִיוָוארֶן. מִיט הֵייסְקַייט הָאבֶּן זֵיי קַיילֶע גִימַאכְט אוּנ מִיט הֵייסֶן וַואסֶר פוּן מַבּוּל זַיינֶען זֵיי גִימִשְׁפָּט גִיוָוארֶן אוּנ אַז זֵיי הָאבֶּן גִיצוֹגֶן פוּן מִזְרָח זַייט דִי נִיצֶער פוּן שִׁנְעָר מִיט דֶעם כּוּגְ

וּבְנָסְעָם מִקֶּדֶם, יוֹשְׁבֵי שִׁנְעָר. בְּבִנְיַן הַמִּגְדָּל, לִבָּם נִבְעָר. וְזָמְמוּ לְהַגְבִּיהוֹ, לְאֵין מִשְׁעָר: נוֹעֲצוּ לֵב, וְנוֹסְדוּ מְזִמּוֹת. אִם נִצְטָרֵךְ, לְטִפְטֵף מֵימוֹת. נַעֲלֶה לָרָקִיעַ. וְנַכֶּנּוּ בְּקַרְדֻּמּוֹת: בָּלַל לְשׁוֹנָם, וְחִלְשָׁם. וְהִתִּישָׁם. וּבִנְיָנָם הִשְׁחִית. עֲבוּר לְבַיְּשָׁם. וַיָּפֶץ יְיָ אוֹתָם. מִשָּׁם:

רָעִים בְּגוּפָם, וְחַטָּאִים בְּמָאוֹדָם. גְּאוֹן שִׂבְעַת לֶחֶם, הָיָה יְסוֹדָם. וְעָנִי וְאֶבְיוֹן, לֹא הֶחֱזִיקָה יָדָם: יָהּ, בְּרָאוֹת, כְּנִתְמַלֵּא סִפְקָם. פַּחִים, וְרוּחַ זִלְעָפוֹת, הִשִּׁיקָם, תַּחַת רְשָׁעִים, סְפָקָם: צִדְקַת אֶזְרָח, אָדוֹן זָכַר. וּבֶן אָחִיו נִמְלַט, מִלְּהִתְמַכֵּר. בְּשַׁחֵת אֱלֹהִים, אֶת עָרֵי הַכִּכָּר:

חֵרְפוּ וְגִדְּפוּ, מַלְאֲכֵי תִּלְגַת. בְּצִוּוּי אֲדוֹנֵיהֶם, לְגַדֵּל לַעֲגַת. וּמַלְאָךְ יָצָא, וּבְעָטָם כְּגַת: קַנּוֹא, גִּלְּחוֹ, בְּתַעַר הַשְּׂכִירָה. בְּעֶבְרֵי נָהָר, מֶלֶךְ אַשּׁוּרָה. וְלֹא נוֹתַר בָּם, כִּי אִם, עֲשָׂרָה: בְּהִשְׁתַּחֲוָתוֹ לְנִסְרוֹךְ, דִּרְכּוּ יָרַט. וּבָנָיו הִכּוּהוּ, בְּזַיִן מְמוֹרָט. וְהֵמָּה נִמְלְטוּ, אֶרֶץ אֲרָרָט:

רָם וְנִתְגַּדֵּל, מַשּׂוֹר עַל מְנִיפוֹ. וְאָמַר, לַעֲלוֹת עַל מְרוֹמֵי גַפּוֹ. כִּי פָקַד עָלָיו, חֲרוֹן אַפּוֹ: אָדוֹן הֱסִירוֹ, מִמְּלוֹךְ בִּמְלוּכָה. וּמִבְּנֵי אָדָם, טְרָדוֹ לְשַׁלְּכָה, עִם בְּהֵמוֹת, שֶׁבַע לְהַלְּכָה: בְּבוֹא פְקוּדָתוֹ, נִסְחַב פִּגְרוֹ. וּכְנֵצֶר נִתְעָב, הָשְׁלַךְ מִקִּבְרוֹ. כְּפֶגֶר מוּבָס, הִבְאִישׁ בְּשָׂרוֹ:

בית ישראל

חזן וקהל חֲכַם לֵבָב, וְאַמִּיץ כֹּחַ. מִי יוּכַל אֵלָיו, לְנַכּוֹחַ. אֲשֶׁר בְּיָדוֹ, הַגְּבוּרָה וְהַכֹּחַ, קָדוֹשׁ:

שם המחבר משה ברבי קלונימוס

מַה מּוֹעִיל רֶשַׁע בְּעָלָיו. וּמַה יָּעוֹז זֵד, בְּמַעֲלָלָיו. כִּפְנֵי מְשַׁלֵּם לָאִישׁ, כְּמִפְעָלָיו: מֶרֶד, הֲיוּכַל עֲרוֹךְ חוֹמֶר. נוֹכַח יוֹצֵר כֹּל, בְּאוֹמֶר. רוּחוֹ וְנִשְׁמָתוֹ, בְּיָדוֹ שׁוֹמֵר: שִׁבְנוֹ שָׁת, בְּרוּם עוֹלָם. מֶמְשַׁלְתּוֹ, עַל כָּל הָעוֹלָם. מִי הִקְשָׁה אֵלָיו, וַיִּשְׁלָם: שְׁלִישִׁים פִּתְחוּ רִאשׁוֹן, לְקַלְקֵל. אָצוּ סְלוֹל אוֹרַח, לְעַקֵּל. שֵׁם אֵל, בֶּאֱלִיל לְהָקֵל: הֵעַל פִּרְצוֹ, גֶּדֶר עוֹלָם. פָּרַץ מֵי הַיָּם, בִּגְבוּלָם. וּשְׁטָפָם וְאִבְּדָם מִן הָעוֹלָם: הֶרְאָה בָם דִּין, לַדּוֹרוֹת. לְבִלְתִּי פְּקוֹחַ, לְכָל יְצִירוֹת. כִּי אִם, לְקוֹרֵא הַדּוֹרוֹת:

בית ישראל

מִצְרַיִם אונ מען זאל זיי רופֿן האט גאט אויף זיי רַחֲמָנוּת גיהאט נאך דרייסיג שְׁמִיטוֹת דאס איז צוויי הונדערט אונ צעהן יאר אונ האט גיצייגט חֶסֶד אויף דעם פערטן דור וְהִטָּה אונ האט פֿר נומן די רייד פון זייער גישריי וַיִּיקַץ אונ האט זיך אויף גיחאפט וויא פון שלאף אונ האט גישלאגען די באליידיגער מיט שלעק פון טוט ער האט זיי גישלאגן מיט מַכּוֹת אונ וואונדן אונ בלאטערן וְאַחֲרֵי כֵן אונ דר נאך האט ער זיי אוועק גישיקט זאט מיט גרוס גוטץ מיט גאלד אונ זילבער אונ אלערליי גיפארבטע קליידער אונ נאך האט ער פאר מישט צווישן זיי אקרום גימיט וַיְסִיתֵם אונ האט זייא אן גירעט זיי זאלן נאך זיי לופן מיט פאנצירן אונ היטלן וְאָז אונ דעמאלט איז גאט אויף זיי ברוגז גיווארן אונ האט זיי דר טרונקן מיט שטארקייט אונ זייא זיינען צו בראכן גיווארען וויא אקרוג לעבן אקוואל ברונען: בִּגְזֵרַת חַי וְקַיָּם נוֹרָא וּמָרוֹם וְקָדוֹשׁ מיט דעם באפעל פון גאט וואס ער לעבט אייביג אונ איז פארכטיג אונ דער הויכן אונ איז הייליג: חֲכַם גאט וואס ער איז קלוג אונ שטארק מיט קראפט ווער קאן האבן מיט אים אויכוח וואס אין זיין האנט איז די גבורה אונ כֹּחַ קָדוֹשׁ דו הייליגער גאט:

מַה מּוֹעִיל וואס קאן העלפן דם רִשְׁעַת צו זיין הארן וּמַה אונ וואס איז מעיז דער מוטוויליגער מיט זיינע שלעכטע מַעֲשִׂים אנטקעגן גאט וואס צאלט איטליכען נאך זיינע מַעֲשִׂים נאך מֶרֶד וויא קאן אמענטש וואס ער איז באשאפן פון ליים מורד זיין אנטקעגן גאט וואס ער האט באשאפן גאר די וועלט נאר מיט רייד. די נְשָׁמָה ווערט גיהיט אין זיינע הענד שִׁבְנוֹ זיין רואונג האט ער גיטאן אויף דעם הויכן הימל אונ זיין גיוועלטיקייט איז אויף גאר דער וועלט ווער האט אנטקעגען אים מעיז גיוועזן אונ איז בשלום גיוועסן שְׁלִישִׁים דער דריטער דור פון בריאת העולם האט אן גיהייבען מורד צו זיין אונ זיי האבן גיאיילט דעם גלייכן וועג קרום צו מאכן שֵׁם זיי האבן גיטאן דר מאגן דעם נאמן פון גאט אויף דעם אפ גאט נוייל זיי האבן צו בראכן דעם צום פון דר וועלט איבער דעם האט אויף זיי דר ים צו בראכן זיין גבול אונ האט זיי פר פלייצט אונ האט זיי גימאכט פר ליידן פון דר וועלט הֶרְאָה מיט זיי האט ער גיוויזן אמשפט אויף דר וועלט אז מען זאל ניט דיגן צו קיין

בַּעֲלֵי זְרוֹעַ, הֶחֱלוּ לָרוֹב. וַיֹּאמְרוּ לָאֵל, סוּר מִקָּרוֹב. כִּמְלֹא בָתֵּיהֶם, טוֹבוֹת רוֹב:
בְּעֵטוּ, בְּאֵד עוֹלֶה מִן הָאָרֶץ. וְנִאֲצוּ, לְמַמְטִיר עַל הָאָרֶץ. מַה לָּנוּ, לְמִטְרוֹת
עֶרֶץ: רָם, מָתַח דִּין בָּהֶם. וּמִטְרוֹת עוֹז, שָׁפַךְ עֲלֵיהֶם. וַיִּמַח, אֶת כָּל יְקוּמֵיהֶם:
רָמָה רוּחַ, יוֹשְׁבֵי שִׁנְעָר. וְלַעֲלוֹת לַשַּׁחַק, לִבָּם נִבְעַר. וֶהֱפִיצָם, בְּרוּחַ סוֹעָה וָסָעַר:
בַּד בְּבַד, פָּרַע שְׁאוֹנָם. וְנֶפֶץ מוּל נֶפֶץ, דָּנָם. וּבְטָלָה עֲצָתָם, כְּפִלֵּג לְשׁוֹנָם:
בַּאֲשֶׁר הֵם, בְּשָׂפָה זָדוּ. וּבַאֲגוּדָה אַחַת, כֻּלָּם נוֹעֲדוּ. בָּלַל לְשׁוֹנָם, וּמִשָּׁם נִפְרָדוּ:
יָקְשׁוּ צָרֵי עַיִן, בְּבֶצַע. וּמֵאֲנוּ, פְּרוֹסָה לָרָעֵב לִבְצַע. וְהֶאֱרִיכוּ וְקִצְּרוּ, אֶת הַמַּצָּע:
יָד קָפְּצוּ, מֵעָנִי וָדָל. וְעוֹבֵר אוֹרַח, מֵעֲלֵיהֶם חָדַל. וְכָבֵד חֵטְא. וְעָוֹן גָּדַל: קִלְקְלוּ,
צַעֲדֵי יוֹשֶׁר לְסַלֵּף. וְאוֹצָרוֹ הַטּוֹב, עֲלֵיהֶם חִלֵּף. וְהָפְכָם מִשּׁוֹרֶשׁ, דּוֹרוֹת לְאַלֵּף:
קַחַת מוּסָר, מֵאֲנוּ צוֹעֲנִים. וְלֹא לָמְדוּ דַעַת, מִקַּדְמוֹנִים. הֵרֵעוּ, מִכָּל אֲשֶׁר לְפָנִים:
לָחֲצוּ בְּמֶרֶךְ, זֶרַע חֲסִידָיו. וְגָזְרוּ גְּזֵרוֹת, לִבְנֵי יְדִידָיו. וַיַּרְא יְהוָה, וַיְעוֹרֵר חֲסָדָיו:
לְמַלְאוֹת דְּבָרָיו, וּלְהָחִישׁ עֶזְרָה. אָחוֹר הֵשִׁיב, חֶשְׁבּוֹן גְּזֵרָה. וְעַל תַּנִּין, שָׁפַךְ
עֶבְרָה: וְלֹא בְכֹחַ, לְפִי הַגְּדֻלָּה. הֵחֵל, בְּבַעֲלֵי זְרוֹעַ תְּחִלָּה. כִּי אִם, בַּעֲנָוָה גְדוֹלָה:
וְאוֹת וּמוֹפֵת, שָׁלַח לְהַרְאוֹת. וְהִקְשָׁה עָרֶף, וְהִכְבִּיד תְּלָאוֹת. אָז הִכָּהוּ, מַכּוֹת.

בית ישראל

אָפּ גֶעטֶער נָאר צוּ גָאט וָואס רוּפְט אַלֶע דוֹרוֹת בַּעֲלֵי דִי שְׁטַארְקֶע לַייט הָאבֶּען זִיךְ אָן גִיהוֹבֶּען צוּ
מַערֶן אוּנ זַיי הָאבֶּן גִיזָאגְט צוּ גָאט קֶער אָפּ פוּן אוּנְז אַז זַייעֶרֶע הַייזֶער אִיז גִיוֶוען פוּל מִיט גוּטְץ
בְּעָטוּ זַיי הָאבֶּן פַר מִיאוּסְט אִין דֶעם וָואלְקֶן וָוס גֵייט אוֹיף פוּן דֶר עֶרְד אוּנ הָאבֶּן דֶער צֶערְינְט
גָאט וָוס מַאכְט רֶעגֶענֶען אוֹיף דֶר וֶועלְט מַה אוֹיף וָוס טוֹג אוּנְז דִי שְׁטַארְקֶע רֶעגֶן דָם דֶר הוֹכֶער
גָאט הָט אוֹיף זַיי אוֹס גִיצוֹגֶן אַיין דִין אוּנ הָט אוֹיף זַיי גִימַאכְט רֶעגִינֶן שְׁטַארְקֶע רֶעגֶען אוּנ עֶר
הָט אַלֶע זַייעֶרֶע בַּאשְׁטַאנְד אָפּ גִימֶעקְט פוּן דֶר וֶועלְט רָמָה דִי לַייט פוּן בָּבֶל הָאבֶּען זִיךְ מִיט
גַאֲוָה גִיהַאלְטֶן אוּנ הָאבֶּן גִיוָואלְט אוֹיף דֶעם הִימֶל אַרוֹף גֵיין אוּנ גָאט הָט זַייא פַר שְׁפְּרֵייט מִיט
אַיין שְׁטוּרֶעם וִוינְד בַּד עֶר הָט זַיי גִיצָאלְט מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה ווַייל זַיי הָאבֶּן גִיזָאגְט טָאמֶר וֶועלֶן
מִיר פַר שְׁפְּרֵייט וֶוערֶן אִיבֶּר דֶעם זַיינֶן זַיי פַר שְׁפְּרֵייט גִיוָוארֶן אוּנ זַייעֶר עֵצָה אִיז בָּטֵל גִיוָוארֶן
כְּפִלֵּג מִיט רֵייד הָאבֶּן זַיי גִיזִינְדִיגְט הָט מֶען זַיי צוּ טֵיילְט דִי רֵייד אוּנ זַייא הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע אִין
אַייגֶעם אֵיינְגִיזַאמִילְט. אַז עֶר הָט זַייא צוּטֵיילְט זַייעֶרֶע לְשׁוֹנוֹת הָאבֶּען זַייא זִיךְ פוּן דָארְטֶען
צוּטֵיילְט. זַיי זַיינֶען גִישְׁטְרוֹכִילְט גִיוָוארֶן דִי לַייט פוּן סְדוֹם מִיט זַייעֶר גֶעלְט אוּנ אַיין הוּנְגֶערִיגֶן
הָאבֶּן זַיי נִיט גִיוָואלְט גֶעבֶּן קַיין בְּרוֹט וְהֶאֱרִיכוּ אוּנ הָאבֶּן גִימַאכְט אַיין לַאנְגֶע בֶּעט אוֹיף דֶעם
וָוס אִיז גִיוֶוען קוּרְץ אוּנ אַיין קוּרְצֶע בֶּעט אוֹיף דֶעם וָוס אִיז גִיוֶוען לַאנְג יָד זַייעֶרֶע הֶענְט הָאבֶּן
זַיי פַר שְׁלָאסֶן פוּן אַיין אָרִימַאן וְעוֹבֵר אוּנ זַיי הָאבֶּן פַר מִיטֶן עֶס זָאל קַיינֶער בַּיי זַייא נִיט דוּרְךְ
פָארֶן וְכָבֵד זַיינֶען זַייעֶרֶע עֲבֵירוֹת זַייעֶר גְרוֹס גִיוֶוען קִלְקְלוּ דֶעם גְלַייכֶן וֶועג הָאבֶּן זַיי פַר קְרִימְט
אוּנ זַיין גוּטֶן אוֹצָר דֶעם רֶעגֶן הָט עֶר אוֹיף זַיי פַר בִּיטֶן אוּנ הָט אוֹיף זַיי גִימַאכְט רֶעגֶענֶן פַייעֶר
אוּנ שְׁוֶועבֶל וַהֲפָכָם אוּנ הָט זַיי אִיבֶּר גִיקֶערְט פוּן דֶעם וָוארְצֶל אַלֶע דוֹרוֹת זָאלֶן זִיךְ אָפּ לֶערְנֶען
פוּן זַיי קַחַת דִי מִצְרִים הָאבֶּן זִיךְ נִיט גִיוָואלְט נֶעמֶן אַיין שְׁטְרָאף פוּן זַיי אוּנ זַיי הָאבֶּען זִיךְ נִיט
אָפּ גִילֶערְינְט פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע הֵרֵעוּ זַיי הָאבֶּן נָאךְ מֶער גִיזִינְדִיגְט פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע לָחֲצוּ זַיי הָאבֶּן
בַּאצְווָאוּנְגֶן מִיט בִּיטֶערְקַייט דִי קִינְדֶער פוּן זַיינֶע חֲסִידִים אוּנ הָאבֶּן גוֹזֵר גִיוֶוען גְזֵירוֹת אוֹיף זַיינֶע
גִילִיבְּטֶע קִינְדֶער וַיַּרְא ה׳ הָט גָאט גִיזֶעהֶן אוּנ הָט דֶר וֶועקְט זַיינֶע חֲסָדִים צוּ דֶר פִילֶן זַיינֶע רֵייד
אוּנ צוּ אַיילֶן הִילְף אָחוֹר אַהִינְטֶער הָט עֶר אַוֶועק גִיקֶערְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן וָוס אִיז נִגְזָר גִיוָוארֶען צוּ
זַיין אִין גָלוּת מִצְרַיִם אוּנ אוֹיף פַּרְעֹה הָט עֶר פַאר גָאסֶען זַיין גְרִים צָארְן וְלֹא אוּנ נִיט נָאךְ זַיין
גְרוֹסֶן כֹּחַ פוּן גָאט הֵחֵל הָט עֶר פְרִיעֶר אָן גִיהוֹבֶּען אִין דִי שְׁטַארְקֶע כִּי נָאר מִיט גְרוֹס עֲנָוָה וְאוֹת
עֶר הָט גִישִׁיקְט ווַייזֶן זַיינֶע מוֹפְתִים וְהִקְשָׁה אוּנ הָט גִימַאכְט הַארְט זַיין אַקִין אוּנ הָאט גִימַאכְט
אוֹיף אִים שְׁוֶועֶרֶע מִידִיקַייט אָז דָענְסְטְמַאל הָט עֶר אִים גִישְׁלָאגֶען מִיט גְרוֹסֶע פַארְכְטִיגֶע מַכּוֹת

מוראות: נאור, אף לפי חמתו. לא עבר, דין אמתו. כי אם, ביושר מדתו: נגע, אשר בסוף הבעיתו. בו, הקדים תחלה, להתרותו. ומקץ לקץ, האריך עברתו: יה, מכה לא הכהו. עד שלא קדם, והתרהו. ואחרי כן, שלח והלקהו: ירח הקצב, לכל מכה. ושלשת חלקים, העיד והכה. ורביעית החודש, שמשה המכה: מתיץ בו, מחצות תשע. ולא נכנע, ולא שע. ובעשירית, נשבר מטה הרשע: מערש יצועו, קם לילה. ובארץ פתרוס, צוחה גדולה. מאין בית, בלא יללה: ופה שאמר, לא אשלח. הוא הפה, חנן לשלח. ענה, כנאלח. קומו צאו, כדברכם לפלח: ולמה זה, לחשובי כאין. לקנות חכמה ולב אין. מותרים, כנוגע, בבבת עין: שכל זאת, לא יבינו. פוטים, אשר באהל, התקינו. כעקלו בסוף, כך נדונו: חוו שגיר ומפוליו, אשר לחרבה. נתכונו. מראש ועד קצבה. מה יעשו, בלהט היום הבא:

בעטותו קנאה, בלבשו נקם. להריע ולהצריח, מקמיו להתנקם. שבעתים, ישיב אל חיקם, קדוש:

ובכן, ויושע יי, ביום ההוא:

אצולים, מפרך סוגים. בחוזק יד, ונסיונים. גוי, שומה אמונים. דעה וחכמה, הגונים. ההוגים ביקרה מפניגים. ומצותיה והוריותיה, מבינים. זמרות

בית ישראל

נאור דער פארכטיגער גאט חאטשע נאך זיין רוגז נאך הט ער פארט ניט עובר געוועזין זיין אמתין דין נייערט מיט זיין רעכט פארטיקייט נגע די פלאג וואס ער הט אים צום סוף דער שראקען מיט דעם הט ער אים מתרה געווען צום ערשטען אונ פון איין עק יאר ביז צום אנדערען עק יאר הט ער דער לייגגערט דעם צארען פון מכת בכורות יה גאט האט ניט געשלאגען אים מיט קיין מכה סיידען אז ער הט אים פריער מתרה געווען אונ דער נאך הט ער געשיקט אונ הט אים געשלאגען ירח אחודש איז וואחרן געזעצט צו איטליכר מכה אונ דריי וואכען הט ער זיים התראה געטאן אונ דר נאך הט ער אים געשלאגען ורביעית אונ אפערט חלק חודש הט די מכה געווערט מחץ ער הט אים געוואונדעט ניין וואונדען ולא אונ איז ניט אונטער טעניג געווארען אונ הט זיך גיקערט ובעשירית אונ מיט דער צענטער מכה איז צו בראכען געווארען זיין רשעות מערש פון זיין אום געשפרייטע בעט איז ער אויף געשטאנען בייא דער נאכט ובארץ אונ אין לאנד מצרים איז געווען אגרוס געשריי כי ווארום עס איז ניט געווען איין הויז אן אקלאג ופה אונ דאס מויל וואס הט גיזאגט איך וועל ניט שיקען די ישראל הוא דס אייגענע מויל האט גיבעטען צו אוועק שיקען קומו שטייט אויף אונ גייט ארוס ווי איר הט גירעט צו דינען גאט ולמה אונ וואס הט דס גיטויגט צו די מענטשען וואס זיינען גירעכענט ווי נישט לקנות זיי זאלען קונה זיין פאר שטאנד אונ האבען ניט גיהאט קיין הארץ צו פר שטיין מותרים זיי זיינען אן גיזאגט געווארען אזוי ווי מען רירט אן אין שווארץ אפיל פון דעם אוג שכל ווי אזו הט מען ניט פר שטאנען דעם שכל פוטים די מצרים וואס צום אן הייב האבען זייא די ישראל גוטס גיטאן אבער אזו ווי זיי האבען דער נאך פר קרימט אזו זיינען זיי געווארען גימשפט: ובכן ויושע ה' אונ גאט הט גיהאלפען צו די ישראל אין דעם טאג וואס זיי זיינען ארוס גיגאנגען פון מצרים: אצולים זיי זיינען געווארען אפ געשייד פון דער ארבעט פון מצרים מיט אשטארקע מאכט אונ מיט נסים גוי אפאלק וואס זיי היטען ווארהאפטיקייט וויסען שאפט אונ חכמה זיינען זיי גיליט ועליגט פון גאט זיי ריידען אין דער תורה וואס זיא איז טייערער פון גין גאלד אונ אירע מצות אונ אירע לערנער פר שטייען זיי זמרות לובונג צו גאט גיבען זיי איין חלק פון זיין ארב

לָאֵל, נוֹתְנִים. חֵבֶל נַחֲלָתוֹ, מְכַנִּים. טְפוּלִים בּוֹ, וְעָלָיו נִשְׁעָנִים. יוֹדְעִים, מַה פָּעַל, דַּר מְעוֹנִים. כְּאֵזוֹר בְּמָתְנַיִם, נְתוּנִים. לוֹ דְבֵקִים, וּבְצִלּוֹ לָנִים:

לָנִים וּמִסְתּוֹפְפִים, בְּצֵל אֵל. מְשׁוּכִים, אַחֲרֵי אֵל. וּבְצוֹרְרֵיהֶם, נִלְחַם הָאֵל.
וַיַּרְא יִשְׂרָאֵל:

מוֹתַהַת, גָּבְהֵי מְרוֹמִים. נוֹטַעַת, אַדְנֵי הֲדוֹמִים. סוֹעֶרֶת, שְׁאוֹן יַמִּים. עוֹרֶפֶת, הֲמוֹן קָמִים. פּוֹרַעַת, דִּין עֲנָמִים. צוֹדָה, מְחַבְּלִים כְּרָמִים. קוֹלַעַת, עַד צִית רָמִים. רוֹמֶשֶׂת, עַד חוּג, תְּהוֹמִים. שׁוֹפֶטֶת, דִּין יְתוֹמִים. תְּהִלָּתוֹ, תָּמִיד הֱיוֹת נוֹאֲמִים:

נוֹאֲמִים, שְׁלוֹל חֵילָם, בְּלֵב מוּקְשֶׁה. כְּסִכְּרוּ, בְּיַד אֲדוֹנִים קָשֶׁה:
אָז יָשִׁיר מֹשֶׁה:

תּוֹדָה, וְקוֹל זִמְרָה. שֶׁבַח, וְהַלֵּל וּצְפִירָה. רוֹן וָעֹז, וְתִפְאָרָה. קוֹל אוֹמְרִים, אָשִׁירָה. צִלְצוּל, לְדָר בִּנְהוֹרָא. פּוֹדֶה, וּמֵחִישׁ עֶזְרָה. עוֹנֶה, בְּעֵת צָרָה. סוֹכֵת מֵעַמּוֹ, עֲתִירָה. נוֹתֵן תְּשׁוּעָה, לְעַם גִּבְרָא. מַצִּלִיל קָמֵיהֶם, בְּעֶבְרָה:

בְּעֶבְרָה, הֵשַׁח יְפֵיפִיָּה. וְדַלַּנִי, מִשְּׁאוֹל תַּחְתִּיָּה:
עָזִּי וְזִמְרָת יָהּ:

לוֹ, חִכְּתָה נַפְשִׁי. כְּבוֹדִי, וּמֵרִים רֹאשִׁי. יוֹדֵעַ בְּצַד נַפְשִׁי. טָס עַל עָב קַל, לְהַנְפִּישִׁי. חָמַל עָלַי, וְשָׁע רַחְשִׁי. זָכַר חַסְדּוֹ וֶאֱמוּנָתוֹ, לְהַחְפִּישִׁי. וַיַּעֲלֵנִי

בית ישראל

וָוערן זיי אַן גירופֶן טְפוּלִים זיי זיינֶן בַּאהֶעפְט צו אִים אונ אוֹף אִים זַיינֶן זיי אָן גילֶעהְנְט זיי וַוייסֶן וָוס הָט גיוָוערְקְט דֶר וָוס רוּעֶט אין הִימֶל כְּאֵזוֹר ווִי איין גַארְטֶל אִין די לֶענְדֶן זַיינֶן זיי גיהֶעפְט צו אִים אונ אִין זַיין שָׁאטֶן נֶעכְטִיגֶן זיי לָנִים זיי טוּעֶן נֶעכְטִיגֶען אִין שְׁאטֶען פוּן גָאט מְשׁוּכִים זייא הָאבֶּן זִיךְ גיצוֹגֶן נָאךְ גָאט מִיט זֵייעֶרֶר בַּאלֵיידִיגֶר הָט גָאט מִלְחָמָה גיהַאלְטֶען אונ די יִשְׂרָאֵל הָאבֶּען גיזֶעהְן די גְרוֹסְע מַאכְט פון גָאט מוֹתַהַת גָאט הָאט גיצוֹגֶען דֶעם הוֹכֶען הִימֶעל אונ הָט גיפְלַאנְצְט די שְׁוֶועלֶן פון דֶר עֶרְד סוֹעֶרֶת עֶר הָאט גִימַאכְט שְׁטוּרֶמֶען די אִינְדֶען פון דֶעם יַם אונ הָט אָפּ גיהַאקְט דָם בְּרוּמוּנְג פוּן די פַּיינְט פּוֹרַעַת דִין עֶר הָט גיצַאלְט דֶעם מִשְׁפָּט פון מִצְרַיִם וָוס הָאבֶּן גילוּגְט צו פַר דַארְבֶּן דֶעם וַויין גָארְטֶן דָם זַיינֶן די יִשְׂרָאֵל קוֹלַעַת עֶר הָט זיי גיוָוארְפֶן בִּיז אִין הִימֶל אונ עֶס הָט זיי צו בְּרָאכֶן בִּיז אִין תְּהוֹם שׁוֹפֶטֶת דִין וַוייל עֶר טוּט מִשְׁפָּטֶען דֶעם דִין פוּן יְתוֹמִים טוּט מֶען זַיין לוֹבּ תָּמִיד זָאגֶן נוֹאֲמִים די מִצְרַיִם הָאבֶּן גיזָאגְט מִיר וֶועלֶן רוֹבֶּן זֵייעֶר גוּטְץ מִיט איין שְׁוֶוער הַארְץ כְּסִכְּרוּ אַז זֵיי זַיינֶען אִיבֶּער גיעֶנְטְפֶערְט גיוָוארֶען אִין די הֶענְט פון מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן וָוס זַיינֶן צו זֵיי גיוֶועזֶן שְׁוֶוערֶע הַארֶן אָז אונ דֶענְסְטְמָאל הָט גיזוּנְגֶען מֹשֶׁה אונ די יִשְׂרָאֵל תּוֹדָה זַייא לוֹבֶּען אִים מִיט אַקוֹל פון אַגִיזַאנְג אונ לוֹבּ אונ בַּאשֵׁיינֶען אִים רוֹן אַגִיזַאנְג מִיט אַשֵׁיין שְׁטַארְקֵייט קוֹל אונ טוּעֶן זָאגֶן לָאמִיר זִינְגֶען צו גָאט וָוס עֶר וואוּנְט אִין לִיכְט אונ לֵייזְט אוֹם אונ אֵיילְט אַהִילְף עוֹנֶה עֶר עֶנְטְפֶערְט תָּמִיד צו זַיין פָאלְק אִין אֵיינְגְשַׁאפְט אונ פַר נֶעמְט זֵייעֶר גִיבֶּעט עֶר הָט גִיגֶעבֶּן אַהִילְף צום פָאלְק וָוס זַיינֶן גיוֶועזֶן גְלַייךְ ווִי נַיי גִיבָּארֶן אונ הָט גִימַאכְט פַר זִינְקֶן זַיינֶע שׂוֹנְאִים מִיט גְרִים צָארֶן בְּעֶבְרָה מִיט גְרִים צָארֶען הָט עֶר גִימַאכְט נִידֶערִיג די מִצְרַיִם אונ מִיךְ הָט עֶר אוֹף גִיהוֹבֶּן פון דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטֶן גְרוּבּ עָזִּי מַיין שְׁטַארְקֵייט אונ מַיין לוֹבּ אִיז צו גָאט לוֹ צו אִים טוּ אִיךְ הָאפֶן עֶר אִיז מַיין כָּבוֹד אונ טוּט אוֹף הֵייבֶּן מַיין קָאפּ יוֹדֵעַ עֶר וַוייס וֶוען מִיר אִיז אֵייגְג אונ שְׁוֶועבְּט אוֹף איין גְרִינְגֶן וָואלְקֶן צו מַאכֶן רוּעֶן מִיךְ חָמַל עֶר הָט זִיךְ דֶר בַּארִימְט

כְּמֹּיט רַפְשִׁי. הַמּוֹצִיאִי, כְּמַסְגֵּר לַחָפְשִׁי. דִּעֵךְ וְצִמֵּת, מְבָאִישִׁי. גִּלָּה כְּבוֹדוֹ עָלַי,
לְדָרְשִׁי. בַּצַּר לִי, קְרָאתִיו, וְלֹא נְטָשִׁי. אֵילִי וְחֵילִי, וְלֹא בְּזֶה לַחֲשִׁי:
לַחֲשִׁי, בֵּן, וַיֵּצֵא בְּחֵמָה. מוּל צָר, לְהִלָּחֵמָה:
יְיָ, אִישׁ מִלְחָמָה:

ע"פ א"ב

אָזַר עוֹז, וְעָט קִנְאָה. בְּשִׁרְיוֹן וְכוֹבַע, נִרְאָה. גֵּאוּת לָבֵשׁ, וְנִתְגָּאָה. דָּרַךְ קַשְׁתּוֹ, וּבְרַק חֲנִית הֶרְאָה. הִרְעִים רַעַשׁ, וְקוֹל תְּשׁוּאָה. וַתִּתְגָּעַשׁ וַתִּרְעַשׁ, אֶרֶץ וּמְלוֹאָהּ. זַלְעָף פּוּט וְלוּד, בִּמְשׁוֹאָה. חָרוֹב וְהֶחֱרִיב, בְּלִי רְפוּאָה. טָרַף זְרוֹעַ, וְקָדְקוֹד וּפֵאָה. יַחַד שׁוֹעַ וְקוֹעַ, וְשַׂר מֵאָה. כֻּלָּם, נִעֵר בְּכַלָּאָה. לְבַעֲבוּר, אוֹם הַנֶּהֱלָאָה:

הַנֶּהֱלָאָה. רִחֵף בְּצִלּוֹ. וְצָר, בְּתוֹךְ יָם הִצְלִילוֹ:
מַרְכְּבוֹת פַּרְעֹה, וְחֵילוֹ:

מַחֲנֵה צָר, וְכָל שְׁאוֹנוֹ. נָגִיד, וְנוֹשֵׂא כְלֵי־זֵינוֹ. שַׂר כָּל פֶּלֶךְ וּפֶלֶךְ, וּקְצִינוֹ.
עָטוּר כּוֹבַע, וְלָבוּשׁ שִׁרְיוֹנוֹ. פָּרָשׁ וְרַכָּב, מְצֻמֶּדֶת עַל מָתְנוֹ. צוֹעֵד בְּרֶגֶל,
וְקוֹלֵעַ בְּאַבְנוֹ. קָצִין וְנִקְלֶה, וְעַבְדּוֹ וַאֲדוֹנוֹ. (נ"א רוֹבֶה קַשָּׁת) רוֹמֵי קֶשֶׁת, וְאִטֵּר
יַד יְמִינוֹ. שָׁם פַּרְעֹה, וְכָל הֲמוֹנוֹ. תַּמּוּ נִבְרְתוֹ, וְהֵירַד שְׁאוֹל גְּאוֹנוֹ:

בית ישראל

אִיבֶּר מִיר אוּנ הָט זִיךְ גִיקֶערְט צוּ מַיין תְּפִלָּה אוּנ הָט גִידֵיינְקְט זַיין חֶסֶד וֶאֱמֶת צוּ פְרַייא מַאכֶן
מִיךְ וַיַּעֲלֵנִי עֶר הָט מִיךְ אוֹיף גִיבְּרַאכְט פוּן לֵיים עֶר הָט מִיךְ אוֹיס גִיצוֹיגֶען פוּן פַאר שְׁלִיסוּנְג אוּנ
הָט גִימַאכְט מִיךְ פְרַייא דִּעֵךְ עֶר הָט פַר שְׁטוֹסֶן אוּנ פַר שְׁנִיטֶן דִּי וָאס הָאבֶּען פַר שֶׁעמְט מִיךְ אוּנ
הָט אַנְפְּלֶעקְט זַיין כָּבוֹד מִיךְ צוּ פָארְשְׁטֶן בַּצַּר עֶס אִיז מִיר גִיוֶועֶן אֵיינְג הָאבּ אִיךְ אִים גִירוּפֶען
אוּנ עֶר הָט מִיךְ נִיט פַר לָאזֶען עֶר הָט מִיךְ גִישְׁטַארְקְט אוּנ הָאט נִיט מְבַזֶּה גִיוֶועֶן מַיין תְּפִלָּה
לַחֲשִׁי מַיין תְּפִלָּה הָט עֶר פַר שְׁטַאנֶן אוּנ הָט מִלְחָמָה גִיהַאלְטֶן מִיט דֶעם פֵיינְט מִיט צָארֶען ה'
גָּאט אִיז אַבַּעַל מִלְחָמָה עֶר אִיז גִיוֶועֶן אָן גִיגוּרְט מִיט שְׁטַארְקַייט אוּנ קִנְאָה אוּנ הָט זִיךְ גִיוִויזֶען
אוֹיף דֶעם יַם וִוי אִין אַפַּאנְצִיר מִיט אַהוּט גֵּאוּת עֶר הָט זִיךְ אָן גִיקְלֵייט מִיט גַּאֲוָה אוּנ אִיז וָוארֶען
גִיהֶערְשְׁט עֶר הָט גִיטְרָאטֶען זַיין בּוֹגֶען אוּנ הָט גִיוִויזֶען דֶעם קְלִינְג פוּן זַיין שְׁפִּיז הִרְעִים עֶר הָאט
גִיבְּרוּמְט אוּנ גִישְׁטוּרֶעמְט מִיט אֵיין קוֹל פוּן דוּנֶערֶען וַתִּתְגָּעַשׁ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָט גִישְׁטוּרֶעמְט
זַלְעָף עֶר הָט דֶר שְׁרָאקֶן דִי מִצְרִים מִיט בְּרֶעכֶנִשׁ חָרוֹב עֶר הָט זֵיי חָרוּב גִימַאכְט אַז עֶס זָאל קֵיין
רְפוּאָה נִיט הֶעלְפֶן טָרַף עֶר הָט פַר צוּקְט דִי אָרִים אוּנ דֶעם קָאפּ פוּן זֵייעֶר שְׁטַארְקֶען יַחַד אַלֶע
אִין אֵיינֶעם דִי חֲשׁוּבִים אוּנ דֶר וָוס הָט גִיהַאט צוּ שַׁאפֶן אִיבֶּר הוּנְדֶערְט כֻּלָּם עֶר הָט אַלֶע פַר
לֶענְט פוּן וֶועגֶן דִי יִשְׂרָאֵל וָוס זַיינֶען מִיד גִיוֶועזֶן פוּן קְנֶעכְטְשַׁאפְט הַנֶּהֱלָאָה דִי מִידֶע יִשְׂרָאֵל הָט
עֶר בַּאשִׁיצְט מִיט זַיין שָׁאטֶן אוּנ דֶעם בַּאלֵיידִיגֶער דִי מִצְרִים הָט עֶר גִימַאכְט פַר זִינְקֶען אִין יַם
מַרְכְּבוֹת דִי רַייט וֶועגֶן פוּן פַּרְעֹה אוּנ זַיין חַיִל הָט עֶר גִיוָוארְפֶן אִין יַם:

מַחֲנֵה צָר דִי מַחֲנֶה פוּן דֶעם בַּאלֵיידִיגֶער מִיט גָאר זַיין בְּרוּמוּנְג דִי הַארֶן מִיט זֵייעֶרֶע בַּאדִינֶער
וָוס הָאבֶּן זֵיי נָאךְ גִיטְרָאגֶן דָס כְּלֵי זַיִן שַׂר דִי הַארֶן פוּן אִיטְלִיכֶער שְׁטָאט אוּנ פוּן זַיין
חַיִל עָטוּר זַיינֶען גִיוֶועֶן אָן גִיצוּרְט אִין אַהוּט אוּנ אָן גִיקְלֵייד אִין אַפַּאנְצֶר פָּרָשׁ דִי רַייטֶער זַיינֶען
גִיוֶועֶן בַּאהֶעפְט מִיט שְׁוֶוערְדִין אִין זֵייעֶרֶע לֶענְדֶן צוֹעֵד דִי פוּס גֵייעֶר אוּנ דִי וָוס הָאבֶּן גִיוָוארְפֶן
מִיט שְׁטֵיינֶער קָצִין דִי הַארֶן אוּנ פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשֶׁן אוּנ קְנֶעכְט מִיט זֵייעֶרֶע הַארֶן רוֹמֵי דֶר וָוס הָט
גִיוָוארְפֶן מִיטֶן בּוֹגֶן אוּנ דֶר וָוס אִיז גִיוֶועֶן גְלִינְקְט זַיין רֶעכְטֶע הַאנְט שָׁם דָארְט אִיז גִיוֶועֶן פַּרְעֹה
מִיט גָאר זַיין חַיִל זַיינֶען אַלֶע צוּ גַאנְגֶען אוּנ פַר שְׁנִיטֶן גִיוָוארֶען אוּנ הָאבֶּען גִינִידֶערְט אִין גֵיהִנֹּם

גְּאוֹנוֹ, בְּקַע. וּשְׁאוֹנוֹ נֶחֱרָמוּ. וַיַּחַד כֻּלָּם, נֶהֱמָמוּ:
תְּהוֹמוֹת, יְכַסְיֻמוּ:

ע"פ תשר"ק
תְּהוֹם אֶל תְּהוֹם, קָרָא. שְׁאוֹן סוּף, לְעֻמָּם נִתְגָּרָה. רַעַם וָרַעַשׁ, וְקוֹל עֶבְרָה. קָדִים, וְסוּפָה וּסְעָרָה. צִנּוֹרוֹת, מִפֹּה וּמִפֹּה, מְקַלְּחִין בִּגְבוּרָה. פְּלָגִים, יִבְלֵי נְהָרָה. עֶבְרָה וָזַעַם, וְצָרָה. סָבִיב בְּעַתּוּהוּ, צַר עִם כָּל שְׁיָרָה. נִשְׁקְעוּ כֻלָּם יַחַד, כַּאֲבָרָה. מִבְּלִי הוֹתִיר. מוֹלִיךְ בְּשׁוּרָה:

בְּשׁוּרָה יָצְאוּ, וְהָלוּ, כָּל בַּעֲלֵי מְדָנַי. וְאַדִּירוּהוּ יַחַד, צִיר וְכָל הֲמוֹנַי:
יְמִינְךָ יְיָ:

לְמַעַן סַפֵּר בְּכָל גֵּיא, שִׁמְךָ. כֹּחֲךָ הֶרְאֵיתָ, בְּמִתְקוֹמְמֶיךָ. יָצָאתָ לְיֵשַׁע עַמֶּךָ. טִבְחָה לָשִׁית, בְּקָמֶיךָ. חָשַׂפְתָּ, יְמִין תַּעֲצוּמֶיךָ. זְרוֹת כַּמּוֹץ, לוֹחֲמֶיךָ. נִתְנָהוֹם, בְּשַׁאֲגַת רְעָמֶיךָ. הֲמוֹן הוֹמִים, לְעַמֶּךָ. דִּין גָּמוּר, דַּנְתָּ, כִּנְאָמֶךָ. גּוֹי הַמַּעֲבִיד, רְחוּמֶיךָ. בְּכָל גּוֹיִם. נִשְׁמַע נְקָמֶיךָ. אֲשֶׁר עָשִׂיתָ, לְעַמֶּךָ: לְעַמְּךָ. קוֹלָם הִסְכֵּיתָ, מִמְּעוֹנֶךָ. וְרוֹדְפֵיהֶם, הִכְנַעְתָּ בַּחֲרוֹנֶךָ:
וּבְרוֹב גְּאוֹנְךָ:

ע"פ א"ב
אַדֶּר גֵּאוּת, לָבַשְׁתָּ. בְּעֻזְּךָ, יָם כְּפוֹרַרְתָּ. גֵּאוּת עָרִיצִים. הִשְׁפַּלְתָּ. דַּכְּאוּת דַּלִּים, רוֹמַמְתָּ. הֲלֹא מֵי יַם סוּף, הוֹבַשְׁתָּ. וּבְמַעֲמַקֵּי יָם, דֶּרֶךְ שַׂמְתָּ. זַכִּים, בּוֹ הֶעֱבַרְתָּ.

בית ישראל

גְּאוֹנוֹ זַיין הֶערְשַׁאפְט מִיט זַיין בְּרוּמוּנְג זַיינֶען וָוארֶען פַר ווִיסְט אוּנ זַיינֶען אַלֶע פַר טוּמִילְט גִיוָוארֶען. תְּהוֹמוֹת דִי אָפּ גְרוּנְטֶען הָאבֶּען זֵיי צוּ גִידֶעקְט. תְּהוֹם אֵיין תְּהוֹם הָט גִירוּפֶען דֶעם אַנְדֶערֶען דָס בְּרוּמוּנְג פוּן דֶעם יַם סוּף הָט זִיךְ אַנְטְקֶעגֶען זֵייא גִירֵייצְט. מִיט דוּנֶערֶען אוּנ מִיט גְרִים צָארֶען אוּנ מִזְרַח ווִינְט אוּנ שְׁטוּרֶם ווִינְד צִנּוֹרוֹת עֶר מַאכְט רִינֶען דֶעם יַם אוֹף בֵּיידֶע זַייטֶען מִיט שְׁטַארְקֵייט פְּלָגִים אַלֶע טֵייכֶען פוּן דֶר וֶועלְט זַיינֶען צוּ טֵיילְט גִיוָוארֶען עֶבְרָה אֵיינְגְשַׁאפְט אוּנ גְרִים צָארֶען הָט גִיטָאן אַרוּם רִינְגְלֶען אוּנ דֶר שְׁרֶעקֶען דֶעם בַּאלֵיידִיגֶער מִיט זַיין חַיִל נִשְׁקְעוּ זֵיי זַיינֶען פַר זוּנְקֶען גִיוָוארֶען אַלֶע חַי בְּלַייא מִבְּלִי עֶס אִיז נִיט אִיבֶּער גִיבְּלִיבֶּען קֵיינֶער זָאל זָאגֶען דִי בְּשׁוּרָה יָצְאָה דִי בְּשׁוּרָה אִיז אַלֵיין. אַרוּם גִיגַאנְגֶען אוּנ זַיינֶען וָוארֶען דֶר צִיטֶערְט אַלֶע מַיינֶע קְרִיגֶער וְאַדִּירוּהוּ אוּנ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִיט אַלֶע יִשְׂרָאֵל הָאבֶּען בַּאשֵׁיינְט גָאט יְמִינְךָ ה' דַיין רֶעכְטֶע הַאנְט גָאט אִיז בַּאשֵׁיינְט מִיט קְרַאפְט לְמַעַן כְּדֵי מֶען זָאל דֶר צֵיילֶען דַיין נָאמֶען כֹּחֲךָ דַיין כֹּחַ הָאסְטוּ גִיוִויזֶען אוֹף דַיינֶע שׂוֹנְאִים אוּנ בִּיסְט אַרוּם גִיגַאנְגֶען צוּ הֶעלְפֶען דַיין פָאלְק טִבְחָה צוּ טָאן אֵיין שֶׁעכְטוּנְג אִין דַיינֶע פַיינְט הָאסְטוּ אַנְטְפְּלֶעקְט דָס שְׁטַארְקֵייט פוּן דַיין רֶעכְטֶע הַאנְט זְרוֹת דוּ הָאסְט גִיטָאן פַר שְׁפְּרֵייטֶען וִוי מֶעקֶעגֶע דַיינֶע פַיינְט אוּנ הָאסְט זֵיי פַר טוּמִילְט מִיט אַגִישְׁרֵיי פוּן דוּנֶערֶען הֲמוֹן דָאס פָאלְק וָוס הָאבֶּען גִיטָאן בְּרוּמֶען אַנְטְקֶעגֶען דִיר הָאסְטוּ זֵיי גִימִשְׁפָּט מִיט דֶעם מִשְׁפָּט וָוס דוּ הָאסְט גִיזָאגְט צוּ אַבְרָהָם גּוֹי דָס פָאלְק וָוס הָאבֶּען גִיטָאן אַרְבֶּעטֶען מִיט דַיינֶע לִיבֶּע הָאבֶּער בְּכָל מֶען הָט גִיהֶערְט אִין גַאנְצֶען לַאנְד דִי נְקָמָה וָוס דוּ הָאסְט גִיטָאן פוּן דַיין פָאלְק וֶועגֶען לְעַמְּךָ פוּן דֶעם הִימֶל הָאסְטוּ פַר נוּמֶען דָאס קוֹל פוּן דַיין פָאלְק וְרוֹדְפֵיהֶם אוּנ מִיט דַיין גְרִים צָארֶען הָאסְטוּ גִימַאכְט אוּנְטֶער טֶענִיג זֵייעֶרֶע נָאךְ יָאגֶער וּבְרוֹב אוּנ מִיט דַיין פִיל הֶערְשַׁאפְט אַדֶּר הָאסְטוּ זִיךְ אָן גִיקְלֵיידֶעט מִיט שֵׁיינְקֵייט אַז דוּ הָאסְט צוּ בְּרֶעקִילְט מִיט דַיין שְׁטַארְקֵייט דֶעם יַם גֵּאוּת דָס הָאפֶערְדִיקֵייט פוּן דִי שְׁטַארְקֶע הָאסְטוּ נִידֶערִיג גִימַאכְט דָס פַר שְׁטוּסִינְקֵייט פוּן דִי אָרִימֶע הָאסְטוּ דֶער הוֹבֶּען הֲלֹא פַאר וָואר דֶעם יַם הָאסְטוּ גִימַאכְט טְרוּקֶען אוּנ אִין טִיפֶען יַם הָאסְטוּ גִימַאכְט אַוֶועג זַכִּים דִי לוֹטֶערֶע יִשְׂרָאֵל הָאסְט

חֲנֵפִים, בְּתוֹכוֹ שִׁקַּעְתָּ. טִבְעֲךָ, בָּעוֹלָם הוֹדַעְתָּ. יִרְאָתְךָ, עַל פְּנֵי כָל הָעַמִּים, תַּתָּה. כַּסְלוּחִים, עֵת הִכְנַעְתָּ. לְבַדְּךָ, עַל כָּל אֱלוֹהַּ, נִתְגַּדַּלְתָּ:

נִתְגַּדַּלְתָּ וְנִתְקַדַּשְׁתָּ, לִשְׁבּוֹר רָאשֵׁי תַנִּינִים, בְּתָקְפֶּךָ. וְהִסְעַרְתָּ לֵב יָם, בְּזַעְפֶּךָ וּבְרוּחַ אַפֶּךָ:

מִפֹּה וּמִפֹּה, עֲרֵמוֹת. נוֹזְלִים צָגוּ, כַּחוֹמוֹת. סוֹעֲרוּ, וְקָפְאוּ תְהוֹמוֹת. עָמְדוּ צְרוּרִים, כַּחֵמוֹת. פָּנוּ כָּאן וְכָאן, שָׁלִישׁ רוּם מֵימוֹת. צָעוּ הַנּוֹתָרִים, לְמִדְרַס פְּעָמוֹת. קוֹרְעוּ, אֶת שֶׁבִּנְהָרִים וַאֲגַמּוֹת. רִבָּה בּוֹר וְשִׁיחַ, וְנִקְרַת אֲדָמוֹת. שְׁאוּבִים, אַף שֶׁהָיוּ, בְּכָל מְקוֹמוֹת. תּוֹכוֹ יַחַד, בִּגְזֵרַת לוֹבֵשׁ נְקָמוֹת:

נְקָמוֹת וְקִנְאָה, יָעַט שׂוֹנְאָיו, לַהֲדוֹף. כְּמוֹ לְשֶׁעָבַר, עָט לִנְדּוֹף: אָמַר אוֹיֵב, אֶרְדּוֹף:

ע"פ תשר"ק

תַּעֲלוּלֵי צָר, וְרוֹעַ מַעֲלָלֵיהוּ. שָׁקֵט וְשָׁלֵו, לֹא הִנִּיחוּהוּ. רוּחַ עָרִיצִים, הִתְעָהוּ. קִיאוֹ, לָשׁוּב וּלְבַלְּעֵהוּ. צוֹר, עֲבוֹר לִגְבוּלוֹת, שְׁטַר נְשִׁיֵּהוּ. פִּלַּג לִבּוֹ, וְהִשְׁגָּהוּ. עַם הַנִּתָּק, מִמְּתַלְּעוֹת פִּיהוּ. שָׂח, אֶרְדּוֹף אַשִּׂיג, וַאֲכַלֵּהוּ. נִפְרַע סְאָה בִּסְאָה, כְּרִשְׁעֵהוּ. מָדַד לוֹ, כְּנֶגֶד מִדּוֹתֵיהוּ:

מִדּוֹתֵיהוּ נִאֵץ, מִי יְיָ, מוּל שְׁלוּחֶךָ. גַּרַרְתּוֹ בְּמֵי יָם, לְהוֹדִיעוֹ כֹּחֶךָ:

בית ישראל

אִיבֶּר גִיפִירְט אוּנ דִי מִצְרַיִם הָאסְטוּ דֶר טְרוּנְקֶן טִבְעֲךָ דַיין טֶבַע הָאסְטוּ מוֹדִיעַ גִיוֶועְן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּנ דַיין פָאְרְכְט הָאסְטוּ גִיטָאן אוֹיף דֶעם גַאנְצֶן לַאנְד כַּסְלוּחִים אַז דוּ הָאסְט אוּנְטֶר טֶענִיג גִימַאכְט דִי מִצְרַיִם בִּיסְטוּ אַלֵיין דֶר גְרוֹסְט גִיוָוארֶן אִיבֶּר אַלֶע אָפּ גֶעטֶער נִתְגַּדַּלְתָּ אַז דוּ הָאסְט צוּ בְּרָאכֶן דִי קֶעפּ פוּן דִי מִצְרַיִם בִּיסְטוּ גְרוֹס אוּנ גִיהֵייליגְט גִיוָוארֶן וְהִסְעַרְתָּ אִין מִיטֶן יַם הָאסְטוּ גִיטָאן שְׁטוּרֶמֶן מִיט דַיין שְׁטוּרֶעם ווִינְד וּבְרוּחַ אוּנ מִיט דֶעם ווִינְט פוּן דַיינֶע נָאז לֶעכֶער זַיינֶען וָוארֶן גִיהֵייפְט דָס וַואסֶר מִפֹּה פוּן בֵּיידֶע זַייטֶן זַיינֶען גִיבְּלִיבֶּן שְׁטֵיין דִי רִינֶענְדִיגֶע וַואסֶער ווִיא אַמוֹיעֶר סוֹעֲרוּ זַיי הָאבֶּן גִישְׁטוּרֶעמְט אוּנ פַר גְלִיוֶוערְט גִיוָוארֶן דִי אָפּ גְרוּנְדֶען אוּנ זַיינֶן גִיבְּלִיבֶּן שְׁטֵיין ווִי אַפַּאר כּוּנְדִיגֶר לַאגִיל פַּנּוּ זַיי הָאבֶּן זִיךְ צוּ שְׁפְּרֵייט אוֹיף בֵּיידֶע זַייטֶען דָס וַואסֶר אוּנ אַדְרִיט חֵלֶק פוּן דִי הוֹכֶע וַואסֶר צָעוּ אִיז אוּנְטֶר גִיבֶּעט אוּנ פַר גְלִיוֶוערְט גִיוָוארֶן אוּנְטֶר זַייעֶרֶע פִּים קוֹרְעוּ אַז דָס יַם אִיז צוּ שְׁפָּאלְטֶן גִיוָוארֶן זַיינֶן אַלֶע טַייכֶן צוּ שְׁפָּאלְטֶן גִיוָוארֶן רִבָּה נָאךְ מֶער אֲפִילוּ דִי וַואסֶר וָוס זַיינֶען גִיוֶועְן אִין גְרִיבֶּר אוּנ אִין בְּרוּנֶן פוּן דֶר עֶרְד אוּנ דָס וַואסֶער וָוס מֶען הָט אִין אַלֶע עֶרְטֶר אָן גִישֶׁעפְּט זַיינֶן אוֹיף דֶר הֶעלְפְט צוּ שְׁפָּאלְטֶן גִיוָוארֶן מִיט דֶר גְזֵירָה פוּן גָאט וָוס הָט זִיךְ אָן גִיקְלֵיידֶעט מִיט נְקָמָה נְקָמוֹת עֶר הָט זִיךְ אָן גִיקְלֵיידֶעט נְקָמוֹת אוּנ קִנְאָה צוּ פַר שְׁטוֹיסֶן זַיינֶע פַיינְט כְּמוֹ אַזוֹ ווִי עֶר הָט זִיךְ פְרִיעֶר אַיין גִיהִילְט צוּ פַר שְׁטוֹיסֶן פַּרְעֹה אָמַר דֶר פַיינְט הָט גִיזָאגְט אִיךְ וֶועל אִים נָאךְ יָאגֶן. דִי שְׁפֶּלֶע מַעֲשִׂים מִיט שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְק הָאבֶּן אִים נִיט גִילָאזְט רוּעֶן רוּחַ דָס שְׁטַארְקֶע גִימִיט הָט אִים גִימַאכְט פַר אִירְט דִי יִשְׂרָאֵל וָוס עֶר הָאט פְרִיעֶר אַרוֹיס גִיטְרִיבֶּן הָט עֶר גִיוָואלְט צוּרִיק זַיי אַיין שְׁלִינְגֶען צוּר גָאט הָט גִיוָואלְט אָפּ נֶעמֶן זַיין חוֹב הָט עֶר אִים צוּ טֵיילְט זַיין הַארְץ אוּנ הָט אִים גִימַאכְט מִיסְט גְרֵייפֶען. דָס פָאלְק וָוס אִיז וָוארֶן אַוֶועק גִירוּקְט פוּן זַיינֶע בַּאק צֵיינֶר פוּן זַיין מוֹיל עֶר הָט גִיזָאגְט אִיךְ וֶועל זַיי נָאךְ יָאגֶן אוּנ וֶועל זַיי גְרֵייכֶן אוּנ וֶועל זַיי פַר לֶענְדֶען נִפְרַע עֶר אִיז גִיצָאלְט גִיוָוארֶן מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה נָאךְ זַיינֶע מַעֲשִׂים נָאךְ מִדּוֹתֵיהוּ זַיין מִדָּה אִיז גִיהֶען צוּ דֶר צֶערְנֶען אוּנ צוּ זָאגֶן וֶוער אִיז גָאט וָוס הָט דִיךְ גִישִׁיקְט גְּרַרְתּוֹ דוּ הָאסְט אִים גִישְׁלֶעפְּט אִין יַם צוּ לָאזֶען ווִיסֶען אִים דַיין כֹּחַ נָשַׁפְתָּ דוּ הָאסְט

נָשַׁפְתָּ בְרוּחֲךָ:

לְהָשִׁיב יָם. לְאֵיתָנוֹ. כִּפְנוֹת בּוֹקֶר. לְעֵינֵינוּ. יָם הַגָּדוֹל. פָּרַץ מְאוֹנֵנוּ. מִרַף זֶה בָּזֶה. לְהַגְבִּיר שְׁאוֹנוֹ. חַי כָּל אֶחָד וְאֶחָד. בְּעוֹד יְשָׁנוֹ. זִלְעֵף רוּחוֹ. בְּתוֹךְ נְדָנוֹ. וַיַּעֲלֵם. עַד רוּם מְעוֹנוֹ. הוֹרִידָם לְמַטָּה. בְּדָכְיוֹת עֲשׁוּנוֹ. דִּבֵּק סוּס בְּרֶכֶב. וְהִשְׁמִיט אוֹפַנּוֹ. גְּרָרָם בְּכוֹבֶד. בְּמֶתֶג רִסְנוֹ. בְּלֵב יָם הֱבִיאָם. בְּעֶצֶם אוֹנוֹ. אֲכָלוֹ. כְּקַשׁ יָבֵשׁ. בַּחֲרוֹנוֹ:

בַּחֲרוֹנוֹ. יָרָה בַיָּם. אֱוִילִים. וְשׁוֹרְרוּ לוֹ. בְּנֵי אֵלִים:

מִי כָמֹכָה. בָּאֵלִים:

ע"פ א"ב

אֱלוֹהַּ. עַל כָּל אֱלֹהִים. בּוֹרֵא עוֹמֶק. וְרוּם גְּבוֹהִים. גּוֹזֵר יָם. גַּלָּיו לְבַל יֶהֱמוּ זוֹהִים. הוֹק וָהֶלֶד. מֵאֵימָתוֹ נִרְהִים. הָאוֹמֵר לַחֶרֶס. וְזוֹהֲרָיו כֵּהִים. וְחוֹתֵם בְּעַד הַכּוֹכָבִים. וְלֹא מַגִּיהִים. זִיקוֹת וּבְרָקִים. מִמֶּנּוּ נִשְׁלָחִים. חָשִׁים בִּשְׁלִיחוּתוֹ. וְלֹא שׁוֹהִים. טִכֵּס. גַּלְגַּל קָבוּעַ. וּמַזָּלוֹת צוֹמְחִים. יַחַד כְּסִיל וְכִימָה. עִמָּם זוֹרְחִים. כּוֹנֵן עָשׁ בַּצָּפוֹן. וְעַקְרָב בַּדָּרוֹם. מוּנָחִים. לְיִחוּד שְׁמוֹ. כֻּלָּם מוֹכִיחִים:

מוֹכִיחִים מַעֲשֶׂיךָ. אַהֲבַת אֱמוּנֶיךָ. לִבְלוֹעַ לוֹהֲצֵי הֲמוֹנֶיךָ:

נָטִיתָ יְמִינְךָ:

מוּמָתִים וְלֹא מֵתִים. בְּעוֹדָם. נַפְשׁוֹתָם. עֲדַיִן צְרוּרוֹת. בְּחֶלְדָּם. סֵעֵר סוּף. לְיַבֶּשֶׁת לְיַדָּם. עֵיפָתָה אַף הִיא. קְלָעָתָם לְבֵית מְצוּדָם. פְּצוּעִים

בית ישראל

גיוויזעט מיט דיין ווינט לְהָשִׁיב גאנץ פְּרִי אום צו קערען דעם יַם צו זיין ערשטע שטארקייט יָם דער יַם הַגָּדוֹל האט אַרוּים גיבראכען פון זיין ראנד עֶס האט גיקלאפט אייגס אין אנדערען זיין ברומונג מיט שטארקייט אַז זיי האבען נאך גילעבט זִלְעֵף די נְשָׁמָה איז נאך גיוועזען אין גוף האט ער זיי אויף גיבראכט ביז אין הימעל אונ האט זיי גימאכט נידערן ביז אין וואלקען פון דעם יַם דִּבֵּק זַיְר האט באהעפט דס פערד צום רייטער אונ האט גישלעפט זייערע וועגען אין רעדער גְּרָרָם ער האט זיי גישלעפט מיט שווערקייט אונ האט זיי פר צאמט מיט איין צאם בְּלֵב יָם מיט זיין גרוים שטארקייט האט ער זיי גיבראכט אין מיטען יַם ער האט זיי פר ברענט ווי דארע שטרוי מיט זיין גרים צארן בַּחֲרוֹנוֹ מיט זיין גרים צארן האט ער גיווארפען אין יַם די נארישע מִצְרִים אונ די קינדער פון די שטארקע אָבוֹת האבען צו אים גיזונגען אונ האבען גיזאגט מִי כָמוֹכָה בָּאֵלִים ווער איז נאך אזו ווי דו צווישען די שטארקע אֱלוֹהַּ דער גאט וואס איז איבער אלע מַלְאָכִים אונ האט בַשאפען טאלען אונ הויכע בערג ער איז גוזר אויף דעם יַם זיינע אינדען זאלען זיך ניט מיט גַאֲוָה האלטען הימעל אונ ערד טוען פר זיין פארכט ציטערען ער זאגט צו דער זונן אונ צו דער לְבָנָה זיי זאלען טינקל זיין אונ טוט ער חַתְמֶנֶן די שטערען זיי זאלען ניט שיינען זִיקִים פון אים ווערען גישיקט דונערען אונ בליצען חָשִׁים זיי איילען אונ טוען זיין שְׁלִיחוּת אונ זאמען ניט ער האט מְתַקֵּן גיוועזען אונ האט גימאכט שפאנצען דעם גַלְגַּל פון דער זונן אונ דיא מַזָּלוֹת יַחַד דאס מַזָּל כְּסִיל וְכִימָה טוען אין איינעם שיינען. אנטקעגען מַזָּל עָשׁ וואס איז אין צָפוֹן איז דאס מַזָּל עַקְרָב אין דָרוֹם לְיִחוּד זיי טוען אלע ווייזען אז ער איז איין גאט מוֹכִיחִים דיינע מַעֲשִׂים טוען ווייזען דם ליבשאפט פון דיינע באגלייבטע יִשְׂרָאֵל לִבְלוֹעַ דו האסט גינייגט דיין רעכטע האנט צו מאכען איין שלינגען די פיינט זיי זענען גיוועזען טויט אבער ניט אין גאנצען טויט נַפְשׁוֹתָם זייער נְשָׁמָה איז נאך גיוועזען אין גיבונדען אין גוף סֵעֵר האט דער יַם

וְתִפְצָּעִים . וּמְפֻלָּח כְּבֵדָם. צְנוּפִים כַּדּוּר, עִם מַרְכְּבוֹת, כְּבוֹדָם. קָרוּעַ וּרְקוּעַ, נֶחֱרִים בַּעֲדָם. רִיב וּמַצָּה, נִתְגָּרוּ, עַל יָדָם. שַׁדַּי, הַמְשַׁלֵּם לְשׂוֹנְאָיו, לְהַאֲבִידָם. שָׁת יְמִינוֹ לָאָרֶץ, לִגְמוֹל לָהֶם חַסְדָּם. תָּפְתָּה, פָּעֲרָה פִּיהָ, וּבָלְעָה הוֹדָם. תְּחַתְּתוּ יַחַד, וְעַמָּם רֶכֶב וָסוּס, נִרְדָּם:

נִרְדָּם וְאָבַד, שְׁאוֹן בּוֹגְדֶיךָ. וּבְנֵי זֶרַע חֲסִידֶיךָ:

נָחִיתָ בְחַסְדֶּךָ:

צ״ט א״ב

אוֹרַח עוֹלָם, עֲלֵיהֶם, בְּאַהַב שָׁנִיתָ. בְּנֵי עֲבָדֶיךָ, כְּדֶרֶךְ אֲדוֹנִים, הִנְחִיתָ. גְּעְגּוּעִים, כְּאָב לְבָנִים, לָמוֹ עָשִׂיתָ. דְּבַשׁ מִסֶּלַע, אוֹתָם הֵנַקְתָּ. הִרְחַצְתָּ וְהִלְבַּשְׁתָּ, וְהִנְעַלְתָּ וְסַכְתָּ. וּבְסוֹלֶת וּדְבַשׁ וְשֶׁמֶן, אוֹתָם הִרְבֵּיתָ. זֶה בְּעַמּוּד עָנָן, הִנְחִיתָ. הוֹשֵׁךְ בְּעַמּוּד אֵשׁ, כְּמַנְהִיר נַעֲשֵׂיתָ. טַל מִתַּחַת וְלֶחֶם מִמַּעַל, לָמוֹ הֶחֱשַׁרְתָּ. יְאוֹרִים לִצְמָאָם, מִצּוּר הוֹצֵאתָ. כִּנַּסְתָּם לְהַר חֶמֶד, וּמִצְוֹת וְחֻקִּים הוֹרֵיתָ. לְמַעַנְךָ, כְּגוֹדֶל חַסְדְּךָ, לִנְוֵה קָדְשְׁךָ, נָחִיתָ:

נָחִיתָ סְגֻלָּתְךָ, יָם כְּגָזוֹן. וְצוֹרְרֵיהֶם, צִירִים כַּיּוֹלֵדָה, אֲחָזוּן:

שָׁמְעוּ עַמִּים, יִרְגָּזוּן:

מִקּוֹל מַפּוֹלֶת, שְׁאוֹן פּוֹרְכִים, נִרְעֲשׁוּ אִיִּים וְיוֹשְׁבֵי כְרַכִּים. סוֹלְעָמוּ, סוֹד נִמְלָכִים. עֻלְּפוּ, וְנָסוֹגוּ אָחוֹר, נְסִיכִים. פַּחוֹת וּסְגָנִים, נִמְרָכִים. צוֹר וְצִידוֹן, וְכָל

בית ישראל

גִישְׁטוּרֶעמְט אוּנ הָט זֵיי גִיוָוארְפֶן אוֹיף דֶר יַבָּשָׁה עִיפְּתָה אוּנ דִי עֶרְד הָט זֵיי אוֹיךְ צוּרִיק גִיוָוארְפֶן צוּ זֵייעֶרֶע עֶרְשְׁטֶע גִיפֵיינְקֶענִישׁ פְּצוּעִים זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען גִיבַּיילְט אוּנ גִילֶעבֶערְט זֵייעֶר לֶעבֶּער צְנוּפִים זֵיי הָאבֶּן זִיךְ גִיקַייקִילְט מִיט דִי רַייט וֶועגְן קָרוּעַ דֶר גִישְׁפָּאלְטֶענֶער יַם מִיט דֶר עֶרְד זֶענֶען בְּרוֹנְז גִיוֶוען צְווִישֶׁן זִיךְ אִיבֶּר זֵיי רִיב אוּנ הָאבֶּן זִיךְ גִיקְרִיגְט דֶר יַם הָט גִיזָאגְט נֶעם דִיר צוּ דַיינֶע בַּאשֶׁעפֶעגִישׁ אוּנ דִי עֶרְד הָט גִיזָאגְט נֶעם דִיר צוּ דִי וָוס דוּ הָאסְט זֵיי דֶר טְרוּנְקֶען שַׁדַּי גָאט וָוס עֶר צָאלְט זַיינֶע שׂוֹנְאִים אוּנ מַאכְט זֵיי פַר לִירֶן שָׁת הָט גִטְאן זַיין רֶעכְטֶע הַאנְט צוּ דֶר עֶרְד אַז זִיא זָאל אַיין שְׁלִינְגֶען אוּנ זָאל זֵיי גוֹמֵל חֶסֶד זַיין תָּפְתֶּה דָם גֵיהִנָּם הָט גִיעֶפִינְט זַיין מוֹיל אוּנ הָט אַיין גִישְׁלוּנְגֶן זֵייעֶר שֵׁיינְקֵייט תּוּחַתְּתוּ זֵיי הָאבֶּן אַלֶע גִינִידֶערְט דִי פֶערְד אוּנ רַייט וֶועגְן אוּנ זֶענֶען וִוי אַנְטְשְׁלָאפֶן גִיוָוארֶן נִרְדָּם דִי וָוס הָאבֶּן אִין דִיר גִיפֶעלְשְׁט זֶענֶען זֵיי אַנְטְשְׁלָאפֶן אוּנ פַאר לָארֶן גִיוָוארֶן אוּנ דִיא קִינְדֶער פוּן דִי פְרוּמֶע אָבוֹת הָאסְטוּ גִיפִירְט מִיט דַיין חֶסֶד אוֹרַח מַחֲמַת לִיבְּשַׁאפְט הָאסְטוּ אוֹיף זֵיי מְשַׁנֶּה גִיוֶוען דֶעם סֵדֶר פוּן דֶר וֶועלְט בְּנֵי עֲבָדֶיךָ דִי קִינְדֶר פוּן דַיינֶע קְנֶעכְט דִי אָבוֹת הָאסְטוּ גֶעפִירְט אִין וֶועג וִוי הַארֶען גְּעְגּוּעִים אַזוֹ וִוי אַקִינְד אִיז צִיטֶערִיג בַּיי זַיין פָאטֶר אַזוֹ הָאסְטוּ זֵיי גִיטָאן דְּבַשׁ דוּ הָאסְט זֵיי גִימַאכְט אֶן זֵייגֶען הָאנִיק פוּן אַ שְׁטֵיין. דוּ הָאסְט זֵייא גִיוַואשֶׁן אוּנ אָן גִיקְלֵיידֶעט אוּנ גֶעשְׁמִירְט אוּנ הָאסְט זֵייא גִימֶערְט מִיט זֶעמִיל מֶעל אוּנ הָאנִיק אוּנ אֵייל בַּיי טָאג הָאסְטוּ זֵיי גֶעפִירְט מִיט דֶעם עַמּוּד עָנָן אוּנ בַּיי נַאכְט הָאסְטוּ זֵיי גִילַייכְט מִיט אֵיין עַמּוּד אֵשׁ טַל דוּ הָאסְט זֵיי גִימַאכְט רֶעגֶענֶען מָן אוּנ מִיט טַל הָאסְטוּ זֵיי גִידֶעקְט יְאוֹרִים צוּ דִיא דָארְשְׁטִיגֶע הָאסְטוּ אוֹיס גִיצוֹיגֶען וַואסֶער פוּן אַ שְׁטֵיין כִּנַּסְתָּם דוּ הָאסְט זֵייא אֵיין גִיזַאמִילְט צוּם בַּארְג סִינַי אוּנ הָאסְט זֵיי גִיגֶעבֶּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת לְמַעַנְךָ מִיט דַיין וִוילֶען הָאסְטוּ זֵיי גִיפִירְט מִיט דַיין גְרוֹיס גִינָאד צוּ דַיין הֵיילִיגֶן וואוֹנוּנְג דַיינֶע גִילִיבְּטֶע יִשְׂרָאֵל הָאסְטוּ דֶעם יַם אִיבֶּר גִיפִירְט אוּנ זֵייעֶרֶע בַּאלֵיידִיגֶער הָט אָן גִינוּמֶען אֵיין וֵוייטָאג וִוי אֵיין גִיוִוינֶערִין שָׁמְעוּ פֶעלְקֶער הָאבֶּן גִיהֶערְט הָאבֶּן זֵיי גִיצִיטֶערְט מִקּוֹל פוּן דֶעם קוֹל וָוס זֵיי הָאבֶּן גִיהֶערְט וָוס דִי מִצְרִים הָאבֶּן אֵיין מַפָּלָה גִיהַאט וֶוער פַר וָוס זֵיי הָאבֶּן מִיט דִי יִשְׂרָאֵל גִיאַרְבֶּעט נִרְעֲשׁוּ הָאבֶּען גִישְׁטוּרֶעמְט דִי וָוס זִיצֶן אוֹיף דֶעם יַם אוּנ אִין גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט סוֹלְעָמוּ זֵיי הָאבֶּן זִיךְ אֵיין גִיזַאמִילְט וִוי אֵיין הֵיישֶׁעְרִיק

גְּלִילֵי פְּלֶשֶׁת, נְבוּכִים. קָצִין וָרָשׁ, וְאִישׁ תְּכָכִים. רֶטֶט הֶחֱזִיקוּ, וְכַמַּיִם נִשְׁפָּכִים.
שָׁמְמוּ עֲלֵיהֶם, הוֹלְכֵי דְרָכִים. תִּמָּהוֹן, קָמוּ מִכִּסְאוֹתָם, מְלָכִים:
מְלָכִים, הוֹלְלוּ וְהָרְעָלוּ. וְשֵׂעִיר וְזִמִּי וְאַרְוָדִי, חַלְחָלוּ:
אָז נִבְהֲלוּ:

ע״פ תשר״ק

תֵּימָן וְיוֹשְׁבָיו, נְפוּגִים. שִׁבְרוֹן לֵב, וְרִפְיוֹן יָדַיִם, מַשִּׂיגִים.
רַבֵּי מוֹאָב, מִתְמוֹגְגִים. קִינִים וָנֶהִי, בְּפִיהֶם הוֹגִים.
צְעִירֵי חָם, וְכָל אֵלָיו זוֹוּגִים. פָּחֲדוּ וְרָעֲדוּ, וְכַדּוֹנַג נְמוֹגִים.
עַרְקִי וְסִינִי, כַּשִּׁכּוֹר חוֹגִים. סוּעָה וָסַעַר, בָּם מַנְהִיגִים.
נִבְעֲרוּ כֻלָּם, וְנַעֲשׂוּ שׁוֹגִים. מְדַמְּמִים לָאָרֶץ, יָשְׁבוּ נוֹגִים:
נוֹגִים, קְטַנִּים וּגְדוֹלִים, כְּאֶחָד. וּכְאָז, כֵּן עַתָּה, כָּל צוֹרְרֶיךָ יַחַד:
תִּפּוֹל עֲלֵיהֶם, אֵימָתָה וָפַחַד:

לְמַעַן, לָמוֹג לְבָבֵיהֶם. כּוֹס חֲמָתְךָ. מְסוֹךְ בֵּינֵיהֶם. יִרְאָה וָרַעַד, יָבֹא בָהֶם.
טֵרוּף דַּעַת, בִּלְבָבֵיהֶם. חַלְחָלָה וּמַעַד. עַל מָתְנֵיהֶם. זִיעַ וָרֶתֶת, בְּכָל
אֵבְרֵיהֶם. וְכָשְׁלוּ מֵהֶם, וּבָהֶם. הֹוָה עַל הֹוָה, תָּבֹא עֲלֵיהֶם. דוּמָם, יֵשְׁבוּ

נותן בכוס עינו

כַּשִּׁכּוֹר חוֹגִים. עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען אַ אַלְטֶער שִׁכּוֹר, הָאט גֶעהַאט זֶעהְר אַ פֵיינֶעם זוּהְן אַ פְרוּמֶען מַאן, אִים הָאט דָאס נֶעבַּאךְ זֶעהְר גֶעקְרֶענְקְט, אוּנ הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטֶען בַּיי זַיין ‏פָּאטֶער, עֶר זָאל אוֹיפְהֶערִין צוּ שִׁכּוֹרֶען, אָבֶּער דֶער פָאטֶער הָאט אִים נִיט גֶעהָארְכְט, הָט דֶער זוּהְן גֶעזָאגְט צוּם פָאטֶער, לִיבֶּער פָאטֶער! אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹן פִיל מָאל גֶעבֶּעטֶן דוּ זָאלְסְט דַיין אוֹיפְפִירוּנְג אַוֶועק וַוארְפֶן, אִיךְ זֶעה אָבֶּער, אַז דוּ קֶענְסְט דִיךְ דֶער פוּן נִיט אָפּ גֶעוֵוינֶען, ווֶעל אִיךְ דִיר דֶיר פוּן נִיט מֶער אָפּ הַאלְטֶען, נַא דִיר וַויין טְרִינְק ווִי פִיל דוּ ווִילְסְט. אוּנ אַזוֹי ווֶעסְטוּ שְׁטֶענְדִיג בֶּעקוּמֶען, נָאר גֵייא נִיט אִין דִי קְרֶעטְשְׁמֶעס אוּנ וַואלְגֶער זִיךְ נִיט אִין אַלֶע דִינְשְׁטָאֶקֶען, אֵיין מָאל אִיז דֶער זוּהְן גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶער גַאס, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן ווִי אֵיינֶר לִיגְט שִׁכּוֹר, אוּם גֶעוַואלְגֶען אִין דִי בְּלָאטֶע, אוּנ דִיא קִינְדֶער וַוארְפֶען אִים פוּן אֵיין רִינְשְׁטָאק אִין דֶעם אַנְדֶערֶען, עֶר אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען, אוּנ הָאט גֶענוּמֶען זַיין פָאטֶער אִים ווַייזֶען ווִיא מִיאוּס דָאס אִיז אַ שִׁכּוֹר אוֹיף דִיא גַאס צוּ לִיגֶען, עֶר זָאל זֶעהְן דֶעם סוֹף פוּן אַ פִּיאַנִיצֶע, אֶפְשַׁר דוּרְךְ דֶעם ווֶעט עֶר אוֹיף הֶערִין צוּ טְרִינְקֶען, אָבֶּער ווִיא דֶער פָאטֶער הָאט דֶער זֶעהְן דֶעם פִּיאַנִיצֶע, אִיז עֶר צוּ אִים צוּ גֶעלָאפֶען אוּנ הָאט גֶעזָאגְט, זָאג מִיר בְּרוּדֶער ווִי קְרִיגְט מֶען אַזַא גוּטֶען וַויין, ווִי דוּ הָאסְט גֶעטְרִינְקֶען, דִיא צְווֵייא שִׁכּוֹרִים הָאבֶּען זִיךְ, גוּט בֶּעפְרַיינְדֶעט, אוּנ הָאבֶּען שׁוֹין נִיט גֶעווָאלְט אַוֶועק גֵיין אֵיינֶער פוּן אַנְדֶערֶען, אוּנ דֶר זוּהְן הָאט נֶעבַּאךְ גֶעמוּזְט פוּן דָארְטֶן אַוֶועק גֵיין מִיט אַ טְרוֹיעֶרִיג הַארְץ (תנחומא שמיני):

בית ישראל

אֵיין עֵצָה צוּ הַאלְטֶען אוּנ הָאבֶּען זִיךְ צוּרִיק גִיקֶערְט פַּחוֹת שְׁטַארְקֶע וֶוערִין שְׁלָאף אוּנ דִיא שְׁטֶעט צוֹר וְצִידוֹן אוּנ אַלֶע פְּלִשְׁתִּים זֶענֶען פַר קֶערְט גִיוָוארֶען קָצִין רַייכֶע אוּנ אָרֶעמֶע אוּנ מִיטֶעל מֶעסִיגֶע מֶענְטְשֶׁען הָאט אָן גִינוּמֶען אֵיין צִיטֶערְנִיש אוּנ זֶענֶען צוּ גָאסֶן גִיוָוארֶען ווִי וַואסֶר שָׁמְמוּ עֶס הָאבֶּען זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט אוֹיף זֵיי אַלֶע דִי ווָאס גֵייעֶן אִין ווֶעג תִּמָּהוֹן אַלֶע כַּסְלוּחִים זֶענֶען אוֹיף גִישְׁטַאנֶען פוּן זֵייעֶרֶע שְׁטוּלִין אוּנ הָאבֶּען זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט מְלָכִים אַלֶע כַּסְלוּחִים זֶענֶען פַר נַארֶעשְׁט גִיוָוארֶען אוּנ דִיא זֶענֶען דֶר שְׁרָאקֶען גִיוָוארֶען דֶענְסְטְמָאל זֶענֶען גִיוָוארֶען דֶר שְׁרָאקֶן דִי הַארֶען פוּן אֶדוֹם תֵּימָן דִי שְׁטָאט תֵּימָן מִיט אַלֶע זֵיצֶר זֶענֶען אוּיס גִיוֶועבְּט גִיוָוארֶען שִׁבְרוֹן זֵיי הָאבֶּען גִיגְרֵייבְט צוּ בְּרָאכֶעגֶע הֶערְצֶער אוּנ שְׁלַאפֶע הֶענְט דִי הַארֶען פוּן מוֹאָב זֶענֶען צוּ גַאנְגֶען אוּנ הָאבֶּען גִיקְלָאגְט מִיט זֵייעֶר מוֹיל דֶר יוּנְגְסְטֶער חָם אוּנ אַלֶע ווָאס זֶענֶען גִיוֶועזֶען מִיט אִים הָאבֶּען גִיצִיטֶערְט אוּנ זֶענֶען צוּ גַאנְגֶען ווִיא אַ וַואקְס עַרְקִי וְסִינִי דִי זֶענֶען גִיוָוארֶען פַר טוּמִילְט ווִיא אַ שִׁכּוֹר זֵייא זֶענֶען גִיוָוארֶען גִיפִירְט מִיט אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט נִבְעֲרוּ זֵיי זֶענֶען אַלֶע גִיוָוארֶען מְשׁוּגָע אוּנ זֶענֶען גִיזֶעסֶן אוֹיף דֶר עֶרְד אוּנ הָאבֶּען גִישְׁווִיגֶען אוּנ זֶענֶען גִיוֶועזֶען טְרוֹיעֶרִיג נוֹגִים דִי קְלֵיינֶע מִיט גְרוֹיסֶע זֶענֶען גִיוֶועזֶען טְרוֹיעֶרִיג אִיז אוֹיף זֵיי גִיפַאלֶען פָארְכְט אוּנ אַנְגְסְט לְמַעַן צוּ מַאכֶען זֵיי אָן טְרִינְקֶען אַ כּוֹס מִיט דַיין גְרִים צָארֶען כְּדֵי עֶס זָאל צוּ גֵיין זֵייעֶר הַארְץ יִרְאָה אֵיין צִיטֶערְנִישׁ אִיז אוֹיף זֵיי גִיקוּמֶען אוּנ אֵיין פַר צוּקוּנְג אִיז גִיוֶועזֶן אִין זֵייעֶר הַארְצֶן אֵיין דֶר שְׁרֶעקֶענִישׁ אוּנ אֵיין צִיטֶערְנִישׁ אִיז גִיקוּמֶען אוֹיף זֵייעֶרֶע לֶענְדֶען אוּנ אִין

תְּחִתֶּיהָ. נַעַר מְלָאִים, וְאֵין מַרְפֵּא לָהֶם. בָּנַיִךְ, עַד יַעַבְרוּ, לִגְבוּלֵיהֶם. אֶל הָאָרֶץ.
אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתָּ, לַאֲבוֹתֵיהֶם:
לַאֲבוֹתֵיהֶם. טוּב פֵּצַתָּ, מַלֵּא לְבָנֵימוֹ. וְאֶל הַר מָרוֹם, מְאַוֵּימוֹ:
תְּבִאֵמוֹ וְתִטָּעֵמוֹ:

ק״ק א״ב

אֶרֶץ, מִכָּל אֲרָצוֹת, עִשּׂוּר מְפוֹרָשָׁה. בְּעֶשֶׂר קְדֻשּׁוֹת, מְקֻדָּשָׁה.
גַּם עוֹד מְמֻנָּח, מַעֲשֵׂר מִן הַמַּעֲשֵׂר, מְנַת גָּבוֹהַּ הוּפְרָשָׁה:
דִּירַת יְבוּסִי, הִיא הָעִיר הַקְּדוֹשָׁה, הוּעֲלָה מֵאָז, בְּמַחֲשֶׁבֶת, עַד לֹא קָרָאתָ, יַבָּשָׁה. וְתָמִיד, עֵינֵי אֱלֹהִים בָּהּ, לְדָרְשָׁהּ. זִמְּנָהּ לוֹ לָכֶם שֶׁבֶת, וּלְיִשְׂרָאֵל יְרוּשָּׁה. הֵנוֹת בְּתוֹכָהּ, סְכוּת מֵהֶם, לְחִישָׁה. טַלְלֵם בְּצֵל, מֵחוֹרֶב מְצֹא נְפִישָׁה. יַחַד, לְחַשְׁכָם, מִזֶּרֶם וְרוּחַ קָשָׁה.
כָּל נֶגַע, וְכָל מַכָּה, אֲנוּשָׁה. לְהָסִיר מֵאוּם, מְשֻׁלָּשָׁה:
מְשֻׁלָּשָׁה. נָבְטָה, בְּרוּחַ לְהַרְעֵד. וּבִלְשׁוֹן עָתִיד, פָּתְחָה וְסִיְּמָה, לְהָעֵד:
יְיָ, יִמְלֹךְ, לְעוֹלָם וָעֶד:

מַלְכוּת, עַד לֹא קֶדֶם, קְדוּמָה. נֶצַח נְצָחִים, מְקוּיָּמָה.
סוֹף וָקֶדֶם וְתָוֶךְ עֲצוּמָה. עַד עוֹלְמֵי עַד.
מְסֻיָּמָה. פּוּטִּים כְּכַלָּה, בִּמְהוּמָה. צְנִיף מְלוּכָה, הִמְלִיכוּהוּ. דִּגְלֵי אֲיוּמָּה, קוּמוֹ לָעַד, דּוּמָּה לְהוּמְמָה. רוּם וְתַחַת.

בית ישראל

אַלֶע זייערע אֵבָרִים וְכָשְׁלוּ זיי זֶענֶען גישְׁטְרוֹיכִילְט גיוואָרען איין בְּרֶעכֶענִישׁ איז אויף זיי גיקוּמֶען אויף זייערע עֶרְטֶער זֶענֶען זיי גיזֶעסֶען אונ גישְׁווִיגֶען זיי זֶענֶען גיוועזֶן פוּל מיט גישְׁרַיי אונ עֶס האָט זיי קיין רְפוּאָה ניט גיהאָלְפֶען ביז וואַנֶען דיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גיקוּמֶען צוּ זייער גְבוּל צוּ דֶעם לאַנְד וואָס דוּ האָסְט גישְׁוואָרֶען צוּ זייערֶע עֶלְטֶערֶן דאָס גוּטְס וואָס דוּ האָסְט צוּ גיזאָגְט צוּ גֶעבֶען דִי אָבוֹת זאָלְסְטוּ דָס דֶער פִילֶען צוּ זייערֶע קִינְדֶער אונ זאָלְסְט זיי בְּרֶענְגֶען אונ פְלַאנְצֶען צוּם הויכֶען בארְג וואָס זיי גְלוּסְטֶען אֶרֶץ מִכָּל דָם לאַנְד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל איז אָפּ גישֵׁייד מַעֲשֵׂר זיא איז גיהֵיילִיגְט מיט צֶעהֶן עֶרְלֵיי קְדוּשׁוֹת אַזוֹי ווי דִי לְוִיִּם פוּן זייער מַעֲשֵׂר האָבֶן זיי אויךְ גיגֶעבֶן דִי כֹּהֲנִים מַעֲשֵׂר אַזוֹי האָבֶן דִי יִשְׂרָאֵל פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אָפּ גישֵׁייד דִי שְׁטאָט יְרוּשָׁלַיִם צוּ גאָט דִי הֵיילִיגֶע שְׁטאָט יְרוּשָׁלַיִם איז גיוועזען דאָרְטֶן וואו יְבוּסִי האָט גֶעוואוּנְט אֵיידֶר דִי וועלְט איז בַּשַׁאפֶן גיוואָרֶען איז אויף גיגַאנְגֶען אויף דֶר מַחֲשָׁבָה פוּן גאָט אַז דאָרְטֶן זאָל זיין דֶר בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אונ גאָט טוּט זיא תָּמִיד פאַרְשְׁטֶן זיא איז אָן גיבְּרֵייט גיוואָרֶען פַר אַשְׁטוּל צוּ גאָט אונ איין יְרוּשָׁה צוּ דִי יִשְׂרָאֵל עֶר טוּט דאָרְטֶן רוּעֶן כְּדֵי עֶר זאָל פַר נֶעמֶען דִי תְּפִלּוֹת פוּן זיי צוּ בַּאדֶעקֶען זיי מיט איין שָׁאטֶען פַר דֶר הִיץ כְּדֵי זיי זאָלֶען רוּעֶן צוּ פַר מַיידֶען זיי פוּן אַשְׁטארְקֶען שְׁטוּרֶעם ווינְט אָפּ צוּ טאָן אַלֶע מַכּוֹת פוּן זיי וואָס זֶענֶען גיטֵיילְט אויף דְרַיי חֲלָקִים כֹּהֲנִים לְוִיִּם אונ יִשְׂרְאֵלִים מְשׁוּלָּשָׁה דִי יִשְׂרָאֵל האָבֶן גירֶעט מיט נְבוּאָה צוּ עֵדוּת זאָגֶען דִי אֵייבִּיקֵייט פוּן גאָט אונ מיט איין לָשׁוֹן עָתִיד האָבֶן זיי אָן גיהוֹיבֶן דִי שִׁירָה ... עֶן אַז יָשִׁיר איז טַייטְשׁ זיי וועלֶן זִינְגֶען לֶעָתִיד אַז מָשִׁיחַ וועט קוּמֶען אונ האָבֶן אוֹיס גילָאזֶען אויךְ מיט איין לָשׁוֹן עָתִיד ה׳ יִמְלֹךְ לְעוֹלָם וָעֶד איז טַייטְשׁ גאָט וועט קִינִיגֶען צוּ אֵייבִּיג מַלְכוּת זַיין מְלוּכָה איז גיוועזען אֵיידֶר דִי וועלְט איז בַּאשַׁאפֶן גיוואָרֶען עֶר איז גיוועזען אונ איז הַיינְט אויךְ אונ וועט זַיין אויף אֵייבִּיג זַיינֶע צֵייכֶען זֶענֶען אויף אֵייבִּיג אַז עֶר האָט פַאר לֶענְט דִי מִצְרַיִם מיט פַאר טוּמְלוּנְג האָבֶן אִים דִי יִשְׂרָאֵל וואָס האָבֶן גירוּעֶט מיט פִיר דְגָלִים גיטאָן קְרֵיינֶען מיט אַשֵׁיינֶער ... רוֹין מיט פאַרְכְּם וועט מֶען אִים מַאכֶען קִינִיגֶען אויף דֶעם הִימֶל אונ אויף דֶר עֶרְד דִי הִימְלֶען

ימליכוהו, באימה. שמים יפצחו, רנן, נעימה. תהלתו יתנו, כל מלכי אדמה: חזן אז, יהפך אל עמים, שפה ברורה יחד. לקרא כלם, בשם המיוחד. וימאסון, איש אלילי כספו, ואיש אלילי זהבו, בבהל. ויטו שכם אחד. לעבדו, בפחד:

בפחד וברעד, ימליכוהו. גוי אחד. ואותנו יעשה, לגוי אחד:

ביום ההוא יהיה יי, אחד. ושמו אחד:

ובכן, ויי תעלה קדשה, כי אתה, קדוש ישראל ומושיע:

אומץ גבורותיך, מי ימלל. ומי יעצור כח, שבחך למלל. אלו פינו, מלא כים, שירה והלל. וכל שערות ראשינו, לשונות להתפלל. ובם אנו עסוקים, יומם ולילה. לא נוכל, להספיק מלל. על אחת, מרבי רבבות, שמך להלל. אשר הפלאת וחשבת, להתעולל. על עם, אשר לך, מתחולל. בטרם הרים ילדו, וארץ תחולל. חשקתם לשמך, באהב לכלל. היות לך לבנים, ואתה למו מחולל. בצל ידך, אותם לטלל. על כל עם ולשון, ראשם להתלל. באורח חיים, אותם להסלל. בלי להחליפם, באמה אחרת, אותם לחלל. להתפאר בם, והם בך, להתהלל: כי מי אלוה זולתך, בעליונים. ומי כעמך ישראל, גוי אחד, בתחתונים. אשר הלכו אלהים, לפדותם ממענים. במסות, באותות ובמופתים, משונים. כאשר עשית, אדוני האדונים. לבני שלשת איתנים, אשר בשבילם טפסת, ממעונים. ברכוב כרוב, ורוח ועננים. ונגלית בכבודך, באדמת צוענים. ונעו מלפניך,

---

בית ישראל

זעלען עפענען אזיס געזאנג אלע מלכים פון דר וועלט וועלען זאגן זיין לויב אז דעמאלט וועט פר קערט ווערן צו פעלקר לויטערע רייד אונ אלע וועלן אן רופען גאט מיט דעם רעכטען נאמען אונ אלע וועלן נייגען זייער אקסיל צו דינען גאט מיט פארכט בפחד מיט גרוים ציטערניש אונ פארכט וועלן אים מאכן קיניגען אלע אונ איטליכעס פאלק אין דעם טאג וועט גאט זיין איינינג אונ זיין נאמען וועט זיין איינינג: ובכן וליך אונ דען ווערט אויף גיין צו דיר אקדושה פון די ישראל דען דו ביסט דער הייליגער אונ דער העלפער פון ישראל:

אומץ גבורותיך ווער קאן זאגן דם שטארקייט פון דיין כח אונ ווער קאן דיין שבח דר ציילען אפילו אונזר מול זאל זיין ווי דער ים פיל מיט געזאנג אונ לויב אונ אלע האר פון דעם קאפ זאלן זיין צינגער צו תפלה טאן אונ מיר זאלען אין זיי עוסק זיין טאג אונ נאכט לא נוכל וועלן מיר ניט קאנען אוס דר ציילען אפילו אצעהן טויזנט הלק פון דיין לויב וואס דו האסט גיטאן וואונדר צו די ישראל וואס האפן צו דיר איידר די בערג בטרם הרים זענין וואָרן גיוואוגן איידער די וועלט איז באשאפן גיווארען האסטו גיגלוסט זיי זאלן קריינגן דיין נאמען מיט ליבשאפט זייא זאלן זיין דיינע קינדר אונ דו זייער גיוויזנר אז זיי זאלן זיין גידעקט מיט דעם שאטן פון דיין האנט אז זיי זאלן זיין דר הייכט אין דיין גינאד זייא צו פירען מיט דעם וועג פון לעבן זיי ניט צו פר שוועכן צו בארימען זיך מיט זיי אונ זיי מיט דיר כי ווער איז דען אגאט חוץ דיר אין אלע הימלען אונ ווער איז אזו ווי דיינע אידין וואס אונטען וואס גאט איז גיגאנגען זייא אוס לייזען פון מצרים מיט אלערליי נסים אזו ווי דו גאט האסט גיטאן צו די ישראל וואס זענין די קינדר פון דריי אבות אשר וואס פון זייערט וועגין האסטו גישוועבט פון די הימל מיט איין כרוב אונ ווינט אונ וואלקן ונגלית אונ האסט דיך אנטפלעקט מיט דיין כבוד אין מצרים אונ זייערע אפ געטער

אשרים וחכמנים. ולב מצרים המסית בדביונים. במכות גדולות, וחלים רעים, ונאמנים. ותוציא, את עמך ישראל, מקרב מונים. כעבר הנשמט מרחם, בתוך זמנים. בלא פגם ונזק, וצער בנים: ושלא ליתן פתחון פה, למינים. לומר, כעבד שברח מאדוניו, כן ברחו אמונים. לא הוצאתם, בשעה שבני אדם, ישנים. כי אם, לאור הבוקר, לעין כל המונים. כתועפות ראם, רמים ועליונים. ועל כנפי נשר, נטענים. שיר ושבח והלל, רוננים. בתוף וכנור, ועגב ומינים. ולקיים דבריך, אשר עצת, לראש מאמינים. לא הוצאתם, בפחי נפש ריקנים. כי אם, מלאים כל טוב, כרמונים. כלי כסף וכלי זהב, וטובות אבנים. ובגדי חופש, ורקמת צבעונים. כדי לשלם, שכר שעבוד, חומר ולבנים. חופפתם, בטלול שבעת ענגים. מעלה ומטה ומארבע רוחות, גנונים. לחשבם, מזרם וחורב, וצנים ומפני חיות, ונשיכת צפעונים. ועין בעין, כבודך מהלך לפנים. בענן יומם, לנחותם, נתיבות מתקנים. ובאש לילה, בלי להכשל באישונים. מנוה טוב, לנוה טוב, נוסעים וחונים. לא צמאים, ולא מכפנים. כי מרחמם ינהגם, על מבועי שמנים. והוא ינהלם, על מבועי עינים. ושר נוא, יושב, על מפתן ארמונים. מצפה יד הדרך, לימים הנתנים. והנה, כתב אליו, מארץ תימנים. ושומרים, שהפקיד עליהם, ממונים. התחילו כזאת, אליו מתנים. והראוהו פצעים, שפצעום פרחי נאמנים. וצוח וי וי, וכל עבדיו, אחריו עונים. ונמו. מה זאת עשינו, כסכלונים. כי שלחנו עבדים, שתחת ידינו, מבדנים. מי ירמום לנו, חומר ומי.

בית ישראל

זענין פר וואגילט גיוואָרן פר דיר אונ מיט טרויערקייט האסטו גימאכט צו גיין דאס הארץ פון די מצרים מיט גרויסע מכות אונ אַלערליי קרענק אונ פון צווישן די מצרים האסטו דיין פאָלק אוס גיצויגן אזו ווי אקינד וואס ווערט גיבאָרן אין דער צייט אונ הט ניט קיין מום ושלא אונ כדי די מינים זאלן ניט האבן אצוטרעט צו זאגן אזו ווי אקנעכט אנטלופט פון זיין הארן אזוי זענין די ישראל אנטלאפן גיוואָרן אונ דו האסט זיי ניט אוס גיצוגען אין דער צייט אז מען שלאפט נאר אין דר פרי אַלע זאלן זעהן מיט שטארקייט פון אוויזל טיר אופן באַרליך אונ ער הט זיי גיטראגן ווי איין אָדלער אויף זיינע פליגיל שיר זיי האבן דיך גילובט מיט אלע כלי זמר ולקיים אונ כדי מקיים צו זיין די רייד וואס דו האסט גיזאגט צו אברהם דרום האסטו זייא ניט אויס גיצויגען ליידיג מיט טרויערקייט נייערט פיל מיט אַלעם גוטן מיט גילדענע אונ זילבערנע כלים אונ אבנים טובות אונ אַלערליי זיידענע קליידער כדי מען זאל זיי צאלן דעם שכר וואס זיי האבן גיארבעט מיט ליים אונ מיט ציגיל חופפתם דו האסט זיי צו גידעקט מיט זיבן וואלקינס איינער פון אויבן אונ איינער פון אונטן אונ פיר פון אלע פיר זייטן אונ איינער פריער צו פר מיידען זיי פון רעגין אונ פון היץ אונ קעלט אונ עס זאל זייא ניט בייסען קיין שלאנג אונ חיות רעות ושיז אונ דיין שכינה איז גיגאנגען פריער פר זיי צו פירען זיי מיט אוואלקען ביי טאג אונ מיט פייער ביי דר נאכט כדי זיי זאלן ניט נכשל ווערן אין דר פינצטער אונ ציהן פון איין גוט ארט אויף איין בעסערן צו רוען די זענין ניט גיוועזן דארשטיג אונ ניט הונגעריג כי דען דר דערבארעמיגער גאט הט זיי גיפירט ביי קוואלן וואסר אונ ער טוט זיי פירען גלייך ווי לעבן קוואלן פון אייל אונ פרעה דר שר פון מצרים איז גיזעסן אויף דער שוועל פון זיינע פאלאצען אונ הט גיווארט אונ גילוגט אויף דעם וועג אויף דר צייט פון דריי טעג וואס הט גיגעבן צו ישראל זיי זאלען זיך דר נאך אום קערין איז צו אים אן גיקומען איין כתב פון דר מדבר אונ די שומרים וואס ער הט אוף זיי גימאכט התחילו האבן זיי אים דר ציילט אונ האבן אים גיוויזן די שלעק וואס די ישראל האבן זיי גישלאגן הט ער מיט זיינע קנעכט גישריען אונ האבן גיזאגט וואס האבען מיר גיטאן

נים גייטיג איז, מוס דר מענש נים אזו, נאר תיכף־קארגט ער איין די צדקה אונ שפארט איין דאס וואס ער גים נים די ארימע לייט קיין געלד, דאס זאגט דער פסוק, אז עס וועט קומען דאס זיבעטער יאהר, דאס הייסט שמיטה אונ וועסט וועלן איין שפארן דיין געלד, וועסטו נים געבן די ארימע לייט, פרעג איך דיך ורעה עינך באחיך האביון, פר וואס זאל נים גיפעלן דיין אוג אין די ארעמע לייט, פר וואס זאלסטו איין שפארען די הוצאה פון צדקה מיט דעם געלד פון דיא ארימע לייט, שפאר איין דיין געלד פון אנדערע הוצאה, דרום וקרא עליך אל ה׳ והיה בך חטא וועט דר ארעם מאן שרייען אויף דיר צו גאט וועסטו נאך האבן אזינד, וועט גאט פר קערין אז דו וועסט ווערן איין ארים מאן גיב גלייכר צדקה אין שפאר דעם גרוסן לוקסוס וועט השי״ת דיר העלפין דו וועסט גליקליך זיין׃

בית ישראל

עפענן דיין האנט צו דיין ברודר דר ארעמר אונ צום דירפטיגען אין דיין לאנד כי ימכר ווען עס וועט פר קופט ווערן צו דיר דיין ברודער איין מאנס פערזאן אדר איינע פרוענצימר צום דינן זאל ער דיר דינן זעקס יאר אונ דעם זיבעטן יאר זאלסטו אים ארוס שיקין פריי פון דיר וכי תשלחנו אונ ווען דו וועסט אים ארוס שיקין פריי פון דיר זאלסטו אים נים ארוים שיקין ליידיג העניק דו זאלסט אים בעלאדען פון דיינע שאף אונ פון דיין שייער אונ פון דיין קעלטער וואס דיין גאט הט דיך גיבענטשט זאלסט אים געבן וזכרת אונ זאלסט גידענקן דס איין קנעכט ביזט גיוועזן אין לאנד מצרים אונ דיין גאט האט דיך אויס גילייזט דריבער באפעל איך דיר די זאכע היינט והיה אונ ווען דיין קנעכט וועט דיר זאגן איך וועל נים ארוס גיין פון דיר דען איך ליבע דיך מיט דיין הוז גיזינד ווייל עס איז אים גוט מיט דיר ולקחת זאלסטו נעמן איין אהל אונ זאלסט דורך בוערן אין זיין אויער אונ אין טיר אונ ער זאל זיין צו דיר איין קנעכט ביז יובל אוך צו דיין דינסט זאלסטו אזו טאן דס ביי איר ארום גיין פריי מוסטו איר מיט געבן פון אלעם גוטן לא עס זאל נים שווער זיין אין דיינע אויגן אז דו שיקסט אים ארום פריי פון דיר דען טאפיל הט ער דיר גידינט אין די זעקס יאר כלומר איין גידונגענר דינט נאר ביי טאג אליין אונ ער הט דיר גידינט אוך ביי דר נאכט וברכך וועט דיך גאט בענטשן אין אלץ וואס דו וועסט טאן׃

כל הבכור יעדר בכור וואס וועט גיבארן ווערן אין דיינע רינדער אונ אין די שאף אזכר זאלסט הייליג מאכן צו דיין גאט דו זאלסט נים ארבעטן מיט דעם בכור פון דיין אקס אונ זאלסט נים שערן דעם בכור פון דיינע שאף לפני פר דיין גאט זאלסטו אים עסן יאר אין יאר אין דעם ארט וואו גאט וועט אויס ווילען דו אונ דיין הויז גיזינד וכי אונ ווען אין אים וועט זיין איין פעלר הינקעדיג אדר בלינד אדר איין אנדר שלעכטר פעלער זאלסטו אים נים שלאכטן פאר דיין גאט בשעריך אין דיינע שטעט מעגסטו אים עסן דר אום ריינר מיט דעם ריינם צו זאמען זוי איין הירש אונ אזו ווי איין אינד רק נאר זיין בלוט זאלסט נים עסן אויף דער ערד זאלסט

אֶת־חֹדֶשׁ הָאָבִיב וְעָשִׂיתָ פֶּסַח לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ כִּי בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב הוֹצִיאֲךָ יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ מִמִּצְרַיִם לָיְלָה׃ וְזָבַחְתָּ פֶּסַח לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ צֹאן וּבָקָר בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר
יְהוָה לְשַׁכֵּן שְׁמוֹ שָׁם׃ לֹא־תֹאכַל עָלָיו חָמֵץ שִׁבְעַת יָמִים תֹּאכַל־עָלָיו מַצּוֹת לֶחֶם
עֹנִי כִּי בְחִפָּזוֹן יָצָאתָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לְמַעַן תִּזְכֹּר אֶת־יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם
כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ׃ ישראל ובשבת ה וְלֹא־יֵרָאֶה לְךָ שְׂאֹר בְּכָל־גְּבֻלְךָ שִׁבְעַת יָמִים וְלֹא־
יָלִין מִן־הַבָּשָׂר אֲשֶׁר תִּזְבַּח בָּעֶרֶב בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן לַבֹּקֶר׃ לֹא תוּכַל לִזְבֹּחַ אֶת־
הַפָּסַח בְּאַחַד שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לָךְ׃ כִּי אִם־אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־יִבְחַר
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לְשַׁכֵּן שְׁמוֹ שָׁם תִּזְבַּח אֶת־הַפֶּסַח בָּעָרֶב כְּבוֹא הַשֶּׁמֶשׁ מוֹעֵד צֵאתְךָ
מִמִּצְרָיִם׃ וּבִשַּׁלְתָּ וְאָכַלְתָּ בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בּוֹ וּפָנִיתָ בַבֹּקֶר וְהָלַכְתָּ
לְאֹהָלֶיךָ׃ שֵׁשֶׁת יָמִים תֹּאכַל מַצּוֹת וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי עֲצֶרֶת לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ לֹא תַעֲשֶׂה
מְלָאכָה׃ ס רביעי ובשבת ו שִׁבְעָה שָׁבֻעֹת תִּסְפָּר־לָךְ מֵהָחֵל חֶרְמֵשׁ בַּקָּמָה תָּחֵל
לִסְפֹּר שִׁבְעָה שָׁבֻעוֹת׃ וְעָשִׂיתָ חַג שָׁבֻעוֹת לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ מִסַּת נִדְבַת יָדְךָ אֲשֶׁר
תִּתֵּן כַּאֲשֶׁר יְבָרֶכְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ׃ וְשָׂמַחְתָּ לִפְנֵי ׀ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אַתָּה וּבִנְךָ וּבִתֶּךָ
וְעַבְדְּךָ וַאֲמָתֶךָ וְהַלֵּוִי אֲשֶׁר בִּשְׁעָרֶיךָ וְהַגֵּר וְהַיָּתוֹם וְהָאַלְמָנָה אֲשֶׁר בְּקִרְבֶּךָ בַּמָּקוֹם

בית ישראל

דָם אוּם גִיסְן וִוי וַואסֶר שָׁמוֹר הִיט דֶעם חוֹדֶשׁ וֶוען דִי תְּבוּאָה וֶוערְט צַייטִיג דָאס עֶר זָאל אוֹיס קוּמֶן אִין גִיסְן כְּדֵי מֶען זָאל מַקְרִיב זַיין דֶעם עוֹמֶר אִין דֶער צַייט אוּנ וֶוען עֶס וֶוערְט נָאךְ נִיט צַייטִיג זָאלְסְטוּ מַאכֶן דֶעם יָאר פַר אֵיין עִבּוּר יָאר וְעָשִׂיתָ אוּנ זָאלְסְט מַאכֶן דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח צוּ דַיין גָאט דֶען אִין דֶעם חוֹדֶשׁ פוּן צַייטִיג וֶוערֶען הָט דִיךְ דַיין גָאט אַרוֹס גִיפִירְט פוּן מִצְרַיִם בַּיי דֶר נַאכְט וְזָבַחְתָּ אוּנ זָאלְסְט שְׁלַאכְטֶן צוּ דַיין גָאט אֵיין קָרְבָּן פֶּסַח פוּן שָׁאף אוּנ רִינְדֶער פַר אֵיין קָרְבָּן חֲגִיגָה אִין דֶעם אָרְט וואוּ גָאט וֶועט אוֹיס וֵויילֶן צוּ מַאכֶען רוּעֶן זַיין נָאמֶען דָארְטֶן לא דוּ זָאלְסְט נִיט עֶסֶען בַּיי דֶעם פֶּסַח קֵיין חָמֵץ זִיבִּין טֶעג זָאלְסְטוּ דְרוֹיף עֶסֶען מַצּוֹת בְּרוֹט וָואס דֶער מַאנְט דַיין לַיידֶען אִין מִצְרַיִם דֶען אִין אַיילוּנְג בִּיזְטוּ אַרוֹס גִיגַאנְגֶען פוּן לַאנְד מִצְרַיִם לְמַעַן כְּדֵי מִיט דֶעם פֶּסַח אוּנ מַצָּה עֶסִין וֶועסְטוּ דֶר מַאנֶען דֶעם טָאג פוּן דַיין אַרוֹס גֵיין פוּן לַאנְד מִצְרַיִם אַלֶע טָאג פוּן דַיין לֶעבֶּן וְלֹא יֵרָאֶה אוּנ עֶס זָאל נִיט גִיזֶעהְן וֶוערֶן בַּיי דִיר קֵיין זוֹיעֶר טֵייג אִין אַלֶע דַיינֶע גְרֶענֶעצֶען זִיבֶּן טֶעג אוּנ עֶס זָאל נִיט נַאכְטֶן פוּן דִי פְלֵייש וָוס דוּ וֶועסְט שְׁלַאכְטֶן פַר נַאכְט אוֹיף דֶעם עֶרְשְׁטֶן טָאג פֶּסַח אִין דֶר פְרִי לא תוכל דוּ טָארְסְט נִיט שְׁלַאכְטֶן דֶעם פֶּסַח אִין אֵיינֶע פוּן דַיינֶע אַנְדֶערֶע שְׁטֶעט וָוס דַיין גָאט גִיט דִיר כִּי נָאר אִין דֶעם אָרְט וואוּ עֶס וֶועט אוֹיס וֵויילֶן דַיין גָאט צוּ מַאכֶן רוּעֶן זַיין נָאמֶן דָארְטֶן זָאלְסְטוּ שְׁלַאכְטֶן דֶעם פֶּסַח פַר נַאכְט וִוי דִי זוּנְן גֵייט שׁוֹין אוּנְטֶער זָאלְסְטוּ אִים עֶסִין בִּיז דִי צַייט פוּן דַיין אַרוֹיס גֵיין פוּן מִצְרַיִם דֶען וָוס עֶס בְּלַייבְּט בִּיז דֶר צַייט מוּזְטוּ פַר בְּרֶענֶן וּבִשַּׁלְתָּ אוּנ דוּ זָאלְסְט אִים בְּרָאטֶן אוּנ עֶסִין אִין דֶעם אָרְט וִוי דַיין גָאט וֶועט אוֹיס וֵויילֶן אוּנ דוּ זָאלְסְט דִיךְ קֶערֶן אִין דֶר פְרִי נָאךְ יוֹם טוֹב אוּנ גֵיין צוּ דַיינֶע גִיצֶעלְטֶן שֵׁשֶׁת זֶעקְס טֶעג זָאלְסְטוּ עֶסִין מַצּוֹת פוּן דִי נַייעֶ תְּבוּאָה אָבֶּר דֶעם עֶרְשְׁטֶן טָאג פֶּסַח פַר דֶעם עוֹמֶר מוּזְטוּ עֶסִין פוּן דִי אַלְטֶע תְּבוּאָה וּבַיּוֹם אוּנ אִין זִיבֶּעטֶן טָאג פֶּסַח זָאל זַיין אֵיין אוֹיף הַאלְטוּנְג פוּן אַרְבֶּעט פוּן גָאטְס וֶועגֶן דוּ זָאלְסְט נִיט טָאן קֵיין אַרְבֶּעט שִׁבְעָה זִיבֶּען וָואכֶן זָאלְסְטוּ דִיר צֵיילֶן פוּן אָנְפַאנְג שְׁנַיידֶען דִי שְׁטֵייעֶנְדִיגֶע תְּבוּאָה צוּ דֶעם עוֹמֶר דַאמָאלְס זָאלְסְטוּ אָן הֵייבֶּן צוּ צֵיילֶן דִי זִיבֶּן וָואכֶן וְעָשִׂיתָ אוּנ זָאלְסְט מַאכֶן דֶעם פַייעֶר טָאג פוּן שָׁבוּעוֹת צוּ דַיין גָאט נָאךְ דֶעם פַארְמֶעגֶן פוּן דַיין פְרַייוִוילִיגֶע הַאנְט וָוס דוּ קֶענְסְט גֶעבֶּן אוֹיף קָרְבָּנוֹת וִוי דַיין גָאט וֶועט דִיךְ בֶּענְטְשֶׁן וְשָׂמַחְתָּ אוּנ דוּ זָאלְסְט דִיךְ פְרֵייעֶן פַר דַיין גָאט דוּ מִיט דַיין זוּהְן אוּנ מִיט דַיין טָאכְטֶער אוּנ דַיין קְנֶעכְט אוּנ דַיין דִינְסְט אוּנ דֶער לֵוִי וָוס אִיז אִין דַיינֶע שְׁטֶעט מִיט דֶעם פְרֶעמְדֶען אוּנ דֶעם יָתוֹם מִיט דֶר אַלְמָנָה וָוס זֶענֶען צְווִישֶׁן דִיר אִין דֶעם אָרְט וִוי דַיין גָאט וֶועט אוֹיס וֵויילֶן צוּ מַאכֶן רוּעֶן זַיין נָאמֶן דָארְטֶן וְזָכַרְתָּ אוּנ דוּ זָאלְסְט גִידֶענְקֶען דָם דוּ בִּינְ

אֲשֶׁר יִבְחַר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לְשַׁכֵּן שְׁמוֹ שָׁם׃ וְזָכַרְתָּ כִּי־עֶבֶד הָיִיתָ בְּמִצְרָיִם וְשָׁמַרְתָּ
וְעָשִׂיתָ אֶת־הַחֻקִּים הָאֵלֶּה׃ פ חמישי ובשבת ז חַג הַסֻּכֹּת תַּעֲשֶׂה לְךָ שִׁבְעַת יָמִים
בְּאָסְפְּךָ מִגָּרְנְךָ וּמִיִּקְבֶךָ׃ וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ אַתָּה וּבִנְךָ וּבִתֶּךָ וְעַבְדְּךָ וַאֲמָתֶךָ וְהַלֵּוִי
וְהַגֵּר וְהַיָּתוֹם וְהָאַלְמָנָה אֲשֶׁר בִּשְׁעָרֶיךָ׃ שִׁבְעַת יָמִים תָּחֹג לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ בַּמָּקוֹם
אֲשֶׁר־יִבְחַר יְהוָה כִּי יְבָרֶכְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּכֹל תְּבוּאָתְךָ וּבְכֹל מַעֲשֵׂה יָדֶיךָ וְהָיִיתָ
אַךְ שָׂמֵחַ׃ שָׁלוֹשׁ פְּעָמִים ׀ בַּשָּׁנָה יֵרָאֶה כָל־זְכוּרְךָ אֶת־פְּנֵי ׀ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בַּמָּקוֹם
אֲשֶׁר יִבְחָר בְּחַג הַמַּצּוֹת וּבְחַג הַשָּׁבֻעוֹת וּבְחַג הַסֻּכּוֹת וְלֹא יֵרָאֶה אֶת־פְּנֵי יְהוָה
רֵיקָם׃ אִישׁ כְּמַתְּנַת יָדוֹ כְּבִרְכַּת יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר נָתַן־לָךְ׃

מניחין ספר תורה שניה אצל הראשונה. ואומרין חצי קדיש על השניה. ומגביהין וגוללין ספר תורה שקראו בו. ופותחין ספר תורה שניה וקורין למפטיר בפ׳ פנחס׃

וְהִקְרַבְתֶּם אִשֶּׁה עֹלָה לַיהוָה פָּרִים בְּנֵי־בָקָר שְׁנַיִם וְאַיִל אֶחָד וְשִׁבְעָה
כְבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה תְּמִימִם יִהְיוּ לָכֶם׃ וּמִנְחָתָם סֹלֶת בְּלוּלָה בַשָּׁמֶן
שְׁלֹשָׁה עֶשְׂרֹנִים לַפָּר וּשְׁנֵי עֶשְׂרֹנִים לָאַיִל תַּעֲשׂוּ׃ עִשָּׂרוֹן עִשָּׂרוֹן תַּעֲשֶׂה לַכֶּבֶשׂ
הָאֶחָד לְשִׁבְעַת הַכְּבָשִׂים׃ וּשְׂעִיר חַטָּאת אֶחָד לְכַפֵּר עֲלֵיכֶם׃ מִלְּבַד עֹלַת
הַבֹּקֶר אֲשֶׁר לְעֹלַת הַתָּמִיד תַּעֲשׂוּ אֶת־אֵלֶּה׃ כָּאֵלֶּה תַּעֲשׂוּ לַיּוֹם שִׁבְעַת יָמִים לֶחֶם
אִשֵּׁה רֵיחַ־נִיחֹחַ לַיהוָה עַל־עוֹלַת הַתָּמִיד יֵעָשֶׂה וְנִסְכּוֹ׃ וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מִקְרָא־
קֹדֶשׁ יִהְיֶה לָכֶם כָּל־מְלֶאכֶת עֲבֹדָה לֹא תַעֲשׂוּ׃

ווען מען הייבט אויף דאס ספר תורה פון דער בימה זאגט מען דאס׃

וְזֹאת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר שָׂם מֹשֶׁה לִפְנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל עַל פִּי יְיָ בְּיַד מֹשֶׁה׃ עֵץ חַיִּים הִיא לַמַּחֲזִיקִים
בָּהּ וְתוֹמְכֶיהָ מְאֻשָּׁר׃ דְּרָכֶיהָ דַרְכֵי נֹעַם וְכָל נְתִיבוֹתֶיהָ שָׁלוֹם׃ אֹרֶךְ יָמִים בִּימִינָהּ
בִּשְׂמֹאלָהּ עוֹשֶׁר וְכָבוֹד׃ יְיָ חָפֵץ לְמַעַן צִדְקוֹ יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר׃

ברכת ההפטרה

בָּרוּךְ אַתָּה יְהוָה אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר בָּחַר
בִּנְבִיאִים טוֹבִים וְרָצָה בְדִבְרֵיהֶם הַנֶּאֱמָרִים

בית ישראל

געדענק איין קנעכט אין מִצְרַיִם אונ גאט האט דיך אויס געלייזט דריבער מוזטו היטן אונ טאן די געזעצע וואס גאט הייסט דיר טאן חַג איין פייער טאג פון סוכות זאלסטו דיר מאכן זיבן טעג אין דיין איין זאמלן די פרוכט פון דיין שייער אונ דיין קעלטער וְשָׂמַחְתָּ אונ זאלסט דיך פרייען אין דיין פייער טאג דו אונ דיין זוהן מיט דיין טאכטער מיט דיין קנעכט מיט דיין דינסט מיט דעם לוי מיט דעם פרעמדן אונ דעם יָתוֹם אונ מיט דער אַלְמָנָה וואס זענען אין דיינע שטעט שִׁבְעַת זיבען טעג זאלסטו מאכן פייער טאג צו דיין גאט אין דעם ארט וואו גאט וועט אויס ווילן דען דיין גאט וועט דיך בענטשען אין אלעם וואס דו האסט אונ אין אלע דיינע תְּבוּאָה אונ אין אלע דיינע ווערק פון דיינע הענט אונ דו וועסט זיין גאר פרייליך שָׁלֹשׁ דריי מאל אין יאר זאלן געוויזן ווערן אלע דיינע זְכָרִים פאר דיין גאט אין דעם ארט וואו ער וועט אויס ווילען אין פייער טאג פון מצות דס איז פֶּסַח אונ אין פייער טאג פון שְׁבוּעוֹת אונ סוכות אונ מען זאל ניט געוויזן ווערן פאר גאט ליידיג אִישׁ יעדער מענטש נאך די גאב פון זיין האנט ווי די בִּרְכַּת פון דיין גאט וואס ער האט דיר געגעבן כְּלוֹמַר נאך דיין פאר מעגן אונ נאך דיין פאמיליע׃

בֶּאֱמֶת בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה הַבּוֹחֵר בַּתּוֹרָה וּבְמשֶׁה עַבְדּוֹ וּבְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ וּבִנְבִיאֵי הָאֱמֶת וָצֶדֶק:

הפטרה ליום אחרון של פסח בישעיה סימן י׳ פסוק ל״ב

עוֹד הַיּוֹם בְּנֹב לַעֲמֹד יְנֹפֵף יָדוֹ הַר בַּת־ בית כ׳ צִיּוֹן גִּבְעַת יְרוּשָׁלָם: הִנֵּה הָאָדוֹן יְהֹוָה צְבָאוֹת מְסָעֵף פֻּארָה בְּמַעֲרָצָה וְרָמֵי הַקּוֹמָה גְּדֻעִים וְהַגְּבֹהִים יִשְׁפָּלוּ: וְנִקַּף סִבְכֵי הַיַּעַר בַּבַּרְזֶל וְהַלְּבָנוֹן בְּאַדִּיר יִפּוֹל: וְיָצָא חֹטֶר מִגֵּזַע יִשָׁי וְנֵצֶר מִשָּׁרָשָׁיו יִפְרֶה: וְנָחָה עָלָיו רוּחַ יְהֹוָה רוּחַ חָכְמָה וּבִינָה רוּחַ עֵצָה וּגְבוּרָה רוּחַ דַּעַת וְיִרְאַת יְהֹוָה: וַהֲרִיחוֹ בְּיִרְאַת יְהֹוָה וְלֹא־לְמַרְאֵה עֵינָיו יִשְׁפּוֹט וְלֹא־לְמִשְׁמַע אָזְנָיו יוֹכִיחַ: וְשָׁפַט בְּצֶדֶק דַּלִּים וְהוֹכִיחַ בְּמִישׁוֹר לְעַנְוֵי־אָרֶץ וְהִכָּה־אֶרֶץ בְּשֵׁבֶט פִּיו וּבְרוּחַ שְׂפָתָיו יָמִית רָשָׁע: וְהָיָה צֶדֶק אֵזוֹר מָתְנָיו וְהָאֱמוּנָה אֵזוֹר חֲלָצָיו: וְגָר זְאֵב עִם־כֶּבֶשׂ וְנָמֵר עִם־גְּדִי יִרְבָּץ וְעֵגֶל

בית ישראל

עוֹד הַיּוֹם סַנְחֵרִיב הָט גִיאַיילְט צוּ גֵיין אוֹיף מִלְחָמָה קֵיין יְרוּשָׁלַיִם אוּנ הָט גִיוָואלְט שְׁטֵיין אִין נוֹב אַז עֶס וֶועט נָאךְ זַיין טָאג דֶען זִיא אִיז נָאהֶנְט גִיוֶועְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּנ מֶען הָאט גִיקֶענְט אַרוֹיס זֶעהֶן פוּן אִיר יְרוּשָׁלַיִם אוּנ אַז עֶר אִיז גִיקוּמֶען קֵיין נוֹב אוּנ הָט דֶר זֶעהְן יְרוּשָׁלַיִם הָט עֶר אוֹיף גִיהוֹיבֶּן זַיין הַאנְט מִיט אַגִילֶעכְטֶר אַקֶעגֶן דֶעם בַּארְג פוּן דֶר שְׁטָאט צִיוֹן אוּנ אַקֶעגֶן דֶר הוֹיךְ פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּנ הָט גִיזָאגְט אוֹיף אַזוֹ אַ שְׁטָאט הָאב אִיךְ דֶען בַּאדַארְפְט מַאכֶן שְׁטוּרֶעמֶן דִי דָאזִיגֶע אַלֶע חַיָילוֹת מָארְגֶען וֶועט אִיטְלִיכֶר מַאן פוּן אוּנְז אַרַיין וַוארְפֶן אִין אִיר אֵיין שְׁטֵיין וֶועט זִיא פוּל וֶוערֶן מִיט שְׁטֵיינֶער. אָבֶּר עֶס וֶועט נִיט זַיין וַוי עֶר זָאגְט. נַייעֶרְט הִנֵּה נוּן גָאט דֶר הַאֶרְר אִיבֶּר אַלֶע חַיָילוֹת וֶועט אָפּ הַאקֶן אִין דֶער דָאזִיגֶר נַאכְט דִי בֶּעסְטֶע צְוַויינֶען פוּן זַיינֶע בֵּיימֶר (זַיינֶע בֶּעסְטֶע חַיָילוֹת). מִיט דֶר בְּרֵייטֶר הַאק אוּנ דִי הוֹיכֶע בֵּיימֶר (זַיינֶע גִבּוֹרִים) וֶועלֶן פַר שְׁנִיטֶן וֶוערֶן אוּנ דִי הוֹיכֶע (זַיינֶע הַארְרֶען) וֶועלֶן גִינִידֶערְט וֶוערֶן וְנִקַּף אוּנ עֶס וֶועט וֶוערֶן אָפּ גִיהַאקְט דִי בֶּעסְטֶע צְוַויינֶען פוּן דֶעם וַואלְד כְּלוֹמֶר דִי גִבּוֹרִים מִיט אֵיין אַייזִין. אוּנ דֶר גַאנְצֶר וַואלְד כְּלוֹמֶר דָאס גַאנְצֶע חַיִל פוּן סַנְחֵרִיב וֶועט פַאלֶען דוּרְךְ אֵיין שְׁטַארְקֶן מַלְאָךְ וְיָצָא אוּנ עֶס וֶועט אַרוֹיס גֵיין אֵיין שְׁטֶעקֶן כְּלוֹמֶר אֵיין רוּט פוּן מְלוּכָה פוּן דִי קִינְדֶר פוּן דָוִד בֶּן יִשַׁי אוּנ אֵיין צְוַוייג וֶועט וַואקְסֶען פוּן זַיינֶע וָוארְצְלֶען דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ וְנָחָה אוּנ עֶס וֶועט רוּעֶן אוֹיף אִים אַ רוּחַ נְבוּאָה פוּן גָאט אַגִימִיט פוּן קְלוּגְהַייט אוּנ פוּן פַר שְׁטַאנְדִיקַייט אַגִימִיט פוּן גוּטֶע עֵצוֹת אוּנ פוּן שְׁטַארְקַייט אַגִימִיט פוּן וִויסֶען שַׁאפְט אוּנ פוּן גָאטֶס פָארְכְט וַהֲרִיחוֹ אוּנ עֶר וֶועט דֶר פִילְט וֶוערֶן מִיט אַגִימִיט פוּן גָאטֶס פָארְכְט אוּנ נִיט נָאךְ דִי אָנְזִיכְטֶען פוּן זַיינֶע אוֹיגֶען וֶועט עֶר מִשְׁפְּטֶן אוּנ נִיט נָאךְ דֶעם הֶערִין פוּן זַיינֶע אוֹיעֶרֶן וֶועט עֶר שְׁטְרָאפֶן. נַייעֶרְט דוּרְךְ גָאטֶס חָכְמָה וָואס וֶועט זַיין אִין אִים וְשָׁפַט אוּנ עֶר וֶועט מִשְׁפָּטֶן מִיט גִירֶעכְטִיקַייט דִי אָרֶעמֶע לַייט אוּנ עֶר וֶועט שְׁטְרָאפֶן מִיט רֶעכְט פַארְטַיקַייט פוּן וֶועגֶן דִי מוּטְנִידֶערִיגֶע פוּן דֶעם לַאנְד אוּנ עֶר וֶועט שְׁלָאגֶען דִי רְשָׁעִים פוּן דֶער עֶרְד מִיט דֶער רוּט כְּלוֹמֶר מִיט דֶער זָאג פוּן זַיין מוֹיל אוּנ מִיט דֶעם וִוינְט (רֵייד) פוּן זַיינֶע לֶעפְצֶען וֶועט עֶר טֵייטֶען דֶעם רָשָׁע וְהָיָה אוּנ דִי גִירֶעכְטִיקַייט וֶועט זַיין דֶר גַארְטִיל פוּן זַיינֶע אוֹיבֶּערְשְׁטֶע לֶענְדֶן. אוּנ דִי רִיכְטִיקַייט וֶועט זַיין דֶר גַארְטִיל פוּן זַיינֶע אוּנְטֶערְשְׁטֶע לֶענְדֶן. כְּלוֹמֶר עֶר וֶועט זִיךְ הַאלְטֶן נָאר מִיט גִירֶעכְטִיקַייט אוּנ מִיט רִיכְטִיקַייט אוּנ אִין דִי טֶעג פוּן מָשִׁיחַ וֶועט גְרוֹיס שָׁלוֹם זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט וְגָר אוּנ עֶס וֶועט וואוֹנֶען פְרִידְלִיךְ אִין אֵיינֶעם אַוָואלְף מִיט אַ שָׁאף אוּנ אַלֶעמְפֶּערְט וֶועט הוֹיעֶרֶען אִין

וּכְפִיר וּמְרִיא יַחְדָּו וְנַעַר קָטֹן נֹהֵג בָּם׃ וּפָרָה וָדֹב תִּרְעֶינָה יַחְדָּו יִרְבְּצוּ
יַלְדֵיהֶן וְאַרְיֵה כַּבָּקָר יֹאכַל־תֶּבֶן׃ וְשִׁעֲשַׁע יוֹנֵק עַל־חֻר פָּתֶן וְעַל
מְאוּרַת צִפְעוֹנִי גָּמוּל יָדוֹ הָדָה׃ לֹא־יָרֵעוּ וְלֹא־יַשְׁחִיתוּ בְּכָל־הַר קָדְשִׁי
כִּי־מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת־יְהוָה כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים׃ וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא
שֹׁרֶשׁ יִשַׁי אֲשֶׁר עֹמֵד לְנֵס עַמִּים אֵלָיו גּוֹיִם יִדְרֹשׁוּ וְהָיְתָה מְנֻחָתוֹ
כָּבוֹד׃ וְהָיָה ׀ בַּיּוֹם הַהוּא יוֹסִיף אֲדֹנָי ׀ שֵׁנִית יָדוֹ לִקְנוֹת אֶת־שְׁאָר
עַמּוֹ אֲשֶׁר יִשָּׁאֵר מֵאַשּׁוּר וּמִמִּצְרַיִם וּמִפַּתְרוֹס וּמִכּוּשׁ וּמֵעֵילָם
וּמִשִּׁנְעָר וּמֵחֲמָת וּמֵאִיֵּי הַיָּם׃ וְנָשָׂא נֵס לַגּוֹיִם וְאָסַף נִדְחֵי יִשְׂרָאֵל
וּנְפֻצוֹת יְהוּדָה יְקַבֵּץ מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ׃ וְסָרָה קִנְאַת אֶפְרַיִם
וְצֹרְרֵי יְהוּדָה יִכָּרֵתוּ אֶפְרַיִם לֹא־יְקַנֵּא אֶת־יְהוּדָה וִיהוּדָה לֹא־יָצֹר
אֶת־אֶפְרָיִם׃ וְעָפוּ בְכָתֵף פְּלִשְׁתִּים יָמָּה יַחְדָּו יָבֹזּוּ אֶת־בְּנֵי־קֶדֶם
אֱדוֹם וּמוֹאָב מִשְׁלוֹחַ יָדָם וּבְנֵי עַמּוֹן מִשְׁמַעְתָּם׃ וְהֶחֱרִים יְהוָה אֵת

בית ישראל

איינעם מיט א ציקעלע. און א קאלב און א יונגער לייב און א פעטער אקס וועלן רוען ביי אנאנדער פרידליך און א יונגע קינד וועט זיי קענען פירען ופרה און א קוא און א בער וועלן זיך פאשען כלומר דר בער וועט שוין מיין ניט פאר צוקען קיין בהמות נייערט ער וועט עסין פאשע גליך ווי א קוא. באנאנדער וועלן זיי מאכן הויערן זייערע קינדער און דער לייב וועט עסין שטרוי אזו ווי א רינד און וועט אויך שוין מער ניט פאר צוקען קיין בהמות ושעשע און עס וועט זיך שפילען א זייגענדיג קינד אויף דער לאך וואו עס ליגט דער בייזער שלאנג וואס הייסט פתן. און אויף דר לאך פון דעם שלאנג צפעוני וועט איין אנטוואונטער קינד זיין האנט שטרעקן דרויף און וועט ניט גיזוק ווערן לא ירעו זיי וועלן ניט טאן קיין בייז און וועלן ניט פר דארבען אין מיין גאנצן הייליגן בארג. כי מלאה דען די וועלט וועט ווערן פול מיט גאטס וויסענשאפט אזו ווי די וואסער פילען אום דעם טאל פון ים און באדעקן אים והיה און עס וועט זיין אין דעם דאזיגן טאג דר ווארצל פון ישי [מלך המשיח וואס ער קומט ארוס פון ישי] וואס ער וועט שטיין צו איין אום צייכינונג צווישן די פעלקער וועלן די פעלקער פארשטן און צו הערן צו אים און זיין רואונג וועט זיין מיט כבוד והיה ביום ההוא און עס וועט זיין אין דעם דאזיגן טאג פון משיח וועט גאט מערן דס אנדערע מאל (אזו ווי די ערשטע גאולה פון מצרים) זיין האנט צו קופן און צו אום לייזען דס איבער בלייבונג פון זיין פאלק. וואס ער וועט איבער בלייבן פון אשור און פון מצרים און פון פתרוס און פון כוש און פון עילם און פון שנער און פון חמת און פון די איים וואגן אוף די אינזלן פון דעם ים ונשא און גאט וועט אוף הייבן איין פאן צו די פעלקר צו איין צייכען זיי זאלן די ישראל ארוס לאזען און ער וועט איין זאמלן די פר שטויסענע ישראל און די פר שפרייטע פון יהודה וועט ער איין זאמלן פון די פיר עקין פון דר ערד וסרה און עס וועט ווערן אפ גיטאן דענסטמאל די קנאה פון אפרים וואס זיי האבן גיהאט אוף שבט יהודה וצוררי יהודה און די באליידיגר פון יהודה וועלן פר שניטן ווערן. אפרים וועט ניט מקנא זיין אן יהודה און יהודה וועט ניט באליידיגן דעם אפרים [דס מיינט מען משיח בן יוסף וואס וועט ארוס קומן פון שבט אפרים און משיח בן דוד וואס וועט ארוס קומן פון שבט יהודה וועלן זיי איינר דעם אנדערן ניט מקנא זיין] ועפו און זיי וועלן שוועבן אין איין חברותה איינצונעמען די פלשתים וואס זיצן אוף מערב זייט פון ארץ ישראל באנאנדר וועלען זיי בארובן די לייט וואס זיצן אוף מזרח זייט ארץ ישראל אוף אדום און מואב וועלען זיי שטרעקן זייער האנט און די בני עמון וועלן זיי צו הערן און פאלגן והחרים ה' און גאט וועט פר וויסטן כלומר ער וועט אוס

לְשׁוֹן יָם־מִצְרַיִם וְהֵנִיף יָדוֹ עַל־הַנָּהָר בַּעְיָם רוּחוֹ וְהִכָּהוּ לְשִׁבְעָה
נְחָלִים וְהִדְרִיךְ בַּנְּעָלִים׃ וְהָיְתָה מְסִלָּה לִשְׁאָר עַמּוֹ אֲשֶׁר יִשָּׁאֵר
מֵאַשּׁוּר כַּאֲשֶׁר הָיְתָה לְיִשְׂרָאֵל בְּיוֹם עֲלֹתוֹ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וְאָמַרְתָּ
בַּיּוֹם הַהוּא אוֹדְךָ יְהוָה כִּי אָנַפְתָּ בִּי יָשֹׁב אַפְּךָ וּתְנַחֲמֵנִי׃ הִנֵּה אֵל
יְשׁוּעָתִי אֶבְטַח וְלֹא אֶפְחָד כִּי עָזִּי וְזִמְרָת יָהּ יְהוָה וַיְהִי־לִי לִישׁוּעָה׃
וּשְׁאַבְתֶּם־מַיִם בְּשָׂשׂוֹן מִמַּעַיְנֵי הַיְשׁוּעָה׃ וַאֲמַרְתֶּם בַּיּוֹם הַהוּא הוֹדוּ
לַיהוָה קִרְאוּ בִשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילֹתָיו הַזְכִּירוּ כִּי נִשְׂגָּב שְׁמוֹ׃
זַמְּרוּ יְהוָה כִּי גֵאוּת עָשָׂה מוּדַעַת מידעת כתיב זֹאת בְּכָל־הָאָרֶץ׃ צַהֲלִי
וָרֹנִּי יוֹשֶׁבֶת צִיּוֹן כִּי־גָדוֹל בְּקִרְבֵּךְ קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל׃

המפטיר אומר הברכות

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, צוּר כָּל הָעוֹלָמִים, צַדִּיק בְּכָל הַדּוֹרוֹת, הָאֵל הַנֶּאֱמָן, הָאוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, הַמְדַבֵּר וּמְקַיֵּם, שֶׁכָּל דְּבָרָיו, אֱמֶת וָצֶדֶק:

נֶאֱמָן, אַתָּה הוּא, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, וְנֶאֱמָנִים דְּבָרֶיךָ, וְדָבָר אֶחָד, מִדְּבָרֶיךָ, אָחוֹר, לֹא יָשׁוּב, רֵיקָם, כִּי אֵל, מֶלֶךְ, נֶאֱמָן וְרַחֲמָן, אָתָּה: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, הָאֵל הַנֶּאֱמָן, בְּכָל דְּבָרָיו:

רַחֵם, עַל צִיּוֹן, כִּי הִיא, בֵּית חַיֵּינוּ, וְלַעֲלוּבַת נֶפֶשׁ תּוֹשִׁיעַ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, מְשַׂמֵּחַ צִיּוֹן, בְּבָנֶיהָ:

שַׂמְּחֵנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ, בְּאֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, עַבְדֶּךָ, וּבְמַלְכוּת בֵּית דָּוִד, מְשִׁיחֶךָ, בִּמְהֵרָה

בית ישראל

טריקענען דעם שטראם פון דעם ים מצרים כדי די פר טריבענע ישראל וואס זענען אין מצרים זאלען איבער פארען דעם ים אונ ער וועט אויף הייבן זיין שלאק אויף דעם טייך פרת מיט זיין שטארקן ווינט אונ ער וועט אים שלאגן אונ וועט אים צו טיילן אויף זיבען טייכן כדי עס זאל צווישן זיין וועגן פר ישראל איבר צו פארן אונ גאט וועט מאכן טרעטן אין דעם טייך די ישראל אין שיך דען דר טייך וועט טרוקן זיין והיתה אונ עס וועט זיין איין וועג אין דעם טייך פרת צו דעם איבער בלייבונג פון גאטס פאלק וואס עס וועט איבר בלייבען פון אשור אזוי ווי עס איז געוועזן איין וועג צו די ישראל אין ים סוף אין דעם טאג וואס זיי זענען אויף גיגאנגן פון דעם לאנד מצרים ואמרת אונ דו ישראל וועסטו זאגן אין דעם טאג איך טו דיך גאט לויבן דאס דו האסט גיצערינט אויף מיר אונ האסט מיך פר טריבן אונ דורך דעם איז פר געבן גיווארן מיינע עבירות. אונ היינט לאז זיך שון אום קערען דיין צארן פון מיר אונ דו זאלסט מיך טרייסטען הנה נון גאט איז מיין הילף דרום טו איך מיך פר זיכערן אונ האב קיין מורא ניט פאר קיינעם דען מיין שטארקייט אונ לויבונג איז גאט מיין גאט אונ ער איז מיר גיוועזן צו איין הילף ושאבתם אונ איר וועט שעפען וואסר (כלומר הילף) מיט פרייד פון די הילפס קוואלן ואמרתם אונ איר וועט זאגן אין דעם דאזיגן טאג איינער צום אנדערן לויבט צו גאט רופט אין זיין נאמען זייט מודיע צווישן די אומות זיינע גוטע מעשים דר מאנט אים לשבח דען זיין נאמען איז גישטארקט זמרו לה׳ לויבט צו גאט דען ער האט גיטאן גרויסקייט דם דאזיגע גרויסקייט איז באוואוסט אין דעם גאנצען לאנד צהלי קלינג מיט דיין קול אונ זינג ודו זיצערין פון דער שטאט ציון (דאס מיינט ער די כנסת ישראל) דען דער גרויסר גאט מאכט רוען זיין שכינה צווישען דיר. ער איז דער היליגער פון די ישראל:

יָבֹא, וְיָגֵל לִבֵּנוּ. עַל כִּסְאוֹ. לֹא יֵשֶׁב זָר, וְלֹא יִנְחֲלוּ עוֹד אֲחֵרִים, אֶת כְּבוֹדוֹ. כִּי בְשֵׁם קָדְשְׁךָ. נִשְׁבַּעְתָּ לּוֹ, שֶׁלֹּא יִכְבֶּה נֵרוֹ. לְעוֹלָם וָעֶד: בָּרוּךְ. אַתָּה יְיָ, מָגֵן דָּוִד:

עַל הַתּוֹרָה. וְעַל הָעֲבוֹדָה. וְעַל הַנְּבִיאִים, (לשבת וְעַל יוֹם הַשַּׁבָּת הַזֶּה) וְעַל יוֹם חַג הַמַּצּוֹת הַזֶּה, שֶׁנָּתַתָּ לָּנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ (לִקְדֻשָּׁה וְלִמְנוּחָה), לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה, לְכָבוֹד, וּלְתִפְאָרֶת:

עַל הַכֹּל. יְיָ אֱלֹהֵינוּ. אֲנַחְנוּ מוֹדִים לָךְ. וּמְבָרְכִים אוֹתָךְ, יִתְבָּרַךְ שִׁמְךָ בְּפִי כָּל חַי, תָּמִיד, לְעוֹלָם וָעֶד: בָּרוּךְ, אַתָּה יְיָ, מְקַדֵּשׁ (הַשַּׁבָּת וְ) יִשְׂרָאֵל וְהַזְּמַנִּים:

אז יו"ט גפאלט אום שַׁבָּת זָאגט מען יְקוּם פּוּרְקָן:

יְקוּם פּוּרְקָן, מִן שְׁמַיָּא, חִנָּא וְחִסְדָּא, וְרַחֲמֵי, וְחַיֵּי אֲרִיכֵי, וּמְזוֹנֵי רְוִיחֵי, וְסִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא, וּבַרְיוּת גּוּפָא, וּנְהוֹרָא מַעַלְיָא, זַרְעָא חַיָּא וְקַיָּמָא, זַרְעָא, דִּי לָא יִפְסוּק, וְדִי לָא יִבְטוּל, מִפִּתְגָּמֵי אוֹרַיְתָא, לְמָרָנָן וְרַבָּנָן, חֲבוּרָתָא קַדִּישָׁתָא, דִּי בְאַרְעָא דְיִשְׂרָאֵל. וְדִי בְבָבֶל, לְרֵישֵׁי כַלֵּי, וּלְרֵישֵׁי גַלְוָתָא, וּלְרֵישֵׁי מְתִיבָתָא, וּלְדַיָּנֵי דִי בָבָא. לְכָל תַּלְמִידֵיהוֹן, וּלְכָל תַּלְמִידֵי תַלְמִידֵיהוֹן, וּלְכָל מַאן, דְּעָסְקִין בְּאוֹרַיְתָא. מַלְכָּא דְעָלְמָא, יְבָרֵךְ יַתְהוֹן, יַפִּישׁ חַיֵּיהוֹן, וְיַסְגֵּא יוֹמֵיהוֹן, וְיִתֵּן אַרְכָה, לִשְׁנֵיהוֹן, וְיִתְפָּרְקוּן וְיִשְׁתֵּזְבוּן, מִן כָּל עָקָא, וּמִן כָּל מַרְעִין בִּישִׁין: מָרָן דִּי בִשְׁמַיָּא, יְהֵא בְסַעְדְּהוֹן, כָּל זְמַן וְעִדָּן, וְנֹאמַר אָמֵן:

יְקוּם פּוּרְקָן, מִן שְׁמַיָּא, חִנָּא וְחִסְדָּא, וְרַחֲמֵי, וְחַיֵּי אֲרִיכֵי, וּמְזוֹנֵי רְוִיחֵי, וְסִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא, וּבַרְיוּת גּוּפָא, וּנְהוֹרָא מַעַלְיָא, זַרְעָא חַיָּא וְקַיָּמָא, זַרְעָא, דִּי לָא יִפְסוּק, וְדִי לָא יִבְטוּל, מִפִּתְגָּמֵי אוֹרַיְתָא: לְכָל קְהָלָא קַדִּישָׁא הָדֵין, רַבְרְבַיָּא עִם זְעֵרַיָּא, טַפְלָא וּנְשַׁיָּא: מַלְכָּא דְעָלְמָא, יְבָרֵךְ יַתְכוֹן, יַפִּישׁ חַיֵּיכוֹן, וְיַסְגֵּא יוֹמֵיכוֹן, וְיִתֵּן אַרְכָה, לִשְׁנֵיכוֹן, וְתִתְפָּרְקוּן וְתִשְׁתֵּזְבוּן, מִן כָּל עָקָא, וּמִן כָּל מַרְעִין בִּישִׁין: מָרָן דִּי בִשְׁמַיָּא, יְהֵא בְסַעְדְּכוֹן, כָּל זְמַן וְעִדָּן, וְנֹאמַר אָמֵן:

מִי שֶׁבֵּרַךְ אֲבוֹתֵינוּ. אַבְרָהָם, יִצְחָק וְיַעֲקֹב. הוּא יְבָרֵךְ, אֶת כָּל הַקָּהָל הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה, עִם כָּל קְהִלּוֹת הַקֹּדֶשׁ. הֵם וּנְשֵׁיהֶם, וּבְנֵיהֶם וּבְנוֹתֵיהֶם, וְכָל אֲשֶׁר לָהֶם. וּמִי שֶׁמְּיַחֲדִים בָּתֵּי כְנֵסִיּוֹת, לִתְפִלָּה, וּמִי שֶׁבָּאִים בְּתוֹכָם, לְהִתְפַּלֵּל. וּמִי שֶׁנּוֹתְנִים נֵר לַמָּאוֹר, וְיַיִן, לְקִדּוּשׁ וּלְהַבְדָּלָה. וּפַת לָאוֹרְחִים. וּצְדָקָה לָעֲנִיִּים. וְכָל מִי שֶׁעוֹסְקִים. בְּצָרְכֵי צִבּוּר, בֶּאֱמוּנָה. הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא.

בית ישראל

יְקוּם פּוּרְקָן עֶס זָאל אוֹיף שְׁטֵיין אַיין דֶר לֵייזוּנְג פוּן גָאט וָוס זִיצְט אִין הִימֶל לַייט וָועלִיקַייט אוּנ אוֹיךְ גִינָאד אוּנ דֶר בַּארִימְהֶערְצִיקַייט אוּנ לַאנְג לֶעבֶּן אוּנ גֶענוּג פַּרְנָסָה אוּנ אַיין הִילְף פוּן גָאט וָוס אִין הִימֶל אוּנ שְׁטַארְק לַייבּ אוּנ אַיין לִיכְט זַרְעָא לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער אוּנ זָאלֶן גִיזוּנְד זַיין אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער זַיי זָאלֶן נִיט אוֹיף הֶערֶן אוּנ זָאלֶן נִיט פַּר שְׁטֶערֶן פוּן דִי רֵייד פוּן דֶער תּוֹרָה לְמָרָנָן צוּ דִי לוֹמְדִים אוּנ רַבָּנִים דִי הֵיילִיגֶע חֲבֵרִים וָוס זֶענֶן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנ דִי וָואס זֶענֶן אִין בָּבֶל צוּ דִי עֶלְצְטֶע דַרְשָׁנִים אוּנ צוּ דִי עֶלְצְטֶע פוּן דִי פַּר טְרִיבֶּענֶע יוּדִין אוּנ צוּ דִי עֶלְצְטֶע פוּן דִי יְשִׁיבוֹת אוּנ צוּ דִי דַיָּינִים וָוס זִיצֶען אִין טוֹיעֶר פוּן מִשְׁפָּט כָּל תַּלְמִידֵיהוֹן צוּ אַלֶע זַייעֶרֶע תַּלְמִידִים אוּנ צוּ דִי תַּלְמִידִים פוּן זַייעָרֶע תַּלְמִידִים אוּנ צוּ אַלֶע דִי וָוס לֶערְנֶען תּוֹרָה לִשְׁמָהּ גָאט וָוס עֶר אִיז דֶער מֶלֶךְ פוּן דֶער וֶועלְט זָאל בֶּענְטְשֶׁען עֶר זָאל מֶערִין זַייעֶר לֶעבִּין אוּנ זָאל דֶר לֶענְגֶערְן זַייעֶרֶע טֶעג אוּנ זָאל זַיי דֶער לֶענְגֶערֶן זַייעֶרֶע יָארִין זַיי זָאלֶן דֶער לֵייזְט וֶוערֶן אוּנ גִיצוֹיל וֶוערֶן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּנ אוֹיךְ פוּן אַלֶע בֵּייזֶע קְרַאנְקְהַייט דֶער גָאט וָוס זִיצְט אִין הִימֶעל זָאל זַיין אִין זַייעֶר אוּנְטֶער לֶעהְנוּנְג אִין אַלֶע צַייטֶען זָאל עֶר זַיי מַצִּיל זַיין פוּן אַלֶעם בֵּייזֶען דְרוֹיף זָאגֶען מִיר אָמֵן:

ישלם שכרם. ויסיר מהם, כל מחלה, וירפא לכל גופם, ויסלח לכל עונם, וישלח ברכה והצלחה, בכל מעשה ידיהם. עם כל ישראל אחיהם, ונאמר אמן:

תחנה קודם הזכרת נשמות

דיא תחנה זאגט מען ווען מען איז מזכיר נשמות איידער מען הייבט אן יזכור:

יהי רצון עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר גאט דער גאט פון אלע לעבעדיגע אונ פון אלע נשמות פון דער וועלט אז אונזערע תפלות וואס ווען היינט גטאן ווערן בשעת מזכיר נשמות זיין. זאלן זיין מיט גרוס פארכט אונ צוטרעניש אונ מיט גרוס כוונה אז דער שטן זאל ניט געוועלטיגן אין זיי אונ זאלן אויף גיין פאר דיין כסא הכבוד אונ די הייליגע נשמות וואס מיר ווילן דער מאנען זאלן זיך דער וועקן צו מודיע זיין איינע די אנדערע ביז די אבות ואמהות הקדושים אונ מאכען וויסען איינע דיא אנדערע ביז אדם וחוה אז זייא זאלען מתקן זיין וואס זייא האבען גורם גיוועז דעם טוט אויף דער וועלט:

א) בזכות וואס איך בין מנדר צדקה לכבוד די נשמות פון אדם וחוה זאלען זיי זיך דער וועקן פון זייערע קברים צו בעטען אונ צו שרייען פאר גאט אויף אונז זייערע קינדער מיר זאלען גיבענטש ווערען צו לאנגע יאהר אונ מיר זאלען בשערמט ווערען פון צו גיטייט ווערען דורך דער שווערד פון דעם מלאך המות אונ אונזער נשמה זאל לייכטין מיט איר שיין אזו ווי דער מארגען שטערען אין הימעל:

ב) בזכות וואס איך בין מנדר לצדקה לכבוד דער נשמה פון אונזער פאטער נח זאל ער דער וועקט ווערען פון זיין קבר אויס צו בעטין פאר אונז אז מיר זאלען גיהוט ווערען פון דער מרה קרענקעניש אין וואסער אזו ווי השי"ת האט אים מציל גיוועזן פון דעם וואסער פון דעם מבול אונ מיר זאלען זיין גשיצט מיט דער שיין פון גאט אזו ווי ער מיט זיין ווייב מיט זיינע קינדער זענען גישיצט גיוועזן אין דער תיבה וואס גאט האט אים גיבאטען צו זיצען:

ג) בזכות וואס איך בין מנדר לצדקה לכבוד דער נשמה פון אברהם אבינו זאלסטו היטען מיך אונ מיין מאן אונ מיינע קינדער אונ כל ישראל פון פייער אונ פון ברענונג אזו ווי דו האסט איהם

מעשה אלפס

בצרכי צבור באמונה, דער ווארט „אמונה" באמערקט אויך אז גבאי בית המדרש וואס זעהען נאר אויף איינעם ר' שול עס זאל זיין „נחמד למראה" איז דאס ווייניג, עס דארף אויך זיין „טוב להשכיל", היינו האלטען רבנים לערנער מיטן צבור משניות, א בלאט גמרא, א פרשה חומש רש"י, עין יעקב, שו"ע וכדומה, עס זיינען פיל בתי מדרשים וואס זי נען פיין גימאלט, אז עס איז גרויספארטיק, אבער זיי זיינען אנגאנצען טאג פארשלאסין, צו מנחה ובפרט שבת קומט איין עולם און מ'רעדט דברים בטלים, לשון הרע. און עס קומט צו מחלוקת, מאנכע גבאים גייען גארנים אריין א גאנצע וואך אין שול, זיי קומען נאר שבת פריה, שטיין ביים ספר תורה, זיי רעכענען אז צרכי צבור הייסט, דער עולם זאל האבין וועמען צו געבין „מי שברך" גיין פיינע פייערע, ניט דאס הייסט צרכי צבור, ווי דער נביא שרייט (ישעיהו נ"ב: היכל"י), דעם עיקר האט איר פארלאזין און גיטראכט נאר דעם טפל, ביין משכן איז אויך ניט גיוועזן דער עיקר דיא חיצוניות נאר „ושכנתי בתוכם", די שכינה זאל רוהען צווישען אידין דורך תורה און עבודה. שלמה המ' ע"ה בעת ער האט גיבויט דעם ביהמ"ק און אים בא פוצט מיט אלע שיינקייט, האט דער בורא אים גיזאגט (הבית הזה אשר אתה בונה) איז דער עיקר (אם תלך בדרכי), אט דאס איז „באמונה" דיא גבאי ביהמ"ד זאלין איבערהויפט זעהען, אז דורך זייער ארבייט זאל גישטארקט ווערין ביי דאס פאלק די עקרי האמונה, מציאות השם, תורה מן השמים, השגחה בשכר ועונש און דאס קען נאר קומען דורך תורה און ספרים דאן וועט ר' כוונתם מקוים ווערין אויף זיי הקב"ה ישלם שכרם וכו'.

ניהוט פון דעם פייער פון דעם קאליך: אויבין און זאלסט אונז ליבר גאט ריין מאכען אונזערע נשמות פון אלע עונות חטאים ופשעים אונזער נשמה זאל ריין קומען אזו וויא מען האט זיא גיגעבין צו אונז אין אונזער גוף אריין:

ד) בזכות וואס איך בין מנדר לצדקה לכבוד דר נשמה פון אונזער מוטער שרה זאלסטו אונז ליבר גאט גידענקען דעם זכות פון איר צער אז מען הט איר גיזאגט מען הט איר איינציגן זוהן יצחק צו דער עקידה גיפירט און זיא זאל אן קלאפן אין די שערי רחמים צו זיין א גוטע מליצה פר אונז אז עס זאל ניט אוועק גענומען ווערן אונזער נשמה ביי אונז מיר זאלען ניט בלייבען קיין אלמנות און אונזערע קינדער קיין יתומים און מען זאל חס ושלום נישט אוועק נעמען אונזערע קינדער בייא אונזער לעבין:

ה) בזכות וואס איך בין מנדר לצדקה לכבוד דר נשמה פון אונזער פאטער יצחק זאלסטו דיך רבונו של עולם דר בארעמען איבר אונז צו היטען אונז פון אונזער טוט עס זאל נישט קומען קיין בראך פון קינדער אוף אונז ביי אונזער לעבען און מיר זאלען זוכה זיין צו מגדל זיין אונזערע קינדער צו דיין הייליגע תורה ומצות ומעשים טובים:

ו) בזכות וואס איך בין מנדר לצדקה לכבוד דר נשמה פון אונזער מוטער רבקה וואס זי הט גורם גיוועזין צו ברענגען די ברכות צו אונזער פאטער יעקב:

רבונו של עולם בענטש אונז צום גוטען לעבען און גוטע פרנסה און מיר זאלען אום גילייזט ווערן במהרה בימינו:

ז) בזכות וואס איך בין מנדר לצדקה לכבוד דער נשמה פון אונזער עלטער פאטער יעקב זאלסטו אונז ליבר גאט אפ היטען פון אלע מקטריגים און אלע וואס טוען ריידן אוף אונזער נשמה צו בייזען זיי זאלען ניט קענין מקטרג זיין אוף אונז אזו ווי דו האסט געהיטען אונזער פאטער יעקב פון די הענט פון עשו און פון לבן אזו זאלסטו אונז העלפען אז קיין שונא זאל אין אונז ניט דר פרייעט ווערען:

ח) בזכות וואס איך בין מנדר לצדקה לכבוד דר נשמה פון אונזער מוטער רחל זאל זי דער וועקט ווערין פון איר קבר צו וויינען און שרייען פר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה ער זאל מקיים זיין די הבטחה וואס ער הט איר צו גזאגט דס פון איר זכות וועגן וועט ער אונז אום קערען צו אונזער לאנד און איר זכות זאל אוף אונז מגין זיין אז דער גואל צדק זאל קומען גיך און באלד אין אונזערע טעג אמן ואמן:

ט) בזכות וואס איך בין מנדר לצדקה לכבוד דער נשמה פון אונזער מוטער לאה וואס זי הט טאג און נאכט גיקלאגט און גיוויינט זי זאל ניט פאלען אין דעם גורל פון עשו זאלסטו היטען מיין נשמה זיא זאל ניט פאלען אין דעם גורל פון די משחיתים און די מלאכי חבלה:

י) בזכות וואס איך בין מנדר לצדקה לכבוד דר נשמה פון יוסף הצדיק וואס ער הט גלות גילוטען און איז גיזעסען אין דער תפיסה איידער ער איז איין שני למלך גיווארען זאלסטו אונז רבונו של עולם היטען פון איין שום בלבול און פון גיפענקניש און עס זאל ניט שאטין קיין בייז אויג צו מיר און צו מיין מאן און צו מיינע קינדער און זאלסט אונז אוף ברענגען צו גרוס גדולה און אונזער נשמה זאל ניט גיפענקען ווערין אין די הענט פון די מחבלים:

יא) בזכות וואס איך בין מנדר לצדקה לכבוד דר נשמה פון משה רבינו עליו השלום וואס דו האסט אונז דורך אים

נגעבן די הייליגע תורה זאלסטו רבש״ע דר לייכטן אונזר נשמה צו מקיים זיין די תרי״ג מצות וואס איז אין איר געשריבן אונ זאלסט ריינגען אונזער נשמה פון עונות וחטאים ופשעים:

יב) בזכות וואס איך בין מנדר לצדקה לכבוד דר נשמה פון אהרן הכהן עליו השלום וואס ער איז גיוואנט גיוועזן צו מערן שלום צווישן די ישראל זאלסטו דר בארומדיגר גאט אן שרייען אין דעם שטן אונ אין אלע מקטריגים זיי זאלן ניט אוף ברענגין קיין רוגזה פאר דיר אוף אונזר נשמה אונ זאלסט ניט אפ טאן דיין שלום פון אונז:

יג) בזכות וואס איך בין מנדר לצדקה לכבוד דר נשמה פון דוד המלך עליו השלום וואס ער האט גזאגט צו גאט פיל שירות ותשבחות זאל זיין זכות דער וועקט ווערן אונ אוף גיין גלייך פאר דעם כסא הכבוד אונ השם יתברך זאל ממלא זיין אלע אונזערע בקשות וואס מיר בעטין צוא גוטען אונ משיח בן דוד זאל קומען אונז אום צו לייזען במהרה בימינו אמן:

יד) בזכות וואס איך בין מנדר לצדקה לכבוד דיא נשמות פון אלע צדיקים וצדקניות וואס זענין גיוועזן פון אדם הראשון ביז היינטיגער צייט זיי זאלען דר וועקט ווערן פון זייערע קברים צו בעטען פאר אונז אונ פאר כל ישראל צו היטען אונז פון דעם מלאך המות אונ עס זאל שון זיין תחיית המתים במהרה בימינו אמן:

אונ ווען מען האט גזאגט די אלע פערצעהען (בזכות) מוז מען צו טיילן נאך יום טוב פערצעהן מטבעות צו ארומי לייט חוץ וואס מען איז מנדר פון פאטער אונ מוטער וועגין אידר נאך פון אנדרי קרוביט וועגין:

אפרישע תחינה פאר מזכיר נשמות

יהי רצון מלפניך עס זאל זיין דר ווילן פון דיר גאט ב״ה דו זאלסט עפענין די טויערן פון רחמים אונ זאלסט דר וועקען היינטיגן טאג דיינע ערבארימקייט אוף די הייליגע נשמות דו זאלסט דיזען טאג דר מאנן אונ גדענקען צו מעלה זיין זיי צו דר הויבן. אונ צו דר הויכען זיי. צו געבען זיי מנוחה צווישען די הייליגע נשמות פון צדיקים אונ צדקניות. בזכות די תפלות פון די הייליגע תורה ובזכות די צדקה וואס מיר זענין מתנדב. זעה אונ פארגעם די גיוויינען אונ די טרערן וואס ווערן היינטיגן טאג פר גאסן אין אלע שולן אונ בתי מדרשים. אונ פארגעם מיינע טרערן אוך חאטשע איך בין ניט ווערט. נאר בזכות תפלת רבים זאלסטו מיין גוויין אוך הערן. דו זאלסט געבין רוהונג צו אלע הייליגע נשמות זיי זאלן רוען אין גן עדן אונ צו די הייליגע נשמה פון מיין (פלוני) וואס האט גהייסן מיט דעם נאמן (פלוני) מיינע זינד אונ מיינע בייזע מעשים זאלסטו איצט ניט דר מאנן איך זאל ניט גורם זיין חלילה מיט מיינע שלעכטע מעשים צו ערוועקין דעם מדת הדין אוף די נשמות פון מיינע עלטערען וואס האבן מיך גיבראכט אוף דר וועלט מיינע זינד זאלין ניט זיין אמחיצה פר זייערע נשמות הקדושות זיי זאלן ניט קענין קומען חלילה צו זייערע הייליגע מדריגות. נייערט אונזערע גוטע מעשים זאלסטו אוף זיי דר וועקין. דעם זכות פון אונזערע מצות אונ דעם זכות פון אונזר צדקה וואס מיר זאגן צו צו געבן. אונ בפרט דר זכות פון אונזרע קליינע קינדער זאל דר וועקט ווערין אוף די הייליגע נשמות פון אונזרע עלטערין וואס

האבן אונז געבראכט אויף דער וועלט. אז זייערע נשמות זאלען דער הויכט און דר הובן ווערן. בפרט זאלסטו גאט ב"ה דר הובן און אויף ברענגן אויף א הויכע מדריגה די נשמה פון מיין (פלוני) און דו זאלסט צו נעמען מיין געבעט ברחמים אמן:

וועגען דעם פאטערס נשמה זאגט מען דאס:

יזכור אלהים, נשמת אבא מורי פב"פ שהלך לעולמו, בעבור שאני נודר צדקה בעדו, בשכר זה תהא נפשו צרורה, בצרור החיים. עם נשמת אברהם יצחק ויעקב, שרה רבקה רחל ולאה, ועם שאר צדיקים וצדקניות, שבגן עדן, ונאמר אמן:

יזכור דו זאלסט גידענקען גאט די נשמה פון מיינעם פאטער ער הייסט מיט זיינעם נאמען פב"פ דער דא איז געגאנגען אויף יענער וועלט זאלסטו גדענקען אים אום ווילען דאס איך בין מנדר צדקה פון זיינעט וועגען און פאר דעם שכר זאל זיין נשמה רוען אין גן עדן מיט די נשמות פון אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה און אנדערי צדיקים און צדקניות די אין גן עדן זענין און מיר וועלן זאגן אמן:

וועגען דיא מוטערס נשמה זאגט מען דאס:

יזכור אלהים, נשמת אמי מורתי פב"פ שהלכה לעולמה, בעבור שאני נודר צדקה בעדה, ובשכר זה, תהא נפשה צרורה בצרור החיים, עם נשמת אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה. ועם שאר צדיקים וצדקניות, שבגן עדן, ונאמר אמן:

יזכור דו זאלסט גידענקען גאט די נשמה פון מיין מוטער זיא הייסט מיט איר נאמען פב"פ דאס זיא איז געווארען גנומען אויף יענער וועלט זאלסטו היינט גידענקען אום ווילען דאס איך בין מנדר צדקה פון אירעט וועגען און פאר דעם שכר זאל איר נשמה רוען אין גן עדן מיט די נשמות פון אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה און אנדערע צדיקים און צדקניות וואס אין גן עדן זענין און מיר וועלן זאגן אמן:

וועגען דיא נשמות פון פאטער און מוטער און ...ים פאטער און גרויס מוטער און ווייטע קרובים זאגט מען דאס:

יזכור אלהים, נשמת אבי ואמי, זקני וזקנותי, דודי ודודותי, אחי ואחיותי, בין מצד אבי, בין מצד אמי, שהלכו לעולמם. בעבור שאני נודר צדקה בעדם, ובשכר זה, תהיינה נפשותם צרורות בצרור החיים, עם נשמת אברהם יצחק ויעקב, שרה רבקה רחל ולאה, ועם שאר צדיקים וצדקניות, שבגן עדן, ונאמר אמן:

יזכור דו זאלסט גדענקען גאט די נשמה פון מיין עלטער פאטער פון מיינע ברידער און שוועסטער און פאטערס ברידער די וואס זענין געגאנגען אויף יענער וועלט אום ווילען דאס איך בין מנדר צדקה פון זייערט וועגען פאר דעם שכר זאלען זייערע נשמות רוען אין גן עדן מיט די נשמות פון אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה און די אנדערע צדיקים די אין גן עדן זענין און מיר וועלן זאגן אמן:

ווענען די נשמות וואס זענען געשטארבען אויף קידוש השם:

יִזְכּוֹר אֱלֹהִים, נִשְׁמַת פב"פ וְנִשְׁמַת כָּל קְרוֹבַי וּקְרוֹבוֹתַי, הֵן מִצַּד אָבִי
וְהֵן מִצַּד אִמִּי הֵן שֶׁהוּמְתוּ, הֵן שֶׁנֶּהֶרְגוּ, הֵן שֶׁנִּשְׁחֲטוּ וְשֶׁנִּשְׂרְפוּ
וְשֶׁנִּטְבְּעוּ וְשֶׁנֶּחְנְקוּ, עַל קִדּוּשׁ הַשֵּׁם, בַּעֲבוּר שֶׁאֶתֵּן צְדָקָה, בְּעַד
הַזְכָּרַת נִשְׁמוֹתֵיהֶם, וּבִשְׂכַר זֶה תִּהְיֶינָה נַפְשׁוֹתֵיהֶם, צְרוּרוֹת בִּצְרוֹר
הַחַיִּים, עִם נִשְׁמוֹתֵיהֶם, שֶׁל אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל
וְלֵאָה, וְעִם שְׁאָר צַדִּיקִים וְצִדְקָנִיּוֹת, שֶׁבְּגַן עֵדֶן, וְנֹאמַר אָמֵן:

יִזְכּוֹר דו זאלסט גידענקען גאט די נשמה פון דעם זעלביגען (פב"פ) אונ די נשמה
פון אלע מיינע פריינד אונ די נשמה פון מיינע פריינדם פריינד סייא די
חס זענין פון מיין פאטערס קרובים סייא פון מיין מוטערס קרובים אויך די וואס
זענין געשטארבען אויף זייער בעט אונ אויך די וואס ניט אויף זייער בעט זאלסטו
היינט גידענקען אום ווילען מיין געבען צדקה וועגן זייערע נשמות צו גידענקן אונ
זאלן רוען אין גן עדן מיט די נשמות פון אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל
ולאה אונ אנדרי צדיקים די אין גן עדן זענין אמן:

לזכר **אֵל** מָלֵא רַחֲמִים, שׁוֹכֵן בַּמְּרוֹמִים, הַמְצֵא מְנוּחָה נְכוֹנָה, עַל כַּנְפֵי
הַשְּׁכִינָה, בְּמַעֲלַת קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים, כְּזֹהַר הָרָקִיעַ מַזְהִירִים,
אֶת נִשְׁמַת אָבִי מוֹרִי פב"פ שֶׁהָלַךְ לְעוֹלָמוֹ. בַּעֲבוּר שֶׁאֲנִי נוֹדֵר צְדָקָה,
בְּעַד הַזְכָּרַת נִשְׁמָתוֹ. בְּגַן עֵדֶן תְּהֵא מְנוּחָתוֹ. לָכֵן בַּעַל הָרַחֲמִים,
יַסְתִּירֵהוּ, בְּסֵתֶר כְּנָפָיו לְעוֹלָמִים, וְיִצְרוֹר בִּצְרוֹר הַחַיִּים אֶת נִשְׁמָתוֹ.
יְיָ הוּא נַחֲלָתוֹ, וְיָנוּחַ עַל מִשְׁכָּבוֹ בְּשָׁלוֹם, וְנֹאמַר אָמֵן:

אל מלא גאט ברוך הוא וואס ער איז פול מיט דר בארימהערציקייט ער רוהעט אין הימל
המצא מאך גרייכען איין רעכטע רואונג אויף דעם באשיצונג פון דער שכינה
במעלת מיט היילינע אונ ריינע מעלות אזו ווי דם לויטערקייט פון הימל זאל לייכטן
את נשמת די נשמה פון מיין פאטער (פב"פ) וואס ער איז אוועק גגאנגען צו זיין וועלט
עס הייסט ער איז געשטארבען. פון וועגען וואס איך בין מנדר צדקה בשעת מען
האט דער מאנט זיין נשמה עס הייסט בשעת מען האט גיזאגט יזכור זיין רואונג
זאל זיין אין גן עדן דרום וועגען דער צדקה וואס איך בין מנדר. בע"ה גאט ברוך
הוא וואס ער איז איין דר בארמיגער זאל אים בהאלטן אין זיין בהעלטניש מיט
באשיצונג אויף אייביג אונ זאל זיין איין גיבונדען אין בונד פון אייביג לעבן זיין נשמה
דאס מיינט מען לעולם הבא יי גאט ב"ה איז זיין ארב אונ ער זאל רוען אין קבר
מיט שלום ונאמר אונ דרום וועלן מיר זאגען אמן:

ולנקבה **אֵל** מָלֵא רַחֲמִים, שׁוֹכֵן בַּמְּרוֹמִים, הַמְצֵא מְנוּחָה נְכוֹנָה, עַל
כַּנְפֵי הַשְּׁכִינָה, בְּמַעֲלַת קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים, כְּזֹהַר הָרָקִיעַ
מַזְהִירִים, אֶת נִשְׁמַת אִמִּי מוֹרָתִי פב"פ שֶׁהָלְכָה לְעוֹלָמָהּ, בַּעֲבוּר שֶׁאֲנִי

נודר צדקה, בעד הזכרת נשמתה. בגן עדן תהא מנוחתה. לכן בעל הרחמים, יסתירה בסתר כנפיו לעולמים, ויצרור בצרור החיים את נשמתה, יי הוא נחלתה, ותנוח על משכבה בשלום, ונאמר אמן:

אל מלא גאט ברוך הוא וואס ער איז פול מיט דר בארימקייט ער רועט אין הימל המצא מאך גרייכן איין רעכט רואונג אויף דעם בשיצונג פון דער שכינה במעלת מיט הייליגע אונ ריינע מעלות אזו וויא דם לויטרקייט פון הימל זאל לייכטן את נשמת די נשמה פון מיין מוטער (פב״פ) וואס זיא איז אוועק גגאנגן צו איר וועלט עס הייסט זיא איז געשטארבען בעבור פון וועגן וואס איך בין מנדר צדקה בשעת מען האט דער מאנט איר נשמה עס הייסט בשעת מען האט געזאגט יזכור איר רואונג זאל זיין אין גן עדן לכן דרום וועגן דר צדקה בעל גאט ברוך הוא וואס ער איז איין דר בארמיגר זאל איר בהאלטן אין זיין בהעלטעניש מיט באשיצונג אויף אייביג אונ זאל זיין איין גבונדן אין בונד פון אייביג לעבן איר נשמה דם מיינט מען לעולם הבא יי גאט ברוך הוא איז איר ארב אונ זיא זאל רוען אין קבר מיט שלום ונאמר אונ דרויף וועלן מיר אלע זאגען אמן:

לגדול הלכור מי שברך אבותינו אברהם יצחק ויעקב משה ואהרן דוד ושלמה הוא יברך את ר׳ (פב״פ) בעבור שנדר לצדקה בעד הנשמות שהזכירו היום לכבוד המקום ולכבוד התורה ולכבוד היום בשכר זה הקב״ה ישמרהו ויצילהו מכל צרה וצוקה מכל נגע ומחלה ויכתבהו ויחתמהו לחיים טובים בזה יום הדין וישלח ברכה והצלחה בכל מעשה ידיו עם כל ישראל אחיו ונאמר אמן:

מי שברך ווער דא הט גבענטשט אונזערי עלטערן אברהם יצחק ויעקב דר זאל בענטשן (ר׳ פב״פ) אום ווילן ה״כ ער הט מנדר גיוועזן צדקה אום ווילן די נשמות וואס מיר האבן היינט מזכיר גיוועזן פר השם יתברך אונ פון כבוד דר הייליגער תורה וועגין. זאל אים הקדוש ברוך הוא היטן אונ באשערמן פון אלע לייד אונ פון אלע וויטאג אין דער וועלט אונ זאל אונז אן חתמנן צום לעבן אונ צו גיזונד אין דעם יום הדין וואס היינט איז אונ שיק אים איין בענטשונג אונ באגליק אים אין אלע זיינע ווערק מיט כל ישראל זיינע ברידער אמן:

דיא תחנה זאל מען זאגען נאך מזכיר נשמות:

יהי רצון מלפניך עס זאל זיין דר ווילן פאר דיר מיין גאט אונ גאט פון מיינע עלטערן דם דו זאלסט לייכטן היינט מיט דיין גרויסן גינאד אויף די הייליגע נשמות די דא ריידן מיט לויב אונ בעטן אויף דיין הייליג פאלק ישראל אונ צווישן זיי זאלסטו דר לייכטן אויך די נשמה פון מיין פאטר אונ מוטער אונ אויך די נשמות פון אלע מיינע פריינד הן מצד אבי הן מצד אמי אונ אלע די נשמות וואס שטייען אין די דריי שורות פון גן עדן

אונ טוען לויבן גאט אונזר קיניג אונ זיי בעטען לעבן אונ פריד אויף אונז דיינע ליבע קינדר אויך בעט איך מיט גרויס קראפט דיין דר בארימקייט אז דיינע אויערן זאלן פר נעמען צו מיין גיבעט פר נעם מיט דר בארימקייט אז דו זאלסט מבטל זיין פון דיין פאלק ישראל אלע די גרים צארן פון די משחיתים אונ אלע די פורענות אונ זאלסט דר לענגרן אונזרע טעג מיט שמחה אונ מיט חיים ושלום ופרנסה טובה שיהיה אצלי תורה וגדולה

בשכר זה אחד דס זאל אויף אונז מקוים ווערן עושר וכבוד אריכות ימים ושנים כ״ג בעלי פנים עד מאה שנים און מיר זאלן דינן צו דיר גאט מיט גרוס נחת און עס זאל זיין דיין גנאד אויף אלע היילגע נשמות און אויף דר נשמה פון מיין פאטר און מוטר און זיי זאלן אויף גיין און זאלן קומן און זאלן גבייכן אז זיי זאלן ווערן גידאכט זייער גוט גידעכניש פר דיין היילגע דר בארמיגע שטול און דארטן זאל זיין זייער רואונג און דו זאלסט איין בינדן זייערע נשמות און די נשמות פון אבי ואמי לפני ולפנים אויף דעם היילגן ארט וואס קיין אונג קאן ניט פר שטיין נאר דו אליין און דו זאלסט לייכטן זייערע נפשות מיט לוטערקייט און זעט זיי מיט פעטקייט דיין הויז און דר באך פון גן עדן זאל זיי אן טרינקן און די נשמות וואס האבן קיין כח ניט צו קומן צו זייער רואונג און צווישן די נשמות איז די נשמה פון מיינע קרובים בעט איך דיך דו ליבר גאט דר דא לייכט אויף דר ערד און די לייט וואס וואנען אויף דר ערד בארעמדיגר גאט דר לייכט דיין שכינה און זאלסט צו דעקן זייערע עבירות און זאלסט זאגען צום מלאך וואס איז ממונה איבר זיי צו גריגרן פון זיי דם משפט און איטליכר זאל גיפינען זיין רעכטע רואונג בשלום און זיי זאלן גיין ממדרגה למדרגה אונטר די פליגל פון די כרובים אמן:

אב הרחמים, שוכן מרומים, ברחמיו העצומים: הוא יפקוד ברחמים, החסידים והישרים והתמימים. קהלות הקודש, שמסרו נפשם, על קדושת השם: הנאהבים והנעימים בחייהם, ובמותם לא נפרדו: מנשרים קלו, ומאריות גברו, לעשות רצון קונם, וחפץ צורם: יזכרם אלהינו, לטובה, עם שאר צדיקי עולם: וינקום לעינינו, נקמת דם עבדיו, השפוך. ככתוב בתורת משה, איש האלהים, הרנינו גוים עמו, כי דם עבדיו, יקום, ונקם, ישיב לצריו, וכפר אדמתו עמו: ועל ידי עבדיך הנביאים, כתוב לאמר. ונקיתי, דמם לא נקיתי, ויי, שוכן בציון: ובכתבי הקודש נאמר, למה יאמרו הגוים, איה אלהיהם, יודע בגוים לעינינו, נקמת דם עבדיך, השפוך: ואומר, כי דורש דמים, אותם זכר, לא שכח, צעקת ענוים: ואומר, ידין בגוים, מלא גויות, מחץ ראש, על ארץ רבה, מנחל בדרך ישתה, על כן, ירים ראש:

פאר אשרי זאגט דער חזן דאס:

יה אלי וגואלי, אתיצבה לקראתך. היה ויהיה. היה והוה. כל גוי אדמתך: ותודה. ולעולה. ולמנחה. ולחטאת. ולאשם. ולשלמים. ולמלואים, כל קרבנך: זכור נלאה, אשר נשאה, והשיבה לאדמתך. סלה אהללך, באשרי יושבי ביתך: דק על דק. עד אין נבדק. ולתבונתו, אין חקר: האל נורא. באחת סקירה. בין טוב

לָרַע יְבַקֵּר: ותודה ולעולה זכור נלאה אֲדוֹן צְבָאוֹת. בְּרוֹב פְּלָאוֹת. חִבֵּר כָּל אָהֳלוֹ. בִּנְתִיבוֹת לֵב. לְבַלֵּב. הַצּוּר, תָּמִים פָּעֳלוֹ: ותודה ולעולה זכור נלאה. אשרי וכו׳

אַשְׁרֵי יוֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ עוֹד, יְהַלְלוּךָ סֶּלָה: אַשְׁרֵי הָעָם, שֶׁכָּכָה לּוֹ אַשְׁרֵי הָעָם, שֶׁיְיָ אֱלֹהָיו: תְּהִלָּה לְדָוִד, אֲרוֹמִמְךָ אֱלוֹהַי הַמֶּלֶךְ וַאֲבָרְכָה שִׁמְךָ, לְעוֹלָם וָעֶד: בְּכָל יוֹם, אֲבָרְכֶךָּ וַאֲהַלְלָה שִׁמְךָ, לְעוֹלָם וָעֶד: גָּדוֹל יְיָ, וּמְהֻלָּל מְאֹד וְלִגְדֻלָּתוֹ, אֵין חֵקֶר: דּוֹר לְדוֹר יְשַׁבַּח מַעֲשֶׂיךָ וּגְבוּרֹתֶיךָ יַגִּידוּ: הֲדַר כְּבוֹד הוֹדֶךָ וְדִבְרֵי נִפְלְאוֹתֶיךָ, אָשִׂיחָה: וֶעֱזוּז נוֹרְאוֹתֶיךָ יֹאמֵרוּ וּגְדֻלָּתְךָ אֲסַפְּרֶנָּה: זֵכֶר רַב טוּבְךָ, יַבִּיעוּ וְצִדְקָתְךָ יְרַנֵּנוּ: חַנּוּן וְרַחוּם יְיָ, אֶרֶךְ אַפַּיִם, וּגְדָל חָסֶד: טוֹב יְיָ לַכֹּל וְרַחֲמָיו, עַל כָּל מַעֲשָׂיו: יוֹדוּךָ יְיָ, כָּל מַעֲשֶׂיךָ וַחֲסִידֶיךָ, יְבָרְכוּכָה: כְּבוֹד מַלְכוּתְךָ, יֹאמֵרוּ וּגְבוּרָתְךָ, יְדַבֵּרוּ: לְהוֹדִיעַ לִבְנֵי הָאָדָם, גְּבוּרֹתָיו וּכְבוֹד, הֲדַר מַלְכוּתוֹ: מַלְכוּתְךָ, מַלְכוּת כָּל עֹלָמִים וּמֶמְשַׁלְתְּךָ, בְּכָל דּוֹר וָדוֹר: סוֹמֵךְ יְיָ, לְכָל הַנֹּפְלִים וְזוֹקֵף, לְכָל הַכְּפוּפִים: עֵינֵי כֹל, אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם, אֶת אָכְלָם, בְּעִתּוֹ: פּוֹתֵחַ, אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי, רָצוֹן: צַדִּיק יְיָ, בְּכָל דְּרָכָיו וְחָסִיד, בְּכָל מַעֲשָׂיו: קָרוֹב יְיָ, לְכָל קֹרְאָיו לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת: רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה וְאֶת שַׁוְעָתָם יִשְׁמַע, וְיוֹשִׁיעֵם: שׁוֹמֵר יְיָ אֶת כָּל אֹהֲבָיו וְאֵת כָּל הָרְשָׁעִים, יַשְׁמִיד: תְּהִלַּת יְיָ, יְדַבֶּר פִּי, וִיבָרֵךְ כָּל בָּשָׂר, שֵׁם קָדְשׁוֹ, לְעוֹלָם וָעֶד: וַאֲנַחְנוּ, נְבָרֵךְ יָהּ, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, הַלְלוּיָהּ:

סדר הכנסת ספר תורה.

חזן יְהַלְלוּ, אֶת שֵׁם יְיָ, כִּי נִשְׂגָּב שְׁמוֹ, לְבַדּוֹ:

קהל הוֹדוֹ, עַל אֶרֶץ וְשָׁמָיִם. וַיָּרֶם קֶרֶן, לְעַמּוֹ, תְּהִלָּה לְכָל חֲסִידָיו, לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל, עַם קְרוֹבוֹ, הַלְלוּיָהּ:

אוּם שַׁבָּת זָאגְט מֶען דָאס:

מִזְמוֹר לְדָוִד, הָבוּ לַייָ, בְּנֵי אֵלִים הָבוּ לַייָ, כָּבוֹד וָעֹז: הָבוּ לַייָ, כְּבוֹד שְׁמוֹ הִשְׁתַּחֲווּ לַייָ. בְּהַדְרַת קֹדֶשׁ: קוֹל יְיָ, עַל הַמָּיִם, אֵל הַכָּבוֹד הִרְעִים יְיָ, עַל מַיִם רַבִּים: קוֹל יְיָ, בַּכֹּחַ קוֹל יְיָ, בֶּהָדָר: קוֹל יְיָ, שֹׁבֵר אֲרָזִים וַיְשַׁבֵּר יְיָ, אֶת אַרְזֵי הַלְּבָנוֹן: וַיַּרְקִידֵם, כְּמוֹ עֵגֶל לְבָנוֹן וְשִׂרְיוֹן, כְּמוֹ בֶן רְאֵמִים: קוֹל יְיָ, חֹצֵב, לַהֲבוֹת אֵשׁ: קוֹל יְיָ, יָחִיל מִדְבָּר יָחִיל יְיָ, מִדְבַּר קָדֵשׁ: קוֹל יְיָ, יְחוֹלֵל אַיָּלוֹת, וַיֶּחֱשֹׂף יְעָרוֹת, וּבְהֵיכָלוֹ, כֻּלּוֹ, אֹמֵר כָּבוֹד: יְיָ לַמַּבּוּל יָשָׁב וַיֵּשֶׁב יְיָ, מֶלֶךְ לְעוֹלָם: יְיָ, עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן יְיָ, יְבָרֵךְ, אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם:

אִין דֶער וָואכִין זָאגְט מֶען דָאס

לְדָוִד מִזְמוֹר, לַייָ הָאָרֶץ, וּמְלוֹאָהּ תֵּבֵל, וְיוֹשְׁבֵי בָהּ: כִּי הוּא, עַל יַמִּים יְסָדָהּ וְעַל נְהָרוֹת, יְכוֹנְנֶהָ: מִי יַעֲלֶה, בְהַר יְיָ, וּמִי יָקוּם, בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ: נְקִי כַפַּיִם. וּבַר לֵבָב, אֲשֶׁר לֹא נָשָׂא לַשָּׁוְא, נַפְשִׁי וְלֹא נִשְׁבַּע, לְמִרְמָה: יִשָּׂא בְרָכָה, מֵאֵת יְיָ וּצְדָקָה, מֵאֱלֹהֵי יִשְׁעוֹ: זֶה, דּוֹר דֹּרְשָׁיו, מְבַקְשֵׁי פָנֶיךָ, יַעֲקֹב, סֶלָה: שְׂאוּ שְׁעָרִים, רָאשֵׁיכֶם, וְהִנָּשְׂאוּ, פִּתְחֵי עוֹלָם וְיָבוֹא, מֶלֶךְ הַכָּבוֹד: מִי זֶה, מֶלֶךְ הַכָּבוֹד יְיָ, עִזּוּז וְגִבּוֹר יְיָ, גִּבּוֹר מִלְחָמָה: שְׂאוּ שְׁעָרִים, רָאשֵׁיכֶם, וּשְׂאוּ, פִּתְחֵי עוֹלָם וְיָבֹא, מֶלֶךְ הַכָּבוֹד: מִי הוּא זֶה, מֶלֶךְ הַכָּבוֹד, יְיָ צְבָאוֹת הוּא, מֶלֶךְ הַכָּבוֹד, סֶלָה:

וען מען דיא ספר תורה אין היכל שטעלט זאגט מען דאס:

